MI-MAAYAN HA-HOKHMAH SHEL AM YISRAEL

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

ישראל שטיינברג

*

ממעין החכמה של עם ישראל

חכמה פון יידישן קוואל

אפאריזמען, מאמרי חז"ל און גלייכווערטער

ישראל שטינברג

ממעין החכמה
של עם ישראל

חכמה פון ייִדישן קוואַל

פתגמים, מאמרי חז״ל ואמרות
אפאריזמען, מאמרי חז״ל און גלייכווערטער

הוצאת י.ל. פרץ
ישראל
1962

ISRAEL STEINBERG

HOHME FUN YIDDISHN QUAL

Publishing-House I. L. Peretz
31 Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

הוצאת הספרים ע"ש י. ל. פרץ
תל אביב, רח' אלנבי 31

נדפס בישראל 1962
Printed in Israel 1962

דפוס „אורלי", ת"א, יסוד המעלה 27

לזכרם של קדושי זארומב שעונו באכזריות
בידי הנאצים הטמאים ונקברו חיים בקבר אחים
בכפר שולבוז׳ ביום י׳ באלול תש״א

צום אָנדענק פון די זאַראָמבער קדושים,
וועלכע זענען אכזריותדיק געפייניקט געוואָרן
דורך די טמאדיקע נאַצים און לעבעדיקערהייט
באַגראָבן געוואָרן אין ברידער־קבר אין דאָרף
שולבאָזש, דעם 2־טן סעפּטעמבער 1941.

הקדמה

„פסוק בזמנו כנהמא (כלחם) בשעת רעבון". (כלה רבתי א').

בספר זה כונסו פסוקים ופתגמים מן התנ"ך, מאמרי חז"ל ואמרות מן התלמוד והמדרשים, מן הספרות העברית המאוחרת, ומפי העם.

בפניני הספרות האלה מתגלמים חכמת חיים, מוסר היהדות וכמיהה לארץ ישראל.

בקובץ באים לידי גילוי וביטוי ערכי רוח של האומה הישראלית והשקפות אבותינו על חיי עולם וחיי שעה, על האדם והחברה, על ארץ־ישראל ועם ישראל.

כל החומר מסודר לפי נושאים, והנושאים — בסדר אלף־בית.

התרגום ללשון יידיש יקרב את יהודי התפוצות אל המקורות הספרותיים הקדומים ואל היצירה הספרותית המאוחרת ויחזק את הברית בין שתי השפות־האחיות של העם היהודי, אשר בהן משתקפת נשמת ישראל ומתגלה רוח האומה.

אני מקווה שהאוסף הזה יגרום עונג ותועלת לכל המעיין בו.

ישראל שטינברג

פאָרוואָרט

„אַ פסוק אין זיין צייט איז ווי ברויט אין אַ הונגער".

אין דעם דאָזיקן בוך זענען געזאַמלט פסוקים און אַפאָריזמען פון תנ"ך, מאמרי חז"ל און גלייכווערטלעך פון תלמוד און מדרש, פון דער שפּעטערער העברעישער ליטעראַטור און פון פאָלקס־שאַפונגען.

אין די דאָזיקע ליטעראַרישע פּערל, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז לעבנס־חכמה, יידישער מוסר און בענקעניש צו ארץ־ישראל.

אין דער זאַמלונג קומען צום אויסדרוק די גייסטיקע ווערטן פון דער יידישער אומה און דער קוק פון אונדזערע עלטערן אויף חיי־עולם און חיי־שעה, אויף דעם מענטש ווי אַ יחיד און אויף דער געזעלשאַפט, אויפן יידישן לאַנד און יידישן פאָלק. דער מאַטעריאַל איז איינגעסדרט לויט טעמעס, די טעמעס ווידער — לויטן סדר פון אלף־בית.

די איבערזעצונג אויף יידיש וועט דערנענטערן די יידן פון די תפוצות צו אונדזערע אַלטע מקורות און צו די שפּעטערע ליטעראַרישע שאַפונגען אויף העברעיש און וועט שטאַרקן דעם בונד צווישן די צוויי שוועסטער־שפּראַכן פון אונדזער אומה, וואָס אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ די יידישע נשמה און עס אַנטפּלעקט זיך דער גייסט פון פאָלק.

איך האָף, אַז די זאַמלונג וועט פאַרשאַפן פאַרגעניגן און ברענגען נוצן דעם לייענער.

ישראל שטיינבערג

תוכן — אינהאַלט

אדם

1 אין לך אדם שאין לו שעה. (אבות ד)

2 בשר ודם היום כאן ומחר בקבר. (ברכות כח)

3 ומותר האדם מן הבהמה אין. (קוהלת ג׳ 19)

4 נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא. (עירובין יג)

5 האדם הוא עולם קטן. (בחיי)

6 אדם מטמא עצמו מעט, מטמאין אותו הרבה. (יומא לט)

7 אדם מקדש עצמו מעט, מקדשין אותו הרבה. (יומא לט)

8 אדם קרוב אצל עצמו. (סנהדרין ט)

9 האיש ואשתו הוא האדם. (ר׳ אברהם אבן־עזרא)

10 אין לך אדם יותר גלמוד ממי שיאהב את עצמו. (ר׳ א. אבן־עזרא)

11 בני אדם דומים לעשבי השדה: הללו נוצצין, והללו נובלין. (עירובין נד)

12 אין אדם טורח בסעודה ומפסידה. (יבמות קז)

13 אין אדם יודע מה בלבו של חברו. (פסחים נד)

14 העולם הזה דומה לפרוזדור. (אבות ד, טז)

15 האי עלמא אושפיזא. (מועד קטן ט)
(העולם הזה אכסניה הוא)

16 כיון שנצטרך אדם לבריות, פניו משתנות. (ברכות קיח)

17 קשין מזונותיו של אדם יותר מן הגאולה. (פסחים קיח)

18 קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים־סוף. (פסחים קיח)

מענטש

1 נישטאָ קיין מענטש, וואָס האָט נישט זיין שעה.

2 אַ בשר ודם — היינט איז ער דאָ און מאָרגן אין קבר.

3 קיין מעלה פון מענטשן איבער דער בהמה איז נישטאָ (אין פיזיאָ־לאָגישן זין).

4 בעסער וואָלט געווען דעם מענטש, ווען ער וואָלט בכלל נישט געבוירן געוואָרן.

5 דער מענטש איז אַ קליין וועלטל.

6 אויב דער מענטש אַליין מאַכט זיך אַ ביסל טמא, לאָזט מען אים שוין זיך מטמא זיין אַ סך.

7 אַז אַ מענטש הייליקט זיך אַ ביסל, העלפט מען אים צו הייליקן זיך אַ סך.

8 אַ מענטש איז נאָענטער צו זיך אַליין.

9 מענטש — דאָס איז מאַן און ווייב.

10 נישט פאַראַן קיין מער עלנטער מענטש ווי דער עגאָיסט.

11 מענטשן זענען געגליכן צו גראָזן: די שפּראָצן אויף און יענע וועלקן.

12 אַז אַ מענטש גרייט צו אַ סעודה, וויל ער פון איר געניסן.

13 קיינער ווייסט נישט וואָס ביי יענעם אין האַרצן.

14 די וועלט איז געגליכן צו אַ קאָרידאָר.

15 די וועלט איז בלויז אַן אכסניה.

16 ווער עס קומט אָן צו מענטשן, ביי דעם פאַרענדערט זיך דאָס פּנים (פאַר בושה).

17 די פּרנסה פון מענטשן איז שווערער ווי ברענגען די גאולה.

18 די פּרנסה פון מענטשן איז שווער ווי שפּאַלטן דעם ים.

19 זכין לאדם שלא בפניו. (עירובין מו)

20 אין אדם אוסר דבר שאינו שלו. (פסחים ד)

21 בשלושה דברים אדם משתנה מחברו: בקול, במראה ובדעת. (סנהדרין לח).

22 כל אדם שאין בו דעה, אסור לרחם עליו. (סנהדרין צב)

23 אין אדם מבקש לשמוע אלא דברי ברכות ונחמות. (שיר השירים רבה ב)

24 לעולם יהא אדם רואה את עצמו כאלו חציו זכאי וחציו חייב. (קידושין מ).

25 על כרחך אתה חי ועל כרחך אתה מת. (אבות ד)

26 אדם להבל דמה, ימיו כצל עובר. (תהלים קמד, 4)

27 אנוש כחציר ימיו. (תהלים קג, 15)

28 אדם זורע — ספק אוכל, ספק אינו אוכל. (סוכה מט)

29 אדם דואג על איבוד דמיו ואינו דואג על איבוד ימיו. (פתגם עממי)

30 אדם ילוד אשה קצר ימים ושבע רוגז. (איוב יד, 1)

31 אדם יסודו מעפר וסופו לעפר. (תפילה)

32 בשלשה דברים אדם ניכר: בכוסו ובכיסו ובכעסו. (עירובין סה)

33 רק אחר נזקו יחכם האדם. (פתגמים של חכמים)

34 בשר ודם מתנתו מעוטה וחרפתה מרובה. (ירושלמי ברכות פ"ד, ה)

35 כשם שאין פרצופי בני־אדם דומים, כך אין דעותיהם דומות. (במדבר רבה כא).

19 מען איז מזכה אַ מענטשן אויף הינטער זיינע אויגן.

20 אַ מענטש קאָן נישט פאַרבאָטן אַ זאַך וואָס קער נישט צו אים.

21 מענטשן אונטערשיידן זיך איינער פון אַנדערן מיט דריי זאַכן: מיטן קול, מיטן אויסזען און מיטן פאַרשטאַנד.

22 אויף אַ מענטשן אָן דעה (וויסן), טאָר מען נישט רחמנות האָבן.

23 אַ מענטש באַגערט צו הערן נאָר ברכות און טרייסט־ווערטער.

24 תמיד דאַרף אַ מענטש זיך האַלטן פאַר אַ האַלב־גוטן און אַ האַלב־שלעכטן.

25 קעגן דיין ווילן לעבסטו און קעגן דיין רצון שטאַרבסטו.

26 אַ מענטש איז געגליכן צו אַן אָטעם־צי, זיינע טעג גייען ווי אַ שאָטן פאַרביי.

27 דער מענטש — אַזוי ווי גראָז זענען זיינע טעג.

28 דער מענטש זייט די תבואה, אָבער ער וויס נישט, צי ער וועט זי עסן.

29 דער מענטש זאָרגט וועגן זיין געלט, וואָס גייט פאַרלוירן און נישט וועגן זיינע יאָרן, וואָס גייען פאַרביי.

30 דער מענטש, געבוירן פון אַ פרוי, האָט קורצע טעג און אַ סך פאַרדראָס.

31 אַ מענטש שטאַמט פון דער ערד און קערט זיך צו איר אום.

32 אַ מענטשן דערקענט מען לויט דריי זאַכן: לויטן גלעזל (צי ער איז נישט קיין שיכור), לויטן בייטל (צי ער איז נישט קיין קאַרגער) און לויטן כעס.

33 בלויז נאָכן שאָדן ווערט דער מענטש קלוג.

34 דעם מענטשנס גאָב איז קליין און די חרפה איז גרויס.

35 אַזוי ווי די פנימער פון מענטשן זענען נישט גלייך, אַזוי זענען אויך זייערע דעות פאַרשידן.

36 **סוף אדם למות וסוף בהמה לשחיטה.** (ברכות יז)

37 **שלשה דברים מרחיבין דעתו של אדם: דירה נאה ואשה נאה וכלים נאים.** (ברכות נז)

38 **שלשה משיבין דעתו של אדם. אלו הם: קול ומראה וריח.** (ברכות נז)

39 **אין אדם מעז פניו בפני בעל חובו.** (בבא מציעא ג)

40 **כל זמן שאדם חי יש לו תקוה.** (ירושלמי ברכות פ"ט).

41 **כיון שהגיע קיצו של אדם, הכול מושלים בו.** (נדרים, מא)

42 **כמה שנותיו של אדם? — שבעים שנה.** (שבת, פט)

43 **אין שלטון ביום המות.** (קוהלת ח, 8)

44 **הכול הולך אל מקום אחד.** (קוהלת ג, 20)

45 **הכול היה מן העפר והכל שב אל העפר.** (קוהלת ג, 20)

46 **מי גבר יחיה ולא יראה מות?** (תהלים פט, 49)

47 **מקרה אחד יקרה את כולם.** (קוהלת ב, 14)

48 **דור הולך ודור בא, והארץ לעולם עומדת.** (קוהלת א, 4)

49 **אדם בא לעולם בידים קפוצות, כלומר: כל העולם שלי הוא, ונפטר מן העולם בידים פשוטות, כלומר: לא נטלתי מן העולם הזה כלום.** (קוהלת רבה, פרשה ה)

50 **אדם בא לעולם בקול ונפטר מן העולם בקול, בא לעולם בבכיה ונפטר מן העולם בבכיה.** (קוהלת רבה, פרשה ה)

51 **אדם הראשון מכל העולם הוצבר עפרו.** (סנהדרין לח)

36 דער סוף פון מענטשן איז צו שטאַרבן, פון דער בהמה — צו דער שחיטה.

37 דריי זאַכן פאַרשאַפן דעם מענטשן אַ נחת־רוח: אַ באַקוועמע דירה, אַ שיינע פרוי און פיינע כלים (שטוב־זאַכן).

38 דריי זאַכן באַרויקן דעם מענטשן: אַ זיס קול, אַ שיין געשטאַלט און אַן אָנגענעמער ריח.

39 אַ מענטש קאָן נישט מעיז פּנים זיין קעגן דעם, ויעמען ער איז שולדיק אַ חוב.

40 כל זמן אַ מענטש לעבט האָט ער אַ האָפענונג.

41 ווען עס קומט אָן דער סוף פונעם מענטשן, געוועלטיקן אַלע איבער אים.

42 ווי לאַנג לעבט דער מענטש? — זיבעציק יאָר.

43 נישטאָ קיין געוועלטיקונג אין טאָג פון טויט.

44 אַלץ גייט צוריק אין איין אָרט (צו דער ערד).

45 אַלץ קומט פון דער ערד און אַלץ גייט צו איר צוריק.

46 וואָסער מענטש קאָן לעבן און נישט זען דעם טויט?

47 איין גורל איז באַשטימט פאַר אַלעמען.

48 אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט, און די ערד באַשטייט אייביק.

49 אַ מענטש ווערט געבוירן מיט פאַרמאַכטע הענט, ווי ער וואָלט געזאָגט: די גאַנצע וועלט איז מיינע; ער שטאַרבט מיט אָפענע, צעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט געזאָגט: איך נעם גאָרנישט מיט זיך מיט.

50 אַ מענטש קומט אויף דער וועלט מיט אַ געשריי און גייט פון איר אַוועק מיט אַ געשריי; ער איז געבוירן געוואָרן מיט אַ געוויין און שטאַרבט מיט אַ געוויין.

51 אדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן פון ערד, וואָס איז צונויפגענומען געוואָרן פון פאַרשידענע ערטער פון דער וועלט. געמיינט: אַלע שטחים פון דער וועלט דאַרפן זיין באַפעלקערט (און צוטריטלעך פאַר יעדן מענטש).

אהבה ושנאה

1 ואהבת לרעך כמוך. (ויקרא יט, 18)

2 ואהבתם את הגר. (דברים י, 19)

3 יש אוהב דבק מאח. (משלי יח, 24)

4 עזה כמות אהבה. (שיר השירים ח, 6)

5 בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך. (משלי כד, 17)

6 שנאה תעורר מדנים. (משלי י, 12)

7 אהבה התלויה בדבר, בטל דבר — בטלה אהבה. (אבות ה, יט)

8 אהבה מקלקלת את השורה ושנאה מקלקלת את השורה.
(בראשית' רבה נה)

9 בשנאה מהרסים עולמות, באהבה בונים עולמות. (פתגם עממי)

10 גדולה שנאה ששונאים עמי־הארץ לתלמיד־חכם. (פסחים מט)

11 נאמנים פצעי אוהב ונעתרות נשיקות שונא. (משלי כז, 6)

12 מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה.
(שיר השירים ח, 7)

13 עין הרע ויצר הרע ושנאת הבריות מוציאין את האדם מן העולם.
(אבות ב, יא)

14 הוה אוהב את הבריות ומכבדן. (דרך־ארץ זוטא א)

15 נוח לקנות שונא וקשה לקנות אוהב. (ילקוט שמעוני, ואתחנן)

16 איזהו גבור שבגבורים? — מי שעושה שונאו אוהבו.
(אבות דרבי נתן כג)

17 בעוון שנאת חינם מריבה רבה בתוך ביתו של אדם. (שבת עב)

ליבשאַפט און פיינטשאַפט

1 האָב ליב דעם אַנדערן ווי זיך אַליין.

2 איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן (דעם ניי־אָנגעקומענעם).

3 פאַראַן אַ פריינט, וואָס איז טרייער פון אַ ברודער.

4 שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט.

5 אַז דיין שונא פאַלט, זאָלסטו זיך נישט פרייען, אַז ער ווערט געשטרויכלט, זאָל נישט אָנקווועלן דיין האַרץ.

6 שנאה וועקט אויף קריגערייען.

7 ליבשאַפט וואָס הענגט אָפּ אין אַ זאַך ווערט בטל, ווי עס ווערט בטל די זאַך.

8 (בלינדע) ליבשאַפט, פונקט ווי שנאה, פירט אַראָפּ דעם מענטשן פון גלייכן וועג.

9 מיט שנאה צעשטערט מען וועלטן און מיט ליבשאַפט בויט מען זיי אויף.

10 גרויס איז די שנאה, וואָס טראָגן די עמי־הארצים לגבי דעם תלמיד־חכם.

11 גינציק זענען די ווונדן פון אַ פריינט און איבערדריסיק זענען די קושן פון אַ שונא.

12 גרויסע וואַסערן קאָנען נישט פאַרלעשן די ליבשאַפט, און טייכן וועלן זי נישט אָוועקפלייצן.

13 נישט־פאַרגינעריי, יצר־הרע און שנאה ברענגען אום דעם מענטשן פון דער וועלט.

14 האָב ליב און שעץ אַלע מענטשן.

15 גרינג איז צו באַקומען אַ שונא און שווער צו דערווערבן אַ פריינט.

16 ווער איז דער גרעסטער גבור? — דער, וואָס מאַכט זיין שונא פאַר זיין פריינט.

17 צוליב שנאת חינם ברעכן אויס גרויסע קריגערייען אין שטוב.

18 **גדול העושה מאהבה יותר מן העושה מיראה.** (סוטה לא)

19 **לא תשנא את אחיך בלבבך.** (ויקרא יט, 17)

20 **שנאת הבריות מוציאה את האדם מן העולם.** (לפי אבות ב)

21 טוב שונא גלוי מידיד כוזב. (פתגם עממי)

22 **מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים!** (שיר השירים ז, 7)

23 **אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה — בוז יבוזו לו.**
(שיר השירים ח, 7)

24 **כורה שחת בה יפול.** (משלי כו, 27)

25 **גולל אבן אליו תשוב.** (משלי כו, 27)

26 **אם רעב שונאך האכילהו לחם, ואם צמא השקהו מים.** (משלי כה, 21)

27 **על כל פשעים תכסה אהבה.** (משלי י, 12)

28 **לא יאמר אדם: „אהב את החכמים ואשנא את עמי הארץ",**
אלא אֱהַב את כולם. (אבות דרבי נתן, טז)

18 דער וואָס טוט גוטע מעשים פון ליבשאַפט־וועגן שטייט העכער פון דעם, וואָס טוט אויס מורא (פאַר גאָט).

19 זאָלסט אין האַרצן נישט טראָגן קיין שנאה אויף דיין ברודער.

20 שנאה ברענגט אום דעם מענטשן פון דער וועלט.

21 בעסער אַן אָפענער שונא, איידער אַ פאַלשער פריינט.

22 ווי שיין און אָנגענעם ביסטו, ליבשאַפט, מער פון אַלע תענוגים!

23 אַז אַ מענטש זאָל געבן פאַר ליבשאַפט דעם גאַנצן הויזפאַרמעג, וועט מען אים בלויז פאַראַכטן.

24 ווער עס גראָבט אַ גרוב פאַר יענעם, וועט אין אים אַליין אַריינפאַלן.

25 ווער עס קייקלט אַ שטיין אויף יענעם, וועט אַליין פון אים געטראָפן ווערן.

26 אַז דיין שונא איז הונגעריק — גיב אים ברויט צו עסן, אַז ער איז דאָרשטיק — גיב אים וואַסער צו טרינקען.

27 ליבשאַפט פאַרדעקט אַלע פאַרברעכנס.

28 אַ מענטש זאָל נישט זאָגן: „איך וועל ליב האָבן חכמים און פיינט האָבן עמי־הארצים", נאָר ער דאַרף ליב האָבן אַלע מענטשן.

אושר

1 אין איש מאושר בארץ ידמה, כי אין מאושר ממנו. (ספר המידות)

2 האושר שמביאה עמה אהבת החסד רב בעצם מזה הבא עם התועלת הפרטית. (מ. מנדלסון)

3 לדעת כי אחרים אומללים ועוד יותר ממנו, גם זה אושר, אבל אוי לו לאושר כזה. (מ. ד. ברנדשטטר)

4 תחילת אושר שנאת עושר. (משלי אגור)

5 מתכלית האושר, כשהאדם יכול לרסן ולבלום את נפשו. (ש. בן־גבירול)

6 לא יעלה האדם לחיי אושר, אלא אחרי הפורענות. (מ. אבן־עזרא)

7 כל עוד לא נמלא את החובות המוטלות עלינו לא יהא האושר נמצא לנו. (מ. מנדלסון)

8 יוצר אשרו ושלומו הוא האדם לבדו. (פתגמים של חכמים)

9 הכשרון להביא אושר הוא הבחינה היותר גבוהה של שלמות עצמותו של האדם. (פתגמים של חכמים)

10 עשה אותנו מאושרים — והיינו גם טובים. (פתגם סופרים)

11 מה בין אושר לחכמה? החושב את עצמו למאושר באמת מאושר הוא, ואילו זה החושב את עצמו לחכם, בידוע שהוא הגדול שבכסילים. (פתגם סופרים)

12 לעולם אין אדם אומלל או מאושר, במידה שהוא מדמה לעצמו. (פתגם סופרים)

גליק

1 נישטאָ אויף דער ערד אַזאַ גליקלעכער מענטש, וואָס זאָל מיינען, אַז עס איז נישט פֿאַראַן קיין מער גליקלעכער פֿון אים.

2 דאָס גליק וואָס ברענגט ליבשאַפֿט צו טאָן חסד איז גרעסער פֿון דעם, וואָס קומט מיטן פּריוואַטן נוצן.

3 וויסן אַז אַנדערע זענען נאָך מער אומגליקלעך, איז אויך אַ גליק, אָבער ווייניק צו אַזאַ גליק.

4 אָנהויב פֿון גליק איז פֿיינט האָבן רייכקייט (וואָרטשפּיל: אושר—עושר).

5 דער טיילווייזער תכלית פֿון גליק איז, ווען אַ מענטש קאָן זיך צוימען און אָפּהאַלטן זיך (פֿון טון שלעכטס).

6 אַ מענטש גרייכט נישט צו אַ גליקלעך לעבן, נייערט נאָך צרות.

7 כּל־זמן מיר וועלן נישט דערפֿילן די חובות וואָס ליגן אויף אונדז, וועלן מיר נישט גליקלעך זיין.

8 דער שעפֿער פֿון זיין גליק און ווויל איז דער מענטש אַליין.

9 די פֿעיקייט צו ברענגען גליק איז די העכסטע בחינה פֿון מענטשנס אייגענער שלימות.

10 מאַך אונדז פֿאַר גליקלעכע, וועלן מיר זיין אויך גוטע.

11 וואָס איז דער אונטערשיד צווישן גליק און חכמה? — דער וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ גליקלעכן, איז באמת גליקלעך; אָבער דער וואָס האַלט זיך פֿאַר אַ חכם, איז דער גרעסטער נאַר צווישן די נאַראָנים.

12 קיינמאָל איז דער מענטש נישט אומגליקלעך אָדער גליקלעך אין דער מאָס, ווי אים דאַכט זיך.

אחווה ורעות

1 **הלוא אב אחד לכולנו, הלוא אל אחד בראנו.** (מלאכי ב׳, 10)

2 **ואהבת לרעך כמוך.** (ויקרא יט, 18)

3 **וחי אחיך עמך.** (ויקרא כה, 36)

4 **בכל עת אוהב הרע ואח לצרה יולד.** (משלי יז, 17)

5 **טובים השנים מן האחד.** (קוהלת ד, 9)

6 **לא טוב היות האדם לבדו.** (בראשית ב, 18)

7 **איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר: חזק!** (ישעיהו מא, 6)

8 **הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד.** (תהלים קלג, 1)

9 **טוב שכן קרוב מאח רחוק.** (משלי כז, 10)

10 **אל תחרוש על רעך רעה.** (משלי ג, 29)

11 **הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע.** (אבות ב)

12 **אוי לרשע ואוי לשכנו, טוב לצדיק, טוב לשכנו.** (סוכה נו)

13 **בא להרגך — השכם להרגו.** (ברכות סב)

14 **או חברים כחבריו של איוב או מיתה.** (לפי תענית כג)

15 **מה שבלבך על חברך, מה שבלבו עליך.** (ספרי, דברים)

16 **או חברותא או מיתותא.** (תענית כג)
(או חיי חברה או מות)

ברודערשאַפט און פריינטשאַפט

1 מיר זענען קינדער פון איין פאָטער, איין גאָט האָט אונדז אַלע באַשאַפן.

2 האָב ליב דיין פריינט אַזוי ווי זיך אַליין.

3 דיין ברודער זאָל קאָנען לעבן מיט דיר.

4 אין אַלע צייטן איז אַ חבר אַ גוטער פריינט, אין אַן עת־צרה איז ער ווי אַ לייבלעכער ברודער.

5 בעסער צוויי (צוזאַמען) איידער איינער (אַליין).

6 נישט גוט פאַרן מענטש צו זיין אַליין.

7 זאָל דער מענטש העלפן זיין פריינט און צום ברודער זאָל ער זאָגן: שטאַרק זיך!

8 ווי גוט און ווי אָנגענעם איז דאָס זיצן פון ברידער באַנאַנד (לעבן אין אחדות).

9 אַ נאָענטער שכן איז בעסער פון אַ ווייטן ברודער.

10 זאָלסט נישט טראַכטן אַ רעה אויף דיין חבר.

11 דערווייטער זיך פון אַ שלעכטן שכן און באַהעפט זיך נישט מיט קיין רשע.

12 ווי צום רשע און שלעכט צו זיין שכן, וויל איז דעם צדיק און גוט צו זיין שכן.

13 ווען איינער באַפאַלט דיך און וויל דיך דערמאָרדן, מעגסטו אים פריער הרגענען.

14 אָדער צו האָבן אַזעלכע טרייע חברים ווי איוב האָט געהאַט, אָדער דער טויט.

15 וואָס דו טראַכסט וועגן דיין חבר, דאָס זעלביקע טראַכט ער וועגן דיר.

16 אָדער געזעלשאַפטלעך לעבן (אין פריינטשאַפט), אָדער דער טויט. געמיינט: אָן חברים און פריינט האָט דאָס לעבן קיין זין נישט.

17 אדם בלי חברים כשמאל בלי ימין. (מבחר הפנינים)

18 אין אדם דר עם נחש בכפיפה [אחת]. (יבמות קיב)

19 כל עוף למינו ישכון, ובן אדם לדומה לו. (בבא קמא צב)

20 טורא בטורא לא פגע, אנש באנש פגע. (פתגם עממי)
(הר בהר אינו פוגש, אדם באדם פוגש)

21 דעלך סני לחברך לא תעביד. (שבת לא)
(מה ששנוא עליך לא תעשה לחברך)

22 כל המקניט את חברו, אפילו בדברים, צריך לפייסו. (יומא פז)

23 אין קרוב רואה את הנגעים. (זבחים קב)

24 כל הנגעים אדם רואה, חוץ מנגעי עצמו. (נגעים ב, ה)

25 הדן את חברו לכף זכות, דנין אותו לזכות. (שבת קכז)

26 הרואה בחברו דבר שאינו הגון, צריך להוכיחו. (ברכות לא)

27 לעולם תהא דעתו של אדם מעורבת בין הבריות. (כתובות יז)

28 אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו. (אבות ב, ה)

29 לעולם תהא שמאל דוחה וימין מקרבת. (סוטה מז)

30 הוכח תוכיח את עמיתך. (ויקרא יט, 17)

31 „הוכח תוכיח את עמיתך" — אפילו מאה פעמים משמע. (בבא מציעא לא)

32 החושד את חברו בדבר ואין בו, צריך לפייסו. (ברכות לא)

33 החושד בכשרים לוקה בגופו. (שבת צז)

34 כל שרוח הבריות נוחה הימנו, רוח המקום נוחה הימנו. (אבות ו)

17 אַ מענטש אָן חברים איז ווי אַ לינקע האַנט אָן דער רעכטער.

18 אַ מענטש קאָן נישט ווינען צוזאַמען מיט אַ שלאַנג.

19 יעדער פויגל וווינט מיט זיין מין און יעדער מענטש מיט זיין גלייכן.

20 אַ באַרג מיט אַ באַרג באַגעגענען זיך נישט, אַ מענטש מיט אַ מענטש באַגעגענען זיך יאָ.

21 טו נישט דעם אַנדערן וואָס דיר איז נישט ליב.

22 ווער עס דערצערנט דעם אַנדערן אפילו בלויז מיט רייד, דאַרף אים גלייך איבערבעטן.

23 (אין איבערגעטראַגענעם זין) אַ קרוב זעט נישט קיין חסרונות.

24 (אין איבערגעטראַגענעם זין) אַלע חסרונות זעט אַ מענטש, חוץ זיינע אייגענע.

25 ווער עס משפּט זיין חבר צום גוטן, דעם משפּט מען אויך צום גוטן.

26 ווער עס זעט זיין חבר טון נישט קיין שיינע זאַך, דאַרף ער אים אויסרעדן.

27 באַמי זיך תמיד זיך איינצולעבן מיט מענטשן.

28 זאָלסט נישט משפּטן דיין חבר ביז דו וועסט זיין אויף זיין אָרט.

29 תמיד זאָל די לינקע האַנט אָפּשטויסן און די רעכטע האַנט זאָל מקרב זיין.

30 זאָלסט אויסרעדן דיין פריינט (זיין שלעכטע האַנדלונג).

31 „זאָלסט אויסרעדן דיין פריינט", געמיינט — אַפילו הונדערט מאָל.

32 ווער עס האָט אומזיסט חושד געווען זיין חבר, דאַרף אים גלייך איבער־בעטן.

33 ווער עס איז חושד אומזיסט ערלעכע לייט, דער ווערט באַשטראָפט מיט מלקות.

34 פון וועמען מענטשן האָבן הנאה, פון דעם איז אויך גאָט צופרידן.

35 **לעולם ידבק אדם בטובים.** (בבא בתרא קט)

36 **לא תעמוד על דם רעך.** (ויקרא יט, 16)

37 **לפני עור לא תתן מכשול.** (ויקרא יט, 14)

38 **אם קדמך חברך בעדשים, קדמנו בבשר, למה שהוא גמל עליך תחילה.** (בראשית רבה לח)

39 **כשהשנים יפות, הבריות נעשים אחים זה לזה.** (בראשית רבה טו)

40 **אם עשית לחברך רעה, קמעא (מעט) יהא בעיניך הרבה, ואם עשית לו טובה, הרבה יהא בעיניך מעט. ואם עשה לך חברך טובה, מעט יהא בעיניך הרבה.** (אבות דרבי נתן מא)

41 **היודע בחברו שהוא גדול ממנו אפילו בדבר אחד, חייב לנהוג בו כבוד.** (פסחים קיג)

42 **חייך קודמין לחיי חברך.** (ספרי, בהר)

43 **כשם שחייב אדם לצאת ידי שמים, כך חייב לצאת ידי הבריות.** (תנחומא, פקודי)

44 **מאי חזית דדמא דידך סומק טפי, דלמא דמא דההוא גברא סומק טפי?** (פסחים כה)
(מה ראית שהדם שלך אדום יותר, שמא הדם של אותו איש אדום יותר?)

45 **קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים.** (בבא מציעא קז)

46 **הרואה את חברו טובע בנהר או חיה גוררתו או לסטים באים עליו, הוא חייב להצילו.** (סנהדרין עג)

47 **אין חבר נקנה אלא בקשי־קשיים.** (ספרי, וילך)

48 **אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו.** (אבות ד׳, כ)

49 **יש קנקן חדש מלא ישן וישן שאפילו חדש אין בו.** (אבות ד׳, כ)

35 תמיד זאָל אַ מענטש זיך חברן מיט גוטע לייט.

36 זאָלסט נישט שטיין רויק ביים פאַרגאָסענעם בלוט פון דיין חבר.

37 דעם בלינדן זאָלסטו נישט לייגן קיין שטרויכלונג (אויף זיין וועג).

38 אויב דער חבר האָט דיך אויפגענומען מיט לינזן, נעם דו אים אויף מיט פלייש, ווייל ער האָט דיך אויפגענומען דער ערשטער (און דאָס ווערט אים פאַררעכנט צום זכות).

39 אַז די יאָרן זענען גוטע, לעבן מענטשן ווי ברידער.

40 האָסטו געטון דיין חבר אַן עוולה, זאָל אַ קליינע אויסזען ביי דיר גרויס, האָסטו אים געטון אַ טובה, זאָל אַ גרויסע אויסזען ביי דיר קליין. אויב ווידער דיין חבר האָט דיר געטון אַ טובה, זאָל די קלענסטע זיין אין דיינע אויגן גרויס.

41 אויב איינעמס חבר איז גרעסער פון אים אפילו נאָר מיט איין זאַך, דאַרף ער אים שוין אָפּגעבן כבוד.

42 דיין לעבן איז פריער ווי דאָס לעבן פון דיין חבר.

43 אַזוי ווי אַ מענטש דאַרף יוצא זיין פאַר דעם אין הימל, אַזוי דאַרף ער יוצא זיין פאַר מענטשן.

44 פון וואַנען ווייסטו, אַז דיין בלוט איז מער רויט, טאָמער איז דעם אַנדערנס בלוט נאָך רויטער?

45 ציר זיך פריער אַליין אויס, און דערנאָך ציר אויס אַנדערע.

46 ווער עס זעט אַז אַ מענטש טרינקט זיך אין טייך, אָדער אַז אַ חיה שלעפּט אים, אָדער אַז רויבער זענען אים באַפאַלן, איז ער מחויב אים מציל צו זיין.

47 אַ טריי־איבערגעגעבענעם חבר דערווערבט מען מיט גרויס שוועריקייט.

48 קוק נישט אויפן קריגל, נאָר אויף דעם וואָס עס איז פאַראַן אין אים. געמיינט: רעכן זיך נישט מיט דעם אויסערלעכן אויסזען פונעם מענטשן, נאָר מיט זיינע אייגנשאַפטן.

49 פאַראַן אַ נייער קרוג וואָס איז פול מיט אַלטן וויין, פאַראַן אַן אַלטער קרוג, וואָס האָט אַפילו נישט קיין נייעם וויין.

אכילה ושתיה

1 **האוכל במידה — תערב שנתו ולאור הבוקר יקום שמח.** (בן־סירא)

2 **הממלא בטנו באכילה יתרה, נדדה שנתו ומכאובים בבטנו.** (בן־סירא)

3 **ברוב אוכל רוב מכאוב.** (בן־סירא)

4 **עצומים הרוגי זוללות.** (בן־סירא)

5 **מכלכל ארוחתו יאריך ימים.** (בן־סירא)

6 **כל חולי ולא חולי מעיים.** (שבת יא)

7 **כל מיני פירות מאירים את העינים.** (סנהדרין יז)

8 **המאריך על שולחנו, מאריכים ימיו ושנותיו.** (ברכות נד)

9 **מרבה אכילה — מרבה חטא.** (לפי ברכות לב)

10 **מרבה בשר — מרבה רימה.** (אבות ב׳)

11 **אפשר לעולם להיות בלא יין, אי אפשר לעולם בלא מים.**
(ירושלמי הוריות פ״ג)

12 **לא ישוך אדם מפרוסה ויתננה לחברו.** (דרך־ארץ ט)

13 **לא ישתה אדם מן הכוס ויתננה לחברו מפני סכנת נפשות.** (דרך ארץ ט)

14 **השותה כוסו בבת אחת הרי זה גרגרן, שתים — דרך ארץ.** (פסחים פו)

15 **שינוי וסת תחילת חולי מעיים.** (כתובות קי)

16 **נכנס יין — יצא סוד.** (עירובין סה)
הערה: „יין" בגימטריה „סוד" (70).

עסן און טרינקען

1 ווער עס עסט מיט אַ מאָס, דער שלאָפֿט גוט און שטייט אויף אײַנדערפֿרי מונטער און פֿריילעך.

2 ווער עס עסט צופֿיל דער קאָן נישט שלאָפֿן און האָט בויך־ווייטיקן.

3 פֿון אַ סך עסן קומען אַ סך ווייטיקן.

4 גרויס איז די צאָל קרבנות פֿון פֿרעסערײַ.

5 ווער עס רעגולירט זײַן סעודה, דער לעבט לאַנג.

6 בויך־קראַנקייט איז ערגער פֿון אַלע אַנדערע.

7 פֿון פּירות־עסן לײַכטן די אויגן (פּירות זענען גוט פֿאַרן געזונט).

8 ווער עס עסט געלאַסן, דער לעבט לאַנג.

9 אַ סך עסן — אַ סך זינד.

10 מער פֿלייש — מער ווערעם.

11 די וועלט קאָן אויסקומען אָן ווײַן, אָבער נישט אָן וואַסער.

12 מען טאָר נישט בײַסן פֿון ברויט און געבן עס דעם אַנדערן צום עסן.

13 מען טאָר נישט אַ זופּ טון פֿון גלאָז און געבן דעם אַנדערן צו טרינקען פֿון איר, צוליב אַ סכּנה פֿאַרן געזונט.

14 ווער עס טרינקט אויס זײַן גלאָז מיט איין מאָל, איז אַ זויפֿער, אין צוויי מאָל — דאָס איז דרך־ארץ.

15 דאָס ענדערן דעם צײַט־סדר פֿון עסן ברענגט צו בויך־קראַנקייט.

16 ווײַן אַרײַן — סוד אַרויס.

באַמערקונג: די גמטריה (אותיות־באַטרעף) פֿון וואָרט „יין" (70) איז גלײַך ווי פֿון וואָרט „סוד" (70).

17 **לעולם יאכל אדם וישתה פחות ממה שיש לו.** (חולין פד)

18 **דוק בשנים ותמצא ברגלים.** (שבת קנב)

19 **עלית לגג — סעודתך עמך.** (פסחים קיג)

20 **המשל אומר: הכרס טוענת את הרגלים.** (בראשית רבה ע)

21 **[פת שחרית] מצלת מן החמה ומן הצינה.** (בבא מציעא קז)

22 **ששים רצים רודפים ואינם משיגים את האדם שאוכל פת שחרית.** (לפי בבא קמא צב)

23 **האוכל בשוק הרי זה דומה לכלב.** (קידושין מ׳)

24 **אין מסיחין בסעודה.** (תענית ה׳)

25 **אין שבחו של תלמיד חכם להיות אוכל בשוק.** (ירושלמי מעשרות פ״ג)

26 **כל סעודה שאין בה מלח אינה סעודה.** (ברכות מד)

27 **אינו דומה מי שרואה ואוכל למי שאינו רואה ואוכל.** (יומא עד)

28 **אינו דומה מי שיש לו פת בסלו למי שאין לו פת בסלו.** (יומא עד)

29 **בעוד שאתה רעב אכול, בעוד שאתה צמא שתה, בעוד שאתה כועס שפוך את תבשילך.** (לפי ברכות סב)

30 **אכול שליש ושתה שליש והנח שליש, לכשתכעוס תעמוד על מלואך.** (גיטין ע׳)

31 **גרגרת מכלה את הזהב ומריקה את הכסף.** (ויקרא רבה יח)

32 **מלמדין את האדם שלא יהא רעבתן.** (בבא מציעא צב)

33 **סומין אוכלין ואינם שבעים.** (יומא עד)

34 **כל מקום שיש יין אין דעת.** (במדבר רבה פ״י)

17 תמיד זאָל דער מענטש עסן און טרינקען ווייניקער פון דעם וואָס ער האָט צוגעגרייט.

18 רייב מיט די ציין וועסטו האָבן אין די פיס.

19 גייסט אַרויף אויפן דאַך, נעם מיט דאָס עסן מיט דיר.

20 דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: דער בויך טראָגט די פיס.

21 דאָס פרישטיק־עסן פאַרהיט פון היץ און פון קעלט.

22 זעכציק לויפערס וועלן לויפן און נישט דעריאָגן דעם, וואָס האָט געגעסן פרישטיק.

23 ווער עס עסט אין מאַרק איז געגליכן צו אַ הונט.

24 מען טאָר נישט רעדן ביים עסן.

25 עס איז נישט שיין פאַר אַ תלמיד חכם צו עסן אין מאַרק.

26 אַ סעודה אָן זאַלץ איז קיין סעודה נישט.

27 עס איז נישט דאָס זעלבע, אַז מען עסט און מען זעט וואָס מען עסט, ווי מען עסט און מען זעט נישט.

28 עס איז נישט דאָס זעלבע, אַז מען האָט ברויט אין קויש און אַז מען האָט נישט.

29 עס נאָר ווען דו ביסט הונגעריק. טרינק נאָר ווען דו ביסט דורשטיק. און ווען דו ביסט אויפגערעגט, גיס בעסער אויס דאָס געקעכטס.

30 פון דעם וואָס דו האָסט צוגעגרייט עס נאָר אַ דריטל, טרינק בלויז אַ דריטל און אַ דריטל לאָז איבער, אויב דו ביסט אויפגערעגט עס גאָר־נישט (און וואַרט ביז דו ועסט זיין רויק).

31 דער גאָרגל פאַרצערט דאָס גאָלד און ליידיקט אויס דאָס זילבער.

32 מען דאַרף לערנען דעם מענטשן, אַז ער זאָל נישט זיין קיין פרעסער.

33 בלינדע עסן און ווערן נישט זאַט.

34 ווו עס איז פאַראַן וויין (שכרות), דאָרט איז נישטאָ קיין וויסן.

35 **עלובה היא העיסה שנחתומה מעיד עליה שהיא רעה.** (בראשית רבה לד)

36 **מאכל מביא את השינה.** (יומא יח)

37 **אחר כל אכילתך אכול מלח ואחר כל שתייתך שתה מים ואי אתה ניזוק.** (ברכות מ׳)

38 **דבש מצאת — אכול דייך, פן תשבענו והקאתו.** (משלי כה, 16)

39 **אין לך דבר שמביא יללה על האדם אלא יין.** (ברכות מ׳)

40 **סובא וזולל יִוָּרֵשׁ.** (משלי כג, 21)

41 **יין רובו קשה לגוף ומיעוטו יפה.** (דרך־ארץ רבה ז)

35 נישטיק איז דאָס טייג, וואָס דער בעקער אַליין זאָגט, אַז עס איז שלעכט.

36 אַ סך עסן שלעפערט איין דעם מענטשן.

37 נאָך יעדן עסן עס אַ ביסל זאַלץ און נאָך אַלע געטראַנקען טרינק ריינע וואַסער, וועסטו נישט געניזוקט ווערן.

38 האָסטו געפונען האָניק — עס מיט אַ מאָס, ווייל דו וועסט זיך איבער־זעטיקן, וועסטו אים אויסברעכן.

39 נישט פאַראַן נאָך אַ זאַך, וואָס זאָל ברענגען אַ יאָמער אויפן מענטשן, ווי וויין (שיכרות).

40 אַ זולל־וסובאניק ווערט פאַראָרעמט.

41 טרינקען אַ סך וויין איז שעדלעך פאַרן גוף, אָבער ווייניק איז גוט.

אמונה

1 **האמונה בונה וגודרת.** (ד. שמעוני)

2 **האמונה — נושאה הוא השכל.** (מורה נבוכים)

3 **האמונה היא החכמה, והחכמה היא האמונה.** (רמב"ן)

4 **האמונה היא יסוד הצלחת האדם.** (התורה והפילוסופיה)

5 **האמונה היא למעלה מן הדעת וההשגה.** (תניא)

6 **האמונה מתחדשת אצל האדם בכל בוקר.** (נחמן מברסלב)

7 **אשרי המאמין בעצמו.** (א. ברש)

8 **המאמין בדבר שהוא נגד השכל, בזה את המתנה היותר חשובה שנתן לו אלוהיו.** (מ. אבן־עזרא)

9 **כל מי שיש לו פת בסלו ואומר: „מה אוכל מחר?", הרי־זהו מקטני אמונה.** (סוטה מח)

10 **כשיש לאדם אמונה, אזי אינו מזיק לו שום דבר, ואינו ירא משום אדם.** (נחמן מברסלב)

11 **על־ידי ענווה תזכה לאמונה.** (נחמן מברסלב)

12 **מלך, זמן וים אין אמונה בהם.** (נועם המידות)

13 **בהפסד האמונה נפסד גם המוסר.** (מורה נבוכי הזמן)

14 **אין הגלויות מתכנסות אלא בשכר אמונה.** (סוטה נוו)

15 **איזו היא דרך ישרה שיבור לו האדם? יחזיק באמונה יתרה.** (תמיד כח)

16 **אין דבר עומד בפני האמונה.** (אחד העם)

17 **אמונת הלב היא העיקר.** (א. אבן־עזרא, דברים)

18 **אין אדם בלי אמונה.** (חזון אריאל)

גלויבן

1 אמונה בויט און פאַרצוימט.

2 אמונה — איר טרעגער איז דער שכל.

3 אמונה איז חכמה און חכמה איז אמונה.

4 גלויבן איז דער יסוד פון דעם מענטשנס הצלחה.

5 אמונה איז העכער פון וויסן און פון שכל־באַנעם.

6 אמונה באַנייט זיך ביים מענטש אין יעדן פרימאָרגן.

7 ווויל איז דעם וואָס גלויבט אין זיך (אין זיינע כוחות).

8 דער וואָס גלויבט אין אַ זאַך וואָס איז קעגן שכל, פאַרשעמט די חשובֿ־סטע מתנה, וואָס גאָט האָט אים געגעבן.

9 ווער עס האָט ברויט אין קויש און זאָגט: „וואָס וועל איך עסן מאָרגן?" — דער איז פון די ווייניק גלויביקע.

10 אַז אַ מענטש האָט אמונה, ברענגט אים קיין שום זאַך נישט קיין שאָדן און ער האָט נישט מורא פאַר קיין שום מענטש.

11 דורך באַשיידנקייט וועסטו זוכה זיין צו אמונה.

12 מלך, צייט און ים — אין זיי האָט מען נישט קיין אמונה (זיי פאַראַטן).

13 אז די אמונה פאַלט, פאַלט אויך די מאָראַל.

14 די גלותן וועלן זיך נישט צונויפקלייבן, נאָר אין שכר פון דער אמונה.

15 וועלכער איז דער ריכטיקער וועג, וואָס אַ מענטש זאָל זיך אויסקלייבן? — ער זאָל זיך האַלטן ביי דער גרויסער אמונה.

16 קיין זאַך שטייט נישט קעגן אמונה.

17 די אמונה פון האַרצן איז דער עיקר.

18 נישטאָ קיין מענטש אָן אמונה.

19 **מי שאין לו אמונה נוח לו שלא נברא.** (בחיי)

20 **אי אפשר לבוא לאמונה אלא על־ידי אמת.** (נחמן מברסלב)

21 **אין צווי באמונה.** (ש. ד. לוצאטו)

19 ווער עס האָט נישט קיין אמונה, וואָלט גלייכער געווען ווען ער ווערט נישט געבוירן.

20 צו אמונה קאָן מען אַנדערש נישט קומען, ווי דורך אמת.

21 אין אמונה איז נישטאָ קיין באַפּעל.

אמת ושקר

1 **לא ידבר אחד בפה ואחד בלב.** (בבא מציעא מט)

2 **ראשון שבגנבים — גונב דעת הבריות.** (מכילתא, משפטים יג)

3 **כך ענשו של בדאי, שאפילו אמר אמת אין שומעין לו.** (סנהדרין פט)

4 **למד לשונך לומר: „איני יודע", שמא תתבדה ותאחז.** (ברכות ד)

5 **על שלשה דברים העולם עומד: על הדין ועל האמת ועל השלום.** (אבות א)

6 **קבל את האמת ממי שאמרה.** (רמבם)

7 **גדולה הונאת דברים מהונאת ממון.** (בבא מציעא נח)

8 **אמת כבדה, על כן נושאיה מעטים.** (מדרש שמואל על אבות פ"ד)

9 **אמת מארץ תצמח.** (תהילים פה 12)

10 **אמת יש לה רגלים.** (מדרש א"ב דרבי עקיבא)

11 **שקר אין לו רגלים.** (ילקוט תורה רמז ג)

12 **אותיות של „אמת" מרוחקות ושל „שקר" מקורבות הן.** (ילקוט שמעוני, בראשית ג)

13 **האמת צפה כשמן על פני המים.** (פתגם עממי)

14 **הכול ברא הקב"ה בעולמו חוץ ממידת שקר שלא ברא ומידת שוא שלא פעל, אלא הבריות בדו אותן מלבן.** (פסיקתא רבתי כד)

15 **מדבר שקר תרחק.** (שמות כג, 7)

16 **שפת אמת תיכון לעד ועד ארגיעה לשון שקר.** (משלי יב, 19)

17 **חותמו של הקב"ה אמת.** (שבת נה)

אמת און שקר

1 אַ מענטש זאָל נישט רעדן אַנדערש ווי ער טראַכט אין האַרצן.

2 דער גרעסטער גנב איז דער, וואָס גנבעט די דעה פון מענטשן.

3 די שטראָף פאַרן ליגנער איז, אַז ווען ער זאָגט אַמאָל אמת, גלויבט מען אים אויך נישט.

4 געוויין זיך צו זאָגן: „איך ווייס נישט", כדי מען זאָל דיך נישט כאַפּן ביי קיין ליגן.

5 אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף דין, אויף אמת און אויף שלום.

6 נעם אָן דעם אמת פון יעטוועדן איינעם, וואָס זאָגט אים.

7 אָפּנאַרן מיט רייד איז ערגער ווי מיט געלט.

8 דער אמת איז שווער, דעריבער זענען זיינע טרעגער אַזוי ווייניק.

9 אמת שפּראָצט פון דער ערד (אמת קומט אַרויף אויבן).

10 דער אמת האָט פיס (אַ באַזע און שטייט זיכער).

11 דערשקר האָט נישט קיין פיס און פאַלט גלייך אום.

12 דעם אמת איז שווער צו געפינען, ווייל די אותיות זיינע זענען צעוואָרפן אין אלף־בית („א" — אין אָנהויב, „מ" — אין מיטן, „ת" — צום סוף), דאַקעגן געפינען זיך די אותיות פון „שקר" אין שכנות (ק, ר, ש).

13 דער אמת שווימט אַרויף אויבן ווי בוימל אויפן וואַסער.

14 אַלצדינג האָט גאָט באַשאַפן אין דער וועלט, חוץ די מידות שקר און פאַלשקייט. זיי האָבן מענטשן אַליין אויסגעקלערט.

15 דערווייטער זיך פון שקר.

16 אמתע רייד באַשטייען אויף אייביק און שקר דויערט נאָר אַ רגע.

17 גאָטס שטעמפּל איז „אמת".

18 **ניכרים דברי אמת.** (סוטה ט)

19 **כל מלתא דעבידא לאגלויי לא משקרי בה אנשי.** (ראש השנה כב)
(כל דבר העשוי להגלות אין בני אדם משקרין בו)

20 **אמת קנה ואל תמכור.** (משלי כג, 23)

21 **דובר שקרים לא יכון.** (תהלים קא, 7)

22 **אל תתיראי מן הפרושים ולא ממי שאינם פרושים אלא מן הצבועים שדומין לפרושים, שמעשיהם כמעשה זמרי ומבקשים שכר כפינחס.**
(סוטה כב)

23 **שיקרא שכיח, קושטא לא שכיח.** (שבת קד)
(השקר מצוי והאמת אינה מצויה)

24 **כל שקר שאין בתחילתו אמת אינו מתקיים.** (סוטה מט)

25 **מה דשקרא מכניס פחתא נסבא.** (שוחר טוב ז)
(מה שהשקר מכנס [אוסף] המארה נוטלת)

18 אמתע רייד דערקענט מען.

19 מענטשן זאָגן נישט קיין ליגן וועגן אַ זאַך וואָס וועט ווארשיינלעך אויפגעדעקט ווערן.

20 דערוועגב זיך אמת און שייד זיך נישט מיט אים.

21 דער ליגנער קאָן נישט באַשטיין.

22 האָב נישט מורא פאַר די פרושים (אָנהענגער פון תורה שבעל־פה אין דער צייט פון בית שני) און נישט פאַר זייערע אמתע קעגנער, נאָר פאַר די פאַלשע פרומאַקעס, וואָס טוען מיאוסע מעשים ווי זמרי און באַגערן שכר ווי פינחס.
(באַמערקונג: וועגן זמרי און פינחס, זע: במדבר סוף כה).

23 שקר הערט מען אָפט און אמת גאָר זעלטן.

24 אַ שקר וואָס הייבט זיך נישט אָן מיט אמת ווערט נישט אָנגענומען.

25 וואָס דער שקר ברענגט אַריין, נעמט עס די קללה צו.

ארץ־ישראל

1 אוירא דארץ ישראל מחכים. (בבא בתרא קנח)
(אויר של ארץ ישראל מחכים)

2 אין תורה כתורת ארץ ישראל. (ויקרא רבה יג)

3 אין חכמה כחכמת ארץ ישראל. (ויקרא רבה יג)

4 אם אשכחך, ירושלים, תשכח ימיני; תדבק לשוני להכי, אם לא אזכרכי. (תהלים קלז, 5—6)

5 אפילו שיחתם של בני ארץ ישראל תורה היא. (ויקרא רבה פ״לד)

6 אסור לצאת מארץ ישראל לחוץ־לארץ. (גיטין עו)

7 אפילו מי שיש לו זכות אבות, אינה עומדת לו בשעה שיוצא מארץ לחוץ לארץ. (בבא בתרא צא)

8 ארץ זבת חלב ודבש. (שמות ג, 8)

9 ארץ חמדה נחלת צבי צבאות גוים. (ירמיהו ג, 19)

10 ארץ טובה, ארץ נחלי מים, עיינות ותהומות יוצאים בבקעה ובהר. (דברים ח, 7)

11 ארץ חיטה ושעורה וגפן ותאנה ורמון, ארץ זית שמן ודבש. (דברים ח, 8)

12 ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם, לא תחסר כול בה. (דברים ח, 9)

13 ארץ אשר אבניה ברזל, ומהרריה תחצוב נחושת. (דברים ח, 9)

14 עתידה ירושלים שיתקבצו בתוכה כל הגוים וכל הממלכות. (אבות דרבי נתן לה)

ארץ-ישראל

1 די לופט פון ארץ־ישראל מאַכט קלוג.

2 נישטאָ נאָך אַזאַ תורה ווי פון ארץ־ישראל.

3 נישטאָ נאָך אַזאַ חכמה ווי פון ארץ־ישראל.

4 אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל אָפּגענומען ווערן מיין רעכטע האַנט; זאָל מיין צונג צוגעקלעפּט ווערן צום גומען, אויב איך וועל דיך נישט געדענקען.

5 אפילו פון אַ געוויינלעכן שמועס פון די ארץ־ישראל־לייט קאָן מען עטוואָס לערנען.

6 מען טאָר נישט אַרויספאָרן (עמיגרירן) פון ארץ־ישראל קיין חוץ־לארץ.

7 אפילו זכות־אבות באַשטייט נישט דעם ייד, וואָס פאַרלאָזט ארץ־ישראל און פאָרט אַרויס קיין חוץ־לארץ.

8 אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק.

9 אַ גלוסטיק לאַנד, די שענסטע נחלה פון די פעלקער.

10 אַ גוט לאַנד, אַ לאַנד פון בעכן וואַסער, קוואַלן און אונטערערדישע וואַסערן, וועלכע שטראָמען אין טאָלן און אין בערג.

11 אַ לאַנד פון ווייץ, גערשטן, וויינשטאָקן (וויינטרויבן), פייגן און מיל־גרוימען, אַ לאַנד פון איילבירטן און האָניק־טייטלען (זיבן מינים, אין וועלכע ארץ־ישראל איז געבענטשט).

12 אַ לאַנד, וואָס נישט אין אָרעמקייט וועסטו עסן דיין ברויט, עס וועט דיר גאָרנישט פעלן דרינען.

13 אַ לאַנד, וואָס אירע שטיינער זענען אייזן און פון אירע בערג וועסטו האַקן קופער.

14 אין ירושלים וועלן זיך צונויפקומען פאָרשטייער פון אַלע פעלקער און מלוכות.

15 **עתידה ירושלים להיעשות פנס לאומות העולם והם מהלכים לאורה.**
(לפי פסיקתא רבתי „קומי אורי״)

16 **גדול קיבוץ גלויות כיום שנבראו בו שמים וארץ.** (פסחים פח)

17 **אפילו הרי ארץ־ישראל חביבין על אומות העולם.** (חולין ס)

18 **עשרה קבים יופי ירדו לעולם, תשעה נטלה ירושלים ואחד כל העולם כולו.** (קידושין מט)

19 **כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים.** (ישעיהו ב, 3)

20 **אליך גויים יבואו מאפסי ארץ.** (ירמיהו טז, 19)

21 **ארץ ישראל מקודשת מכל הארצות.** (כלים פ״א, מ״ו)

22 **בזמן שיושבין עליה רווחא, ובזמן שאין יושבין עליה גמדא.** (גיטין נז)
(ארץ ישראל בזמן שיושבים עליה היא מתרחבת, ובזמן שאין יושבים עליה היא מצטמצמת)

23 **ארץ ישראל נבראה תחילה וכל העולם כולו נברא לבסוף.** (תענית י)

24 **ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצוות שבתורה.** (ספרי, ראה)

25 **כל היושב בארץ ישראל, ארץ ישראל מכפרת עליו.** (ספרי, ברכה)

26 **כל הקבור בארץ־ישראל כאילו קבור תחת המזבח.** (כתובות קיא)

27 **עוד אבנך ונבנית.** (ירמיהו לא, 3)

28 **כל הדר בארץ ישראל דומה כמו שיש לו אלוה, וכל הדר בחוץ לארץ דומה כמו שאין לו אלוה.** (כתובות קי)

29 **לעולם ידור אדם בארץ ישראל אפילו בעיר שרובה עכו״ם.** (כתובות קי)

30 **כיבושה של ארץ ישראל דוחה את השבת.** (ילקוט שמעוני, עקב)

15 ירושלים וועט זיין אַ לאַמטערן פאַר די פעלקער אין דער וועלט און זיי וועלן גיין צו איר ליכט.

16 די צייט פון קיבוץ־גלויות איז אַזוי וויכטיק ווי דער טאָג, אין וועלכן עס זענען באַשאַפן געוואָרן הימל און ערד.

17 אויך די בערג פון ארץ־ישראל זענען באַליבט ביי די אומות־העולם.

18 צען מאָס שיינקייט האָט מען איינגעטיילט דער וועלט, ניין פון זיי איז אָנגעקומען אויפן חלק פון ירושלים.

19 פון ציון וועט אַרויסגיין די תורה און גאָטס וואָרט פון ירושלים.

20 צו דיר (ציון) וועלן קומען פעלקער פון אַלע עקן וועלט.

21 ארץ־ישראל איז הייליקער פון אַלע אַנדערע לענדער.

22 ווען ארץ־ישראל איז באַפעלקערט ברייטערט זי זיך אויס, און ווען זי איז נישט באַוווינט שרומפּט זי זיך איין.

23 צום ערשטן איז באַשאַפן געוואָרן ארץ־ישראל און דערנאָך די גאַנצע וועלט.

24 באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל באַשטייט קעגן אַלע מצוות פון דער תורה.

25 ווער עס באַזעצט זיך אין ארץ־ישראל, ווערן אים פאַרגעבן זיינע זינד אין איר זכות.

26 ווער עס קומט צו קבורה אין א״י איז גלייך ווי ער וואָלט געווען באַגראָבן אונטערן מזבח.

27 איך וועל צוריק אויפשטעלן דיינע חורבות און דו וועסט אויף דאָס־ניי אויסגעבויט ווערן.

28 דער ייד וואָס וווינט אין ארץ־ישראל האָט אַ גאָט, און דער וואָס לעבט אין חוץ־לארץ איז גלייך ווי ער זאָל קיין גאָט נישט האָבן.

29 תמיד זאָל אַ ייד וווינען אין ארץ־ישראל אפילו אין אַ שטאָט, ווו דער רוב איינוווינער זענען נישט־יידן.

30 דאָס דעראָבערן פון ארץ־ישראל איז דוחה שבת.

31 **עתידה ירושלים להעשות מטרופולין לכל הארצות.** (שמות רבה פ"כג)

32 **מי שלא ראה ירושלים בתפארתה לא ראה כרך נחמד מעולם.** (סוכה נא)

33 **כל המתאבל על ירושלים, זוכה ורואה בשמחתה.** (תענית ל)

34 **אין מנוחה אלא ארץ־ישראל** (ספרי, דברים א)

35 **מדד הקב"ה את כל הארצות ולא מצא ארץ שראויה לינתן לישראל אלא ארץ־ישראל.** (ויקרא רבה)

36 **לבנים נפלו וגזית נבנה.** (ישעיה ט, 9)

37 **ארץ־ישראל קלה מכל הארצות לבשל את פירותיה.** (כתובות קיא)

31 ירושלים וועט אין דער צוקונפט ווערן די הויפטשטאָט פאַר אַלע לענדער.

32 ווער עס האָט נישט געזען ירושלים אין איר פּראַכט, דער האָט אין זיין לעבן קיין שיינע שטאָט נישט אָנגעקוקט.

33 ווער עס קלאָגט אויפן חורבן פון ירושלים, דער וועט זוכה זיין צו זען זי אין איר פריידיקן אויפבוי.

34 נישטאָ קיין מנוחה (פאַר יידן), נאָר אין ארץ־ישראל.

35 גאָט האָט געמאָסטן און געזען אַלע לענדער און נישט געפונען קיין מער פּאַסיק לאַנד פאַר יידן ווי ארץ־ישראל.

36 ציגל זענען איינגעפאַלן, און פון געהאַקטע שטיינער וועלן מיר בויען.

37 די פּירות אין ארץ־ישראל ווערן פריער צייטיק ווי אין אַלע אַנדערע לענדער.

בורים וטפשים

1 אין לך עניות יותר גדולה מבערות. (ר׳ משה אבן עזרא)

2 **אין בור ירא חטא ולא עם־הארץ חסיד.** (אבות ב׳, ה)

3 **אין מביאים ראיה מן השוטים.** (שבת קד)

4 לא יחפוץ כסיל בתבונה. (משלי יח, 2)

5 **טפשא סבר דכל עמא טפשין.** (קוהלת רבה י)
(הטיפש סבור שהעם כולו טפשים)

6 **פתי יאמין לכל דבר.** (משלי יד, 15)

7 פתי אחד עושה פתיים רבים. (פתגם עממי)

8 **אין שוטה מרגיש.** (לפי שבת יג)

9 **הכסיל בחושך הולך.** (קוהלת ב, 14)

10 **שוט לסוס, מתג לחמור ושבט לגו כסילים.** (משלי כו, 3)

11 **שוטה לאו סמיה בידן.** (גיטין ע)
(לשוטה אין בידנו תרופה)

12 **חברת השוטה סכנה.** (מבחר הפנינים, שער ב)

13 **אם תכתוש את האויל במכתש... לא תסור מעליו אולתו.** (משלי כז, 22)

14 **כשלג בקיץ וכמטר בקציר כן לא נאוה לכסיל כבוד.** (משלי כו, 1)

15 **פגוש דוב שכול באיש ואל כסיל באולתו.** (משלי יז, 12)

16 **אם עם הארץ הוא חסיד אל תדור בשכנותו.** (שבת סג)

17 **שוטה אין לו תקנה.** (נידה יג)

גראָבע יונגען און נאַראָנים

1 נישט פֿאַראַן קיין גרעסערע עניות ווי אָרעמקייט פון שכל.

2 אַ גראָבער יונג קאָן נישט זיין קיין אָפּגעהיטער פון זינד און אַן עם־הארץ — קיין חסיד.

3 פון קיין שוטים ברענגט מען נישט קיין ראיה (באַווייז).

4 אַ נאַר וויל נישט האָבן קיין פֿאַרשטאַנד.

5 דער טיפּש מיינט, אַז אַלע מענטשן זענען נאַראָנים.

6 דער נאַר גלויבט אַלצדינג.

7 איין נאַר מאַכט אַלעמען צום נאַר.

8 אַ שוטה פילט נישט.

9 דער נאַר גייט (לעבט) אין דער פינצטער.

10 אַ בייטש פֿאַרן פערד, אַ צוימל פֿאַרן אייזל און אַ רוט פֿאַר דעם רוקן פונעם נאַר.

11 פֿאַר אַ נאַר איז נישטאָ קיין רפואה.

12 אַ סכנה צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון אַ שוטה.

13 ווען דו וועסט שטויסן דעם נאַר אין אַ מערזשל... וועט זיך נישט אָפּטון פון אים זיין נאַרישקייט.

14 ווי שניי אין זומער, ווי רעגן אין שניטצייט — אַזאַ פּנים האָט דער כבוד פֿאַרן נאַר.

15 בעסער אַ מענטש זאָל אָנטרעפן אַן איינזאַמע בערינטע (באַרויבט פון אירע יונגע), אַבי נישט אַ נאַר מיט זיין טפּשות.

16 אויב אַן עם־הארץ איז אַ חסיד, זאָלסטו מיט אים אין שכנות נישט וווינען.

17 אַ שוטה האָט נישט קיין תקנה (אים איז נישט צום אויסבעסערן).

18 **זקני עם הארץ כל זמן שמזקינים טפשות נתוספת בהם.** (שבת קנב)

19 **עמי הארץ כל זמן שמזקינים דעתם מיטרפת עליהם.** (לפי קנים ג)

20 **הדיוט קופץ בראש.** (מגילה יב)

21 **אסתרא בלגינא קיש־קיש קריא.** (בבא מציעא פה)
(אסתרא [שם מטבע] אחד בכד ריק — מקשקש)

22 **גדולה שנאה ששונאים עמי הארץ לתלמיד חכם.** (פסחים מט)

23 **הכסילים חומלים על כסילותם ואינם מניחים אותה.** (ר׳ סעדיה גאון)

24 **החמור ניכר באזניו, והכסיל — בלשונו.** (חכמה ומוסר)

25 **הגרועים שבכסילים הם כסילים מלומדים.** (פתגם עממי)

26 **אדם ביקר ולא יבין נמשל כבהמות נדמו.** (תהילים מט, 21)

27 **אולת אדם תסלף דרכו.** (משלי יט, 3)

28 **דרך אויל ישר בעיניו.** (משלי יב, 15)

29 **עמל הכסילים תיגענו.** (קוהלת י, 15)

30 **אל תען כסיל כאולתו, פן תשוה לו גם אתה.** (משלי כו, 4)

31 **ענה כסיל כאולתו, פן יהיה חכם בעיניו.** (משלי כו, 5)

32 **רועה כסילים ירוע.** (משלי יג, 20)

33 **שפתי כסיל יבואו בריב ופיו למהלומות יקרא.** (משלי יח, 6)

34 **שוטה בחדא מלתא לא סריך.** (גיטין סח)
(אין השוטה נדבק בדבר אחד [בשטות אחת])

35 **אל תהי שוטה בחרוזים.** (לפי חולין צה)

36 **אדם שאין בו דעה אסור לרחם עליו.** (סנהדרין צב)

18 עמי־הארצים, וואָס מער זיי ווערן עלטער, ווערן זיי מער נאַריש.

19 עמי הארצים, וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ מער ווערן זיי מטורף.

20 דער גראָבער יונג רייסט זיך תמיד צום אויבנאָן.

21 איין אסתרא (נאָמען פון אַ מטבע) אין אַ ליידיקן קרוג קלאַפּט שטאַרק. געמיינט: אַ גראָבער יונג מאַכט אַ גרויסן טומל.

22 גרויס איז די שנאה וואָס ס'טראָגן די עמי־הארצים צום תלמיד־חכם.

23 נאַראָנים האַלטן טייער זייער נאַרישקייט און לאָזן זי נישט אָפּ.

24 אַן אייזל דערקענט מען לויט די אויערן און אַ נאַר — לויט זיין צונג.

25 געלערנטע נאַראָנים זענען די ערגסטע.

26 אַ מענטש אין גדולה, וואָס פאַרשטייט נישט, איז געגליכן צו בהמות וואָס גייען צו דער שחיטה.

27 דעם מענטשנס נאַרישקייט פאַרדרייט זיין לעבנסוועג.

28 דער (קרומער) וועג פונעם נאַר איז גלייך אין זיינע אויגן.

29 די אַרבעט פונעם נאַר פאַרמאַטערט אים געשווינד.

30 זאָלסט נישט ענטפערן דעם נאַר לויט זיין נאַרישקייט, טאָמער וועסטו זיין גלייך צו אים.

31 גיב אַ פּאַסיקע תשובה דעם נאַר, כדי ער זאָל זיך נישט האַלטן פאַר קיין חכם.

32 דער וואָס חברט זיך מיט נאַראָנים, וועט פאַראומגליקט ווערן (וואָרט־שפּיל: רועה — ירוע).

33 די רייד פונעם נאַר פירן צו קריגעריי און זיין מויל רופט צו געשלעג.

34 אַ שוטה האַלט זיך נישט בלויז ביי איין נאַרישקייט.

35 זיי נישט קיין שוטה אין גראַמען.

36 אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין (אייגענע) דעה, זאָל מען אויף אים נישט רחמנות האָבן.

ביישנות והוצפה

1 סימן יפה לאדם שהוא ביישן. (נדרים כ׳)

2 בושה מביאה לידי יראת חטא. (נדרים כ׳)

3 אדם המתבייש לא במהרה הוא חוטא. (נדרים כ׳)

4 אינו דומה מתבייש מעצמו למתבייש מאחרים. (תענית טו־טז)

5 מוטב שתתבייש מעצמך ואל תתבייש מאחרים. (דרך ארץ זוטא ב׳)

6 כל העושה דבר עבירה ומתבייש בו מוחלין לו על כל עוונותיו. (ברכות יב)

7 מי שאין לו בושת פנים, בידוע, שלא עמדו אבותיו על הר סיני. (נדרים כ)

8 עז־פנים לגיהנום. (אבות ה׳)

9 כל אדם שיש בו גסות הרוח, אמר הקב״ה: אין אני והוא יכולים לדור בעולם. (סוטה ה׳)

10 כל אדם שיש בו גסות הרוח כאילו עובד עבודת אלילים. (סוטה ד)

11 כל אדם שיש בו גסות הרוח לבסוף מתמעט. (סוטה ה)

12 כל אדם שיש בו גסות הרוח נופל בגיהנים. (בבא בתרא עה)

13 כל אדם שיש לו עזות פנים בידוע שנכשל בעבירה. (תענית ז)

14 כל אדם שיש לו עזות פנים מותר לקרותו רשע. (תענית ז׳)

15 כל אדם שיש לו עזות פנים מותר לשנאותו. (תענית ז)

16 חוצפא מלכותא בלא תגא היא. (סנהדרין קה)
(הוצפה היא מלכות בלי כתר)

17 חוצפה אפילו כלפי שמיא מהני. (סנהדרין קה)
(החוצפה מועילה לפעמים אפילו כלפי שמים)

שעמעוודיקייט און חוצפה

1 שעמעוודיקייט איז אַ שיינער כאַראַקטער־שטריך פון אַ מענטשן.

2 שעמעוודיקייט פאַרמיידט זינד.

3 דער שעמעוודיקער זינדיקט נישט אַזוי גיך.

4 עס איז נישט גלייך דער, וואָס שעמט זיך פאַר זיך אַליין, צו דעם, וואָס שעמט זיך בלויז פאַר אַנדערע מענטשן.

5 שעם זיך בעסער פאַר זיך אַליין, וועסטו פאַרשפּאָרן זיך צו שעמען פאַר אַנדערע.

6 ווער עס טוט אַן עבירה און שעמט זיך דערמיט, דעם איז מען מוחל אַלע זיינע זינד.

7 ווער עס האָט נישט קיין בושה, איז דאָס אַ באַווייז, אַז זיינע אָבות זענען נישט געשטאַנען ביים באַרג סיני (ביי מתן־תורה).

8 אַן עזות־פּנים גייט אין גיהנום.

9 וועגן אַ גראָבן מענטשן, אַן עזות־פּנים, זאָגט גאָט: „איך און ער קאָנען זיך נישט געפינען אין איין וועלט".

10 ווער עס באַציט זיך צו מענטשן מיט עזות און חוצפה, איז גלייך ווי ער האָלט געדינט עבודה־זרה.

11 ווער עס האָט חוצפה און עזות, דער וועט צום סוף ווערן קליין.

12 ווער עס האָט חוצפה און עזות, וועט אַריינפאַלן אין גיהנום.

13 ווער עס פאַרמאָגט חוצפה און עזות איז אַ באַווייז, אַז ער איז געשטרויכלט געוואָרן אין אַן עבירה.

14 אַ מענטש אַן עזות־פּנים מעג מען אָנרופן רשע.

15 אַ מענטשן אַן עזות־פּנים מעג מען פיינט האָבן.

16 חוצפה איז ווי אַ מלכות אָן אַ קרוין.

17 חוצפה (דרייסטקייט) העלפט אַמאָל אויך קעגן הימל (גאָט). געמיינט: מיט דרייסטקייט געלינגט מען אַ סך אויפצוטון.

בית ומשפחה

1 לימדה תורה דרך־ארץ: שיבנה אדם בית ויטע כרם ואחר כך ישא אשה. (סוטה מד)

2 איש ואשה, זכו — שכינה ביניהם, לא זכו — אש אוכלתם. (סוטה יז)

3 „אעשה לו עזר כ נ ג ד ו" — זכה עוזרתו, לא זכה — כנגדו. (יבמות סג)

4 המשיא בתו לתלמיד חכם מעלה עליו הכתוב כאלו מדבק בשכינה. (כתובות קיא)

5 יהודי שאין לו אשה הוא מנודה לשמים. (פסחים קיג)

6 הנושא אשה לשם ממון הווין לו בנים שאינם מהוגנים. (קידושין ע)

7 אסור לאדם שיקדש אשה עד שיראנה. (קידושין מא)

8 לעולם יהא אדם זהיר באונאת אשתו. (בבא מציעא נט)

9 לעולם יהא אדם זהיר בכבוד אשתו. (בבא מציעא נט)

10 לא ישא אדם אשה ודעתו לגרשה. (יבמות לז)

11 לעולם אל יטיל אדם אימה יתירה בתוך ביתו. (גיטין ו)

12 אין אדם מוצא קורת רוח אלא מאשתו ראשונה. (יבמות סג)

13 לעולם אל ישנה אדם בנו בין הבנים. (שבת י)

14 בימים ההם לא יאמרו עוד: אבות אכלו בוסר ושני בנים תקהינה. (ירמיהו לא, 28)

15 אב לא ישא בעוון הבן. (יחזקאל יח, 20)

שטוב און פֿאַמיליע

1 די תּורה לערנט אונדז דעם לעבנסשטייגער: פֿריער זאָל דער מענטש בויען אַ שטוב, פֿלאַנצן אַ ווייַנגאָרטן און דערנאָך חתונה האָבן.

2 זענען מאַן און ווייַב זוכה — רוט די שכינה ביי זיי, זענען זיי נישט זוכה — פֿאַרברענט זיי דאָס פֿייַער (פֿון מחלוקת).

3 „איך וועל שאַפֿן אַ געהילף קעגן אים" — איז דער מאַן זוכה, איז די פֿרוי פֿאַר אים אַ געהילף, איז ער נישט זוכה, איז זי זייַן קעגנערין.

4 ווער עס גיט אויס זייַן טאָכטער פֿאַר אַ תּלמיד חכם, איז גלייַך ווי ער וואָלט זיך באַהעפֿט מיט דער שכינה.

5 אַ ייִד וואָס האָט נישט קיין ווייַב איז פֿאַרשטויסן פֿון הימל.

6 ווער עס האָט חתונה מיט אַ פֿרוי צוליב איר געלט, דער וועט האָבן שלעכטע קינדער.

7 מען טאָר נישט חתונה האָבן מיט אַ פֿרוי איידער מען זעט זי פֿריער (און מען קען זי).

8 תּמיד זאָל דער מאַן זייַן אָפּגעהיט פֿון אָפּנאַרן זייַן ווייַב.

9 תּמיד זאָל דעם מאַן זייַן טייַער דער כּבֿוד פֿון זייַן פֿרוי.

10 מען טאָר נישט חתונה האָבן מיט קיין פֿרוי, אויב מען האָט בדעה זי דערנאָך צו גטן.

11 קיינמאָל זאָל דער מענטש נישט אָנוואַרפֿן אַ פּחד אויף זייַנע בני־בית.

12 אַן אמתן נחת־רוח האָט דער מאַן נאָר פֿון זייַן ערשטער פֿרוי.

13 קיינמאָל זאָל אַ מענטש זיך נישט באַציִען צו איין קינד זייַנס אַנדערש ווי צו די אַנדערע.

14 אין יענע טעג וועט מען מער נישט זאָגן: די עלטערן האָבן געגעסן אומצייַטיקע פֿרוכט און די ציין פֿון די זין זענען האַליק, געמיינט: קינדער ווערן נישט באַשטראָפֿט פֿאַר די זינד פֿון זייערע עלטערן.

15 אַ פֿאָטער ווערט נישט באַשטראָפֿט פֿאַר די זינד פֿון זייַן זון.

16 בן לא ישא בעוון האב. (יחזקאל יח, 20)

17 כבת כן אמה, כאמה בתה. (ירושלמי סנהדרין פ"ב)

18 ברא כרעא דאבוה. (פתגם עממי)
(הבן הוא ברך אביו)

19 ברא מזכה אבא. (סנהדרין קד)
(בן מזכה את אביו)

20 בת תחילה סימן יפה לבנים. (בבא בתרא קמא)

21 בתך בגרה, שחרר עבדך ותן לה. (פסחים קיג)

22 גדול שלום שבין איש לאשתו. (חולין קמא)

23 כבד את אביך ואת אמך. (שמות כ, 12)

24 הוקש כבוד אב ואם לכבודו של מקום. (בבא מציעא לב)

25 יהי ביתך בית־ועד לחכמים. (אבות א)

26 יהי ביתך פתוח לרווחה. (אבות א)

27 כל המגדל יתום בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו.
(סנהדרין יט)

28 אין איש מת אלא לאשתו. (סנהדרין כב)

29 אין אשה מתה אלא לבעלה. (סנהדרין כב)

30 כל המגרש אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות. (גיטין צ)

31 לכול יש תמורה, חוץ מאשת נעורים. (סנהדרין כב)

32 איזהו עשיר ? — כל שיש לו אשה נאה במעשים. (שבת כה)

33 אין ברכה מצויה בתוך ביתו של אדם אלא בשביל אשתו. (בבא מציעא נט)

34 אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו. (סוטה ב)

16 אַ זון ווערט נישט באַשטראָפט פאַר די זינד פון זיין פאָטער.

17 ווי די טאָכטער אַזוי איז איר מאַמע, ווי די מאַמע אירע אַזוי איז די טאָכטער.

18 ווי דער טאַטע אַזוי דער זון.

19 אַ זון איז מזכה זיין פאָטער.

20 אויב דאָס ערשטע קינד איז אַ מיידל איז דאָס אַ גוטער סימן צו קינדער־האָבן (זכרים).

21 האָסטו אַ טאָכטער אַ בוגרת, באַפריי דיין קנעכט און גיב אים איר פאַר אַ מאַן.

22 שלום־בית צווישן מאַן און ווייב איז זייער אַ גרויסע זאַך.

23 האַלט בכבוד דיין פאָטער און מוטער.

24 האַלטן בכבוד טאַטע־מאַמע איז גלייך ווי אָפּגעבן כבוד גאָט אַליין.

25 זאָל דיין הויז זיין אַ זאַמל־פונקט פאַר חכמים.

26 זאָל דיין הויז זיין ברייט אָפן פאַר אַלעמען.

27 ווער עס דערציט אַ יתום ביי זיך אין שטוב איז גלייך ווי ער וואָלט אים געבוירן.

28 אַ מאַן שטאַרבט נאָר פאַר זיין פרוי.

29 אַ פרוי שטאַרבט נאָר פאַר איר מאַן.

30 ווער עס גט אָפּ זיין ערשט ווייב, איז אפילו דער מזבח גיסט טרערן.

31 אַלצדינג קאָן מען פאַרבייטן, נאָר נישט קיין יוגנט־פרוי.

32 ווער איז רייך? — דער וואָס האָט אַ פרוי, וואָס טוט שיינע מעשים.

33 נאָר אין זכות פון דער פרוי קומט די ברכה אין שטוב אַריין.

34 מען באַשערט דעם מענטשן אַ פרוי לויט זיינע מעשים.

35 **אשה, בעלה משמחה.** (ראש השנה ו)

36 **אשה יפה אשרי בעלה.** (יבמות סג)

37 **אשה מכרת באורחין יותר מן האיש.** (ברכות י)

38 **אשת חבר הרי היא כחבר.** (שבועות ל)

39 **אשתו כגופו דמי.** (ברכות לה)

40 **אשת חיל מי ימצא, ורחוק מפנינים מכרה.** (משלי לא, 10)

41 **אשת חיל עטרת בעלה וכרקב בעצמותיו מבישה.** (משלי יב, 4)

42 **אוי לבית שכולם ראשים.** (מלאכת מחשבת, וילך)

43 **בנות ישראל נאות הן.** (נדרים סו)

44 **בשכר נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו ישראל ממצרים.** (סוטה יא)

45 **גדולה הבטחה שהבטיח הקב"ה לנשים יותר מן האנשים.** (ברכות יז)

46 **השווה הכתוב אשה לאיש לכל עונשים שבתורה.** (קידושין לה)

47 **לעולם ימכור אדם כל מה שיש לו וישא בת תלמיד חכם.** (פסחים מט)

48 **נשים עם בפני עצמן הן.** (שבת סב)

49 **מצא אשה — מצא טוב.** (משלי יח, 22)

50 **אשה טובה — מתנה טובה לבעלה.** (יבמות סג)

51 **קשה אשה רעה כיום סגריר.** (יבמות סג)

52 **אשה רעה מצוה לגרשה.** (עירובין מא)

53 **כל רעה ולא אשה רעה.** (שבת יא)

54 **אשה רעה — צרעת לבעלה.** (יבמות סג)

55 **אין בנות ישראל הפקר.** (יבמות קז)

35 דער מאַן פאַרשאַפט זיין פרוי פרייד.

36 איז די פרוי שיין, איז ווויל דעם מאַן.

37 אַ פרוי דערקענט בעסער די געסט פון אַ מאַן.

38 די פרוי פון דעם תלמיד חכם איז ווי דער תלמיד חכם אַליין.

39 די פרוי איז גלייך ווי דער מאַן אַליין.

40 ווער עס קאָן געפינען אַן אשת־חיל, העכער פון פערל איז איר ווערט.

41 אַן אשת־חיל איז די קרוין פון איר מאַן, און ווי אַ פוילונג אין זיינע ביינער איז אַ טויגענישט.

42 וויי צו דער שטוב, ווו אַלע זענען אָנפירערס.

43 יידישע טעכטער זענען שיין.

44 אין זכות פון גוטע־פרומע פרויען, וועלכע האָבן געלעבט אין יענעם דור, זענען יידן געוואָרן אויסגעלייזט פון מצרים.

45 גאָט האָט אַ סך מער צוגעזאָגט די פרויען ווי די מענער.

46 די תורה באַהאַנדלט גלייך די פרוי מיטן מאַן לגבי אַלע שטראָפן.

47 כדאַי אַלץ צו פאַרקויפן און חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ תלמיד חכם.

48 פרויען זענען אַ פאָלק פאַר זיך אַליין.

49 ווער עס האָט געפונען אַ ווייב, האָט געפונען גוטס.

50 אַ גוטע פרוי איז אַ טייערע מתנה פאַרן מאַן.

51 אַ שלעכטע פרוי איז שווער ווי אַ וואָלקנדיקער טאָג.

52 אַ שלעכט ווייב איז אַ מצווה צו גטן.

53 יעטוועדע צרה, נאָר נישט קיין שלעכט ווייב.

54 אַ שלעכט ווייב איז ווי אַ קרעץ־קראַנקייט פאַרן מאַן.

55 יידישע טעכטער זענען נישט הפקר.

56 אדם שמתה אשתו בימיו עולם חשך בעדו. (סנהדרין כב)

57 כל אדם שמתה אשתו ראשונה כאלו חרב בית המקדש בימיו.
(סנהדרין כב)

58 המשיא בתו לזקן עליו הכתוב אומר: „לא יאבה ה׳ סלוח לו". (סנהדרין עו)

59 כל יהודי שאין לו אשה אינו אדם. (יבמות סג)

60 כל יהודי שאין לו אשה שרוי בלא שמחה ובלא ברכה. (יבמות סב)

61 שמחת לב — אשה. (שבת קנב)

62 יותר משהאיש רוצא לישא, אשה רוצה להינשא. (יבמות קיג)

63 כל אדם שאין לו בנים חשוב כמת. (נדרים סד)

64 אל תמנע מנער מוסר. (משלי כג, 13)

65 חוסך שבטו — שונא בנו. (משלי יג, 24)

66 חבורה ומשפחה דומות לכיפת אבנים: אתה נוטל ממנה אבן אחת וכולה מתרועעת. (בראשית רבה ק)

67 כד מישלם שעורי מכדא, נקש ואתי תגרא בביתא. (בבא מציעא נט)
(כשכלות השעורים מן הכד מנקשת ובאה מריבה בבית)

68 כבוד אביך — כבודך, וקלון אם — קלונך. (בן־סירא)

69 אב שמחל על כבודו, כבודו מחול. (קידושין לב)

70 ברכת אב בנתה בית, וקללת אם תהרסנו. (בן־סירא)

71 המגדל נקרא אב, ולא המוליד. (שמות רבה)

72 אין דרך אשה לישב בטלה. (ירושלמי כתובות)

56 ווען מען דאָס ווייב שמאַרבט אָפּ, איז דאָס לעבן פאַר אים פינצטער.

57 ווען מען דאָס ערשטע ווייב שטאַרבט אָפּ, איז ווי דער בית המקדש וואָלט חרוב געוואָרן ביי זיין לעבן.

58 ווער עס גיט אויס זיין טאָכטער פאַר אַן אַלטן מאַן, אויף דעם זאָגט דער פסוק: „גאָט וועט אים נישט וועלן מוחל זיין".

59 אַ ייד וואָס האָט נישט קיין ווייב, איז נישט קיין מענטש.

60 אַ ייד וואָס האָט נישט קיין ווייב, איז אין זיין שטוב נישטאָ קיין שמחה און קיין ברכה.

61 פרייד אין האַרצן — דאָס מיינט מען די פרוי.

62 מער ווי דער מאַן וויל נעמען אַ ווייב, וויל די פרוי התונה האָבן.

63 אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין קינדער, איז געגליכן צו אַ געשטאָר־בענעם.

64 זאָלסט נישט פאַרמיידן שטראָף פון דעם יינגל.

65 דער וואָס קאַרגט זיין רוט, האָט פיינט זיין זון. געמיינט: ווער עס גיט נאָך אַלץ זיין זון, איז אים אַ שונא.

66 געזעלשאַפט און משפחה זענען ווי אַ הויפן שטיינדלעך: נעמסט פון אים איין שטיינדל און דער גאַנצער הויפן צעפאַלט זיך. געמיינט: איין ריס אין דער משפחה און זי איז אינגאַנצן צעשטערט.

67 אַז עס לאָזט זיך אויס דאָס גערשטן פון קרוג, הייבט זיך אָן קריגערייַ אין שטוב (אַז עס איז נישטאָ קיין ברויט, איז נישטאָ קיין שלום־בית).

68 דער רום פון דיין פאָטער פאַרשאַפט דיר כבוד און די שאַנד פון דער מוטער ברענגט דיר חרפה.

69 אַ פאָטער מעג מוחל זיין אויף זיין כבוד.

70 דעם פאָטערס ברכה בויט די שטוב און דער מוטערס קללה צעשטערט איר.

71 דער אייגנטלעכער פאָטער איז דער וואָס דערציט דאָס קינד און נישט דער, וואָס האָט עס געבראַכט אויף דער וועלט.

72 עס איז נישט דער שטייגער פון אַ פרוי צו זיצן ליידיק.

73 **שתי נשים בבית — מריבה בבית.** (תנחומא, תצא)

74 **אשת כסילות הומיה.** (משלי ט, 13)

75 **נזם זהב באף חזיר אשה יפה וסרת טעם.** (משלי יא, 22)

76 **האוהב את אשתו כגופו והמכבדה יותר מגופו... עליו הכתוב אומר „וידעת כי שלום אהלך".** (יבמות סב)

77 **אין משיאין את האשה אלא מדעתה.** (בראשית רבה חיי שרה)

78 **בלי חיי משפחה לא יבנה עם.** (א"ד גורדון)

79 **לימדה אותך התורה שתהא ותרן בתוך ביתך.** (במדבר רבה)

80 **אם היה הוא ילד והיא זקנה, הוא זקן והיא ילדה, אומרים לו: „מה לך אצל ילדה?, מה לך אצל זקנה? כלך (לך לך) אצל שכמותך ואל תכניס קטטה לתוך ביתך".** (יבמות מד)

81 **חכמות נשים בנתה ביתה, ואולת בידיה תהרסנו.** (משלי יד 1)

82 **אסור לאדם שיקדש את בתו כשהיא קטנה, עד שתגדל ותאמר: בפלוני אני רוצה.** (קידושין מא)

83 **אשה אוהבת בחור מסכן מזקן עשיר.** (מדרש רות ו)

84 **בזכות הבנים אבותיהם מתכבדים.** (תנחומא, ויקרא)

85 **בינה יתירה נתן הקב"ה באשה יותר מבאיש.** (נידה מה)

86 **בית שיש בו מחלוקת, סופו ליחרב.** (דרך ארץ זוטא ט)

87 **חייב אדם בכבוד חמיו כבכבוד אביו.** (מדרש תהילים ז)

83 **יאכל אדם וישתה פחות ממה שיש לו, וילבש ויתכסה כמה שיש לו, ויכבד אשתו יותר ממה שיש לו.** (חולין פד)

89 **כופין את הבן לזון את האב.** (ירושלמי נדרים פ"ט)

73 צוויי פרויען אין שטוב — אַן אייביקע קריגעריי.

74 אַ נאַרישע פרוי ליאַרעמט ((מאַכט אַ טומל).

75 ווי אַ גילדענער נאָזרינג אין נאָז פון אַ חזיר, איז אַ שיינע פרוי אָן שכל (אָן גוטער אויפפירונג).

76 ווער עס האָט ליב זיין פרוי און שעצט זי מער ווי זיך אַליין, אויף דעם זאָגט דער פסוק: „ווייס, אַז אין דיין געצעלט הערשט שלום״.

77 מען טאָר נישט נעמען קיין פרוי קעגן איר ווילן.

87 אָן משפחה־לעבן קאָן אַ פאָלק נישט ווערן אויפגעבויט.

79 די תורה לערנט דעם מענטש צו זיין נאָכגיביק אין זיין שטוב.

80 אויב ער איז אַ יונגער און זי אַן אַלטע אָדער פאַרקערט, זאָגט מען אים: זוך זיך אויס דיין גלייכן און פיר נישט אַריין אין הויז קיין קריגערייען.

81 אַ קלוגע ווייב בויט אויף איר הויז, און אַ נאַרישע צעשטערט עס מיט אירע הענט.

82 אַ פאָטער טאָר נישט חתונה מאַכן זיין טאָכטער, ווען זי איז קליין. ער דאַרף וואַרטן ביז זי וועט אויפוואַקסן און זאָגן, וועמען זי וויל פאַר אַ מאַן.

83 אַ פרוי וויל בעסער חתונה האָבן מיט אַן אָרעמען יונגן מאַן איידער מיט אַ רייכן זקן.

84 גוטע קינדער פאַרשאַפן כבוד זייערע עלטערן.

85 גאָט האָט געגעבן דער פרוי מער פאַרשטאַנד ווי דעם מאַן.

86 אַ שטוב, אין וועלכער עס איז פאַראַן מחלוקות, וועט חרוב ווערן.

87 אַ מענטש איז מחויב אָפּצוגעבן כבוד זיין שווער ווי זיין פאָטער.

88 אַ מענטש זאָל אויסגעבן אויפן עסן און טרינקען ווייניקער וויפל ער קאָן, אויף מלבושים — לויט זיין יכולת און אויף מתנות פאַר דער פרוי — מער וויפל ער קאָן.

89 מען צווינגט דעם זון צו שפייזן זיין פאָטער.

90 **כל אחד ואחד מלך בתוך ביתו.** (אבות דרבי נתן כח)

91 **נשים דברניות הן.** (ברכות מח)

92 **נשים מבקשות להיות יודעות הכול.** (ילקוט אסתר)

93 **נשים רחמניות הן.** (מגילה יד)

94 **סבתא בביתא — סימָא בביתא.** (ערכין יט)
(סבתא בבית — אוצר בבית)

95 **עשרה קבין שיחה ירדו לעולם, תשעה נטלו נשים.** (קידושין מט)

96 **אין אשה כשרה אלא העושה רצון בעלה.** (תנא רבי אליהו רבה ט)

97 **אתתך גוצא — גחין ותלחש לה.** (בבא מציעא נט)
(אשתך נמוכה — שחה ולחש לה)

98 **דרכו של איש להזר על אשה, ואין דרכה של אשה לחזר על איש.**
(קידושין ב)

99 **הפוגם את עצמו פוגם משפחתו עמו.** (במדבר רבה כא)

100 **בני בנים הרי הם כבנים.** (יבמות סב)

101 **לא כמו שאומרת אמה, אלא כמו שאומרות השכנות.** (שוחר טוב מח)

90 יעטוועדער מענטש איז אין זיין שטוב אַ מלך.

91 ווייבער רעדן אַ סך.

92 ווייבער ווילן אַלץ וויסן.

93 ווייבער זענען באַרמהאַרציקע.

94 אַן אַלטע (באָבע) אין שטוב — אַן אוצר אין שטוב.

95 צען מאָס רייד זענען אַראָפּ אויף דער ערד, ניין פון זיי האָבן גענומען פרויען.

96 אַ כשרע (ערלעכע) פרוי טוט דעם מאַנס ווילן.

97 אויב דיין פרוי איז אַ נידעריקע, בויג זיך איין און שעפּטשע איר אין אויער (האַלט זיך תמיד מיט איר אַן עצה).

98 דער שטייגער פון אַ מאַנסביל איז צו זוכן זיך אַ פרוי, אָבער עס איז נישט דער שטייגער פון אַ פרוי צו זוכן זיך אַ מאַן.

99 ווער עס איז פּוגם (דורך שלעכטע מעשים) זיין אייגענעם כבוד, פאַר־שאַפט אויך חרפה זיין משפחה.

100 קינדער פון זין זענען אַזוי ווי די זין אַליין.

101 נישט ווי אַזוי איר מוטער זאָגט, נאָר ווי די שכנות זאָגן (אַ מוטער איז נישט באַגלייבט אויף איר טאָכטער).

בעלי חיים

1 **דבורה זו דבשה מתוק ועוקצה מר — דבשה לבעלה ועוקצה לאחרים.** (דברים רבה א)

2 **אומרים לדבורה: לא מדובשך ולא מעוקצך.** (במדבר רבה עה)

3 **לא לחינם הלך זרזיר אצל עורב אלא מפני שהוא מינו.** (בבא קמא צב)

4 **אין שני זרזירים ישנים על דף אחד.** (בראשית רבה עה)

5 **אין שועל מת בעפר פירו.** (ירושלמי כתובות פ"ג)
(אין שועל ניצוד במאורתו)

6 **הוה זנב לאריות ואל תהא ראש לשועלים.** (אבות ד, כ)

7 **אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר.** (ברכות לב)

8 **אין חמור נוהק אלא מתוך כפיפה של חרובים.** (ירושלמי סוף יומא)

9 **מלך שבחיות ארי.** (חגיגה יג)

10 **מלך שבעופות נשר.** (חגיגה יג)

11 **גנאי לו לארי שיבכה בפני שועל.** (תנא דבי אליהו רבה יז)

12 **דגים שבים כל הגדול מחברו בולע את חברו.** (עבודה זרה ד)

13 **לוויתן בחכה הועלה — מה יעשו דגי רקק?** (מועד קטן כה)

14 **הפת והעכברים — מי דרכו ללכת אצל מי? — הווה אומר העכברים אצל הפת.** (ילקוט שמעוני, קוהלת ו)

15 **חסידה בשמים ידעה מועדיה ותור וסיס ועגור שמרו את עת בואנה.** (ירמיהו ח, 7)

בעלי חיים

1 דער האָניק פון אַ בין איז זיס און דער שטאָך אירער איז ביטער — דער האָניק איז פאַרן בעל־הבית און דער שטאָך פאַר אַנדערע.

2 מען זאָגט צו דער בין: איך בין מוחל דיין האָניק און וויל נישט דיין שטאָך.

3 נישט אומזיסט איז געגאַנגען דער שטאָר צום ראָב, נאָר ווייל ער איז זיין מין (יעדער זוכט זיין גליכן).

4 צוויי שטאָרן (מין פייגל) קאָנען נישט שלאָפן אויף איין ברעט. געמיינט: מענטשן וואָס האָבן אַ טבע זיך צו קריגן קאָנען נישט לעבן צוזאַמען.

5 אַ פוקס ווערט נישט געכאַפּט (און דערהרגעט) אין זיין אייגענער נאָרע (ערדלאָך).

6 זיי בעסער אַן עק (אַ נאָכשלעפּער) ביי לייבן און נישט קיין קאָפּ (ראָש) ביי פוקסן.

7 דער לייב ברומט נישט פון אַ סך שטרוי, נאָר פון אַ סך פלייש.

8 דער אייזל ריטשעט (שרייט) נאָר פון אַ הויפן באָקסער.

9 דער לייב איז דער מלך פון די חיות.

10 דער אָדלער איז דער מלך פון די פייגל.

11 נישט שיין פאַרן לייב צו וויינען פאַר דעם פוקס.

12 פיש אין ים: דער גרויסער שלינגט איין דעם קלענערן.

13 אויב דער לוויתן איז געכאַפּט געוואָרן — וואָס זאָלן שוין טון די קליינינקע פישלעך?

14 ברויט און מייז — ווער קומט צו וועמען? פאַרשטענדלעך, אַז די מייז גייען צום ברויט.

15 דער בושל אין הימל ווייס זיינע געשטעלטע ציטן און די טורטלטויב, די שוואַלב און דער זשוראַוו היטן די צייט פון זייער קומען (פון די וואַרעמע לענדער).

16 הכלבים — אחד נובח וכולם מתקבצים ונובחים על חינם.
(שמות רבה לא)

17 כלבא בלא מתיה שב שנין לא נבח. (עירובין סא)
(הכלב שלא בעירו שבע שנים אינו נובח)

18 כלב זה, אדם משליך לו פרוסה וסוכר את פיו. („ילמדנו", דברים)

19 כלבים בוכים — מלאך המות בא לעיר. (בבא קמא ס)

20 כלבים משחקים — אליהו הנביא בא לעיר. (בבא קמא ס)

21 לא יגדל אדם כלב רע בתוך ביתו. (כתובות מא)

22 נבח בך כלבא — עול, נבחה בך גורייתא — פוק. (עירובין פו)
נבח בך כלב — היכנס [לבית], נבחה בך כלבה — צא)

23 לית דעניא מכלבא ולית דעתיר מחזירא. (שבת קנה)
(אין עני מכלב ואין עשיר מחזיר)

24 חזיר מפשיט את טלפיו, כלומר: אני טהור. (בראשית רבה סה)

25 חמרא אפילו בתקופת תמוז קרירא ליה. (שבת נג)
(חמור אפילו בתקופת תמוז קר לו)

26 נגרי דחמרא שערי. (שבת נא)
(פסיעותיו של החמור לפי השעורים שהוא אוכל)

27 מלך שבבהמות — שור. (חגיגה יג)

28 אסור לאדם שיאכל קודם שיתן מאכל לבהמתו. (ברכות מ)

29 חלב עזים שחורות וחלב עזים לבנות אחד הוא. (בראשית רבה פז)

30 ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו. (ישעיהו א, 3)

31 יותר ממה שהעגל רוצה לינוק, פרה רוצה להניק. (פסחים קיב)

32 עד שהזאב בא אל הצאן, פרשו לו מצודה. (תנחומא, מטות)

16 ביי הינט — איינער בילט און אַלע לויפֿן זיך צונויף און בילן סתם מיט.

17 אַ הונט אין אַ פֿרעמדער שטאָט וועט זיבן יאָר נישט בילן.

18 די טבע פֿון הונט: מען וואַרפֿט אים אַ שטיקל ברויט און מען פֿאַר־שטאָפּט אים דאָס מויל.

19 אַז הינט וויינען (וואָיען) איז אַ סימן, אַז דער מלאך המוות איז געקומען.

20 אַז הינט שפּילן זיך איז אַ סימן, אַז אליהו הנביא איז געקומען.

21 מען טאָר נישט האַלטן קיין בייזן הונט אין שטוב.

22 בילט אַ הונט אַ זכר, גיי אַריין אין שטוב (אָן מורא), בילט אַ הונט אַ נקבה — טראָג זיך אָפּ.

23 נישטאָ קיין מער אָרעמער פֿון אַ הונט און קיין מער רייכער פֿון אַ חזיר.

24 דער חזיר שטעלט אַרויס זיינע געשפּאָלטענע קלאָען ווי ער וואָלט געזאָגט: זעט, איך בין טהור (כשר).

25 דעם אייזל איז אַפֿילו אין תמוז־צייט קאַלט.

26 אַזוי ווי דער אייזל עסט, אַזעלכע טריט מאַכט ער.

27 דער אָקס איז דער מלך פֿון די בהמות.

28 מען טאָר נישט פֿריער עסן איידער מען גיט דער בהמה צו עסן.

29 די מילך איז די זעלביקע — פֿון שוואַרצע צי פֿון ווייסע ציגן.

30 דער אָקס קען זיין בעל־הבית און דער אייזל — די קאַריטע פֿון זיין האַר.

31 מער ווי דאָס קאַלב וויל זייגן, וויל די קו אים אָנזייגן.

32 איידער דער וואָלף דערשלאָגט זיך צו די שאָף האָט מען שוין אויס־געשפּרייט פֿאַר אים אַ נעץ.

33 **עכברים סורם רע.** (הוריות יג)

34 **עכברין רשיעי נינהו.** (ירושלמי בבא מציעא פ"ג)
(עכברים רשעים הם)

35 **הסוס טפל לרוכב ואין הרוכב טפל לסוס.** (פסיקתא רבתי כא)

36 **טוב שבנחשים רצוץ את מוחו.** (מכילתא, בשלח)

37 **שלשה כל זמן שמזקינים מוסיפים גבורה ואלו הם: דג, נחש וחזיר.** (שבת עז)

38 **שלשה שונאים זה את זה ואלה הם: הכלבים והתרנגולים והחברים.** (פסחים קיג)

39 **מלך אין לארבה ויצא חוצץ כולו.** (משלי ל, 27)

40 **אין הקומץ משביע את הארי.** (ברכות ג)

41 **לך אל נמלה עצל, ראה דרכיה וחכם.** משלי ו, 6)

42 **הנמלים עם לא עז ויכינו בקיץ לחמם.** (משלי ל, 25)

43 **יודע צדיק נפש בהמתו.** (משלי יב, 10)

44 **צער בעלי־חיים דאורייתא (מן התורה).** (שבת קכח)

45 **אלמלא לא ניתנה תורה, היינו למדין צניעות מחתול וגזל מנמלה ועריות מיונה ודרך־ארץ מתרנגול.** (עירובין ק)

46 **בהמת נכרי מטפלין בה כבהמת ישראל.** (בבא מציעא לב)

47 **בהמתו של אדם היא חייו.** (מכילתא בשלח)

48 **מי שאינו יכול להכות את החמור מכה את האוכף.** (תנחומא, פקודי)

49 **מנהגו של עולם זאבים הורגים את העזים.** (בבא בתרא טו)

33 די מייז זענען שלעכטע פון דער נאַטור.

34 מייז זענען רשעים.

35 דאָס פּערד איז פאַרן רייטער און נישט פאַרקערט.

36 דעם בעסטן פון די שלאַנגען צעשמעטער זיין מוח.

37 דריי זענען זיי, אַז וואָס זיי ווערן עלטער ווערן זיי שטאַרקער: אַ פיש, אַ שלאַנג און אַ חזיר.

38 דריי באַשעפענישן האָבן פיינט זייערע אייגענע ברידער: הינט, הענער און כישוף־מאַכער.

39 נישטאָ קיין מלך ביי די היישעריקן און זיי פליען אָרגאַניזירטע אין מחנות.

40 אַ קליינער האַנטהויפן שפייז קאָן נישט זאַט מאַכן אַ לייב.

41 גיי צו דער מוראַשקע, דו פוילער, זע איר שטייגער־לעבן און ווער קלוג.

42 מוראַשקעס, שוואַכע באַשעפענישן, גרייטן אָן זומער זייער שפייז.

43 דער צדיק קימערט זיך וועגן לעבן פון זיין בהמה.

44 די תורה הייסט אונדז זאָרגן פאַר בעלי־חיים.

45 ווען מען וואָלט אונדז נישט געגעבן די תורה, וואָלטן מיר געלערנט צניעות פון דער קאַץ, ערלעכקייט פון דער מוראַשקע, מאָנאָגאַמיע פון דער טויב און דרך־ארץ פון דעם האָן.

46 מען דאַרף זיך מטפל זיין מיט דער בהמה פון אַ נישט־יידן, ווי מיט דער בהמה פון אַ יידן.

47 אַ בהמה פאַרן מענטשן איז ווי זיין אייגן לעבן.

48 ווער עס קאָן נישט שלאָגן דעם אייזל, שלאָגט דעם זאָטל.

49 דער מנהג פון דער וועלט איז, אַז וועלף מאָרדן ציגן.

50 נפל תורא, חדד לסכינא. (שבת לב)
(נפל השור, חדד את הסכין)

51 גמלא אזלא למיבעי קרני, אודני דהוו ליה גזיזן מניה. (סנהדרין קו)
(הגמל הלך לבקש קרנים, ואזניו שהיו לו נכרתו ממנו)

50 אַז עס פאַלט דער אָקס, שאַרף דעם מעסער.

51 דער קעמל האָט זיך געלאָזט זוכן הערנער, האָט מען אים אָפּגעשניטן די אויערן, וואָס ער האָט געהאַט.

בריאות

1 **פיקוח נפש דוחה שבת.** (יומא פה)

2 **נשמה בריאה בגוף בריא.** (פתגם סופרים)

3 **תפארת בחורים כוחם.** (משלי כ׳, 29)

4 **הכול הולך אחר הגוף.** (מכות יב)

5 **„ועצמותיך יחליץ" — זו מעולה שבברכות.** (יבמות ק״ב)

6 **אנחה שוברת חצי גופו של אדם.** (ברכות נח)

7 **אוקיר לאסיך עד דלא תצטריך ליה.** (ירושלמי תענית פ״ג)
(כבד את רופאך עד שלא תצטרך לו)

8 **אסור לדור בעיר שאין בה רופא.** (ירושלמי קידושין פ״ד)

9 **אסיא רחיקא — עינא עוירא.** (בבא קמא פה)
(רופא מרחוק — עין עיורת)

10 **אסיא דמגן — מגן שוי.** (בבא קמא פה)
(הרופא בחינם אין רפואתו שווה כלום)

11 **מי שיש לו כאב הולך לבית הרופא.** (בבא קמא פה)

12 **כל זמן שאדם מתעמל ויגע הרבה... אין חולי בא עליו וכוחו מתחזק.** (רמבם)

13 **אבנים שישבנו עליהן בנערותנו עשו עמנו מלחמה בזקנותנו.** (ירושלמי ביצה פ״א)

14 **ישיבת כרכים קשה.** (כתובות קי)

15 **אסור לדור בעיר שאין בה גינה של ירק.** (ירושלמי קידושין פ״ד)

16 **דאגה הורגת גבורים שבגבורים.** (לפי סנהדרין ק)

דאָס געזונט

1 כדי צו ראַטעווען אַ מענטשן פֿאַרשוועכט מען דעם שבת.

2 אין אַ געזונטן גוף — אַ געזונטע נשמה.

3 די צירונג פֿון יונגעלייט איז זייער כוח.

4 אַלץ גייט לויטן גוף.

5 „דיינע ביינער וועט ער שטאַרקן‟ („אַ געזונט אין די ביינער‟) — דאָס איז די בעסטע ברכה.

6 אַ זיפּץ צעברעכט אַ האַלבן גוף.

7 גיב אָפּ כבוד דעם דאָקטער (און פֿאָלג אים), כדי דו זאָלסט צו אים נישט דאַרפֿן מער אָנקומען.

8 מען טאָר נישט וווינען אין אַ שטאָט, אין וועלכער עס איז נישטאָ קיין דאָקטער.

9 אַ דאָקטער פֿון דערווייטן איז ווי אַ בלינד אויג.

10 אַן אומזיסטיקער דאָקטער איז ווייניק־וואָס ווערט.

11 ווער עס האָט ווייטיקן, גייט גלייך צום דאָקטער.

12 כל־זמן אַ מענטש באַוועגט זיך און אַרבעט אַ סך, ווייסט ער נישט פֿון קיין קרענק און זיינע כוחות שטאַרקן זיך כסדר.

13 די שטיינער, אויף וועלכע מיר זענען געזעסן אין דער יוגנט, האָבן פֿאַרפֿירט מיט אונדז אַ מלחמה אויף דער עלטער (אַז מען היט נישט דאָס געזונט אין דער יוגנט, ליידט מען אויף דער עלטער).

14 עס איז שווער צו וווינען אין שטאָט.

15 מען טאָר נישט וווינען אין אַ שטאָט, וואָס פֿאַרמאָגט נישט קיין גאָרטן מיט גרינס.

16 דאגות לייגן אַוועק די גרעסטע גיבורים.

17 **לא איברא ליליא אלא לשינתא.** (עירובין סה)
(לא נברא לילה אלא לשינה)

18 **זוהר החמה מרפא.** (לפי נדרים ח׳)

19 **כשעולה החמה, קם החולה ממיטתו.** (לפי בבא בתרא טז)

20 **בלא חלל ואוויר אין בריה יכולה לחיות.** (רז״ה יג)

21 **אוי לו לבית שחלונותיו פתוחים לתוך חושך.** (שמות רבה יד)

22 **אין היחיד רשאי לסגף את עצמו בתענית.** (תענית כב)

23 **אל תעשה מום בעצמך.** (פסחים קיב)

24 **שלשה דברים מכחישין כוחו של אדם: פחד, דרך ועוון.** (גיטין ע׳)

25 **הכול בידי שמים חוץ מצינים פחים.** (בבא מציעא קז)

17 די נאַכט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צום שלאָפן.

18 ליכט פון דער זון היילט.

19 אַז די זון גייט אויף, שטייט דער קראַנקער אויף פון זיין בעט (ווערט דעם קראַנקן בעסער).

20 אָן רוים און אָן לופט קאָן קיין שום באַשעפעניש נישט לעבן.

21 ווי צו דעם הויז וואָס זיינע פענצטער זענען אָפן און האָבן נישט קיין ליכט.

22 קיינער טאָר זיך נישט אַליין פייניקן מיט פאַסטן תעניתים.

23 זאָלסט זיך אַליין נישט מאַכן קיין מום אין דיין גוף.

24 דריי זאַכן שוואַכן אָפּ די כוחות פונעם מענטש: פחד, לאַנגער וועג, און זינד.

25 אַלצדינג הענגט אָפּ פון הימל, חוץ קעלט און היץ (פון זיי דאַרף זיך אַ מענטש אַליין אָפּהיטן).

גויים וגרים

1 **אם מבקש אדם להיות צדיק, אפילו גוי, יכול הוא.** (במדבר רבה ח)

2 **אפילו גוי ועוסק בתורה הרי הוא ככוהן גדול.** (בבא קמא לח)

3 **אפילו גוי שעשה דבר חכמה, נקרא חכם.** (מדרש שכל טוב, וארא)

4 **חמור גזל גוי מגזל ישראל מפני חילול השם.** (תוספתא מועד קטן י)

5 **אסור לגנוב דעת הבריות ואפילו דעתו של גוי.** (חולין צד)

6 **חסידי אומות העולם יש להם חלק לעולם הבא.** (תוספתא סנהדרין פ׳ יג)

7 **צדקה מכפרת על אומות העולם.** (בבא בתרא י)

8 **צדיקי אומות העולם הם כוהנים להקב״ה.** (ילקוט תהלים רמז, רצח)

9 **כל מי שמקרב את הנכרי ומגיירו, כאילו בראו.** (בראשית רבה לד)

10 **לא תנעל דלת בפני הגרים.** (ספרי, בעלותך)

11 **אם בן גרים הוא לא יאמר לו: „זכור מעשה אבותיך״.** (בבא מציעא נח)

12 **גר — אתה מצווה להחיותו.** (עבודה זרה כ)

13 **גר שנתגייר כקטן שנולד דמי.** (יבמות כב)

14 **כל המטה דינו של גר, כאילו מטה דינו של מעלה.** (חגיגה ה)

15 **וכי יגור אתך גר בארצכם לא תונו אותו.** (ויקרא יט, 33)

16 **חוקה אחת לכם ולגר הגר, חוקת עולם לדורותיכם; ככם כגר יהיה לפני ה׳.** (במדבר טו, 15)

גויים און גרים

1 יעדער מענטש, אויך דער נישט־ייד, אויב ער וויל נאָר קאָן ער זיין אַ צדיק.

2 אויך אַ גוי וואָס לערנט תורה איז גלייך צו אַ כוהן־גדול.

3 אויב אַ גוי האָט געמאַכט אַ קלוגע זאַך, הייסט ער אַ חכם.

4 עס איז האַרבער צו גזלנען ביי אַ גוי ווי ביי אַ יידן — צוליב חילול השם.

5 מען טאָר נישט גנבענען די דעה פון מענטש, אויך פון אַ נישט־ייד.

6 די חסידים פון אומות העולם האָבן אַ חלק אין עולם־הבא.

7 צדקה איז מכפר אויף די אומות העולם.

8 די צדיקים פון די אומות־העולם זענען גאָטס כוהנים.

9 ווער עס איז מקרב אַ נישט־ייד און איז אים מגייר, איז גלייך ווי ער וואָלט אים באַשאַפן.

10 זאָלסט נישט פאַרשליסן די טיר פאַרן גר.

11 דעם זון פון גר זאָלסטו נישט זאָגן: „געדענק די מעשים פון דיינע עלטערן".

12 אַ גר, ביסטו מחויב צו זאָרגן פאַר זיין לעבן.

13 דער וואָס האָט זיך מגייר געווען, איז גלייך ווי אַ קינד. וואָס איז נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן.

14 ווער עס פאַרדרייט דעם דין פון אַ גר, איז גלייך ווי ער וואָלט פאַר־דרייט דעם דין פון דעם אין הימל.

15 און אַז ביי דיר אין לאַנד וועט זיך אויפהאַלטן אַ פרעמדער, זאָלסטו אים נישט קריוודען.

16 איין געזעץ זאָל זיין פאַר אייך און פאַר דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף ביי אייך. אַן אייביק געזעץ אויף דור־דורות; ווי איר, אַזוי זאָל זיין דער פרעמדער פאַר גאָט.

17 **תורה אחת ומשפט אחד יהיה לכם ולגר הגר אתכם.** (במדבר טו, 16)

18 **קשים גרים לישראל כספחת.** (יבמות מז)

17 איין תורה און איין דין זאָל זיין פאַר אייך און פאַר דעם פרעמדן, וואָס
האַלט זיך אויף ביי אייך.

18 גרים זענען שווער פאַר יידן ווי אַ הויט־קראַנקייט. געמיינט: גרים,
וואָס נעמען אָן דעם יידישן גלויבן נישט צוליב איבערצייגונג.

גוף ונפש

1 הגויה היא ארמון הנפש. (א. אבן־עזרא)

2 הנפש אור הגוף, והחכמה אור הנפש. (מ. אבן לטיף)

3 הנשמה היא כל האדם, והגוף מעון לה. (מנשה בן ישראל)

4 הגוף והנשמה צריכים זה לזה כמו איש ואשה.
(תולדות יעקב־יוסף, כי תשא)

5 עיר קטנה — זה הגוף. (נדרים לו)

6 אין הנפש יוצאת מן הגוף עד שתרא את השכינה.
(פרקי דר׳ אליעזר פ״לד)

7 הגוף בידי הנשמה כמו הצבת ביד הנפח. (ספר החינוך)

8 אין לך אבר גדול בכל אברי הגוף שאין שם כוח הנשמה. (בחיי)

9 מבנה גוף האדם עולה באמנותו על כל מה שנבנה מעולם באמנותו של האדם. (תורת המידות)

10 אל תפריד בין גוף ונשמה: הגוף טבוע בנשמתו, והנשמה טבועה בגופה. (זוטות)

11 אוי הבונה היכלות לגוף ואינו בונה היכלות לנפש. (שבט מוסר)

12 הגוף הוא כלי הנפש לעשות בו כל הפעולות. (רמבם)

13 הנפש מנהגת, והגוף מונהג. (צרי היגון)

14 כשם שהגוף מת בטבע, כן הנפש חיה בטבע. (בחיי)

15 כל מה שהאדם טורח בעניני גופו הוא כדי לקיים הנשמה.
(יעקב בן הרא״ש)

גוף און נשמה

1 דער גוף איז דער פּאַלאַץ פאַר דער נשמה.

2 די נשמה איז ליכט פאַרן גוף און די חכמה איז ליכט פאַר דער נשמה.

3 די נשמה איז דער גאַנצער מענטש און דער גוף איז איר וווינונג.

4 דער גוף און די נשמה נויטיקן זיך איינער אין אַנדערן אַזוי ווי מאַן און ווייב.

5 אַ קליינע שטאָט — דאָס איז דער גוף.

6 די נשמה פאַרלאָזט נישט דעם גוף ביז זי זעט די שכינה.

7 דער גוף איז אין די הענט פון דער נשמה, ווי די צוואַנג איז אין די הענט פון דעם שמיד.

8 נישטאָ קיין אייַן גרעסערער אבר אין גוף, וואָס אין אים זאָל נישט זיין דער נשמה־כוח.

9 דער געבוי פון מענטשנס גוף שטייגט איבער מיט זיין קונסט אַלץ, וואָס ס׳האָט ווען־עס־איז געבויט די מענטשלעכע קונסט.

10 גוף און נשמה זענען אומטיילבאַר: דער גוף איז פאַרטונקען אין דער נשמה און די נשמה איז פאַרטונקען אין גוף.

11 ווייל צו דעם, וואָס בויט פּאַלאַצן פאַרן גוף און שטעלט נישט אויף קיין פּאַלאַצן פאַר דער נשמה.

12 דער גוף איז אַן אינסטרומענט ביי דער נשמה צו טון מיט אים אַלע פעולות (אַרבעטן).

13 די נשמה פירט אָן און דער גוף ווערט אָנגעפירט.

14 אַזוי ווי דער גוף שטאַרבט אָפּ אין דער נאַטור, אַזוי לעבט (אייביק) די נשמה אין דער נאַטור.

15 אַלץ וואָס אַ מענטש באַמיט זיך צו טון פאַרן גוף, איז כדי צו דער־האַלטן די נשמה.

16 **שלמות הגוף קודמת לשלמות הנפש, והיא כמפתח הפותח טרקלין.** (רמבם)

17 **בשלום הנפש יהיה שלום לכל הגוף.** (עקדת יצחק)

18 **במדע ובמעשה תדבק הנפש בעולם העליון.** (מנורת המאור)

19 **הנפש ממלאת את הגוף.** (דברים רבה, ואתחנן)

20 **כל הקרוב לנפש, משיב הנפש.** (ברכות מד)

21 **חלי הנפש קשור בחלי הגוף, לשניהם מקור אחד.** (ר' יעקב עמדין)

22 **יש לנפש בריאות וחולי, כמו שיש לגוף בריאות וחולי.** (רמבם)

23 **כל מה שיש בעולם של מעלה יש בנפש האדם.** (תולדות יעקב־יוסף, קדושים)

24 **כשם שהמאכלים הטובים מתקנים בריאות הגוף, כן המעשים הטובים מתקנים בריאות הנפש.** (האמונה והבטחון)

25 **הנפש רואה ואינה נראית.** (דברים רבה, ואתחנן)

26 **כל נפש היא עולם בפני עצמו.** (מ. נורדוי)

27 **הנפש איננה אלא ניצוץ קטן מהזוהר האלוהי.** (דון יצחק אברבנאל)

16 די שלימות פונעם גוף קומט פריער פאַר דער שלימות פון דער נשמה. די שלימות פונעם גוף איז ווי אַ שליסל צום עפענען אַ פּאַלאַץ.

17 שלום פאַר דער נשמה איז שלום פאַרן גאַנצן גוף.

18 מיט וויסן און טאַט באַהעפט זיך די נשמה מיטן עולם עליון (מיט דער העכערער וועלט).

19 די נשמה פילט אויס דעם גאַנצן גוף.

20 דאָס וואָס איז נאָענט צו דער נשמה, דערקוויקט זי.

21 נשמה־קראַנקייט איז פאַרבונדן מיט גוף־קראַנקייט און איין מקור איז פאַר ביידע.

22 עס זענען פאַראַן געזונט און קראַנקייט פאַר דער נשמה ווי עס זענען פאַראַן געזונט און קראַנקייט פאַרן גוף.

23 אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אין דער וועלט פון אויבן, איז פאַראַן אין דער נשמה.

24 אַזוי ווי גוטע מאכלים פאַרבעסערן דאָס געזונט פון גוף, אַזוי אויך גוטע מעשים פאַרבעסערן דאָס געזונט פון דער נשמה.

25 די נשמה זעט, אָבער זי זעט מען נישט.

26 יעטוועדע נשמה איז אַ וועלט פאַר זיך.

27 די נשמה איז נישט מער ווי נאָר אַ קליינער פונק פון דער געטלעכער שיין.

גלות

1 גלות מכפרת עוון. (ברכות נו)

2 הגלות היא אחד ממיני המאסר. (מ. אבן־עזרא)

3 בכל מקום שגלו שכינה עמהן. (מגילה כט)

4 לא גלו ישראל, עד שכפרו ביחידו של עולם ועשרת הדברות ובמילה. (איכה רבתי א)

5 ימות אדם ואל יגלה ממקומו. (פרקי דרבינו הקדוש, פרק ח)

6 כל ענין איוב הוא משל לבני־ישראל בגולה. (י. אייבשיץ)

7 לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות, אלא כדי שיתוספו עליהם גרים. (פסחים פז)

8 אילו ידעו אבותינו הקדמונים שתהי כל־כך אריכות הגלות, היו מאבדין עצמן לדעת לרוב צער ודאגה. (י. אייבשיץ)

9 החטאים שגורמים גלות, הם הם שמדליחים את המעין העצמי. (א. י. הכהן קוק)

10 אוי לו לעם, שכל רגלו נותקה כולה מאדמתו וכולו הוא בגולה. (מ. י. בן־גריון)

11 בגולה אין אנו בעצמנו שייכים לנו: אין חיינו שייכים לנו, אין הוננו שייך לנו וגם בנינו אינם שייכים לנו. (מ. ל. לילינבלום)

12 הגולה הרי זה כצמח בלי ארץ ומים, כומש, לא יפרח, נובל ולא יביא פרי. (מ. אבן־עזרא)

13 עתה בגלות לא נוכל לקיים מצוות „ושמחת בחגך", לפי שאסור לאדם למלא פיו שחוק. (י. אברבנאל)

גלות

1 גלות פאַרגיט די זינד.

2 גלות איז אַ מין געפענגעניש (טורמע).

3 אומעטום וו יידן זענען פאַרטריבן איז די שכינה מיט זיי.

4 יידן זענען נישט פריער פאַרטריבן געוואָרן (פון זייער לאַנד), ביז זיי האָבן געלייקנט אין דעם איינציקן גאָט פון דער וועלט, אין די צען געבאָט און אין מילה.

5 גלייכער אַז אַ מענטש זאָל אומקומען און נישט פאַרטריבן ווערן פון זיין אָרט.

6 דער גאַנצער ענין איוב איז אַ משל אויף די יידן אין גלות.

7 גאָט וואָלט נישט פאַרטריבן די יידן צווישן די פעלקער, נאָר כדי עס זאָלן צוקומען צו זיי גרים.

8 ווען אונדזערע אַמאָליקע עלטערן וואָלטן געוווסט, אַז דער גלות ויעט זיך אַזוי לאַנג ציען, וואָלטן זיי פון גרויס צער און זאָרג גענומען זיך דאָס לעבן.

9 די זינד, וואָס איז גורם צו גלות, זי און נאָר זי פאַראומרייניקט דעם אייגענעם (נאַציאָנאַלן) קוואַל.

10 ווי צום פאָלק, וואָס זיינע פיס זענען אָפּגעריסן פולשטענדיק פון זיין ערד און עס געפינט זיך אין גלות.

11 אין גלות זענען מיר נישט די בעלי־בתים איבער זיך: די לעבנס זענען נישט אונדזערע, די פאַרמעגנס זענען נישט אונדזערע און די קינדער געהערן נישט צו אונדז.

12 דער גלות איז ווי אַ געוויקס אָן ערד און אָן וואַסער. ער טריקנט, בליט נישט, וועלקט און ברענגט נישט קיין פרוכט.

13 איצט אין גלות קאָנען מיר נישט מקיים זיין די מצווה: „זאָלסט זיך פרייען אין דיין יום־טוב", ווייל דער מענטש (ייד) טאָר דאָ נישט לאַכן מיטן פולן מויל (און זיך פרייען).

14 **הגלות — כל דברי־ימינו — אינה רק צרה ואסון, כי־אם בעיקר עוון אבותינו ועווננו, פשע הדורות ופשענו, עונש ואשמה גם יחד.**
(י. ח. ברנר)

15 **הגלות דלדלה את כוח החיים של האומה.** (א. י. קוק)

16 **היהודי בארץ־מולדתו בגולה איננו בן הארץ ואיננו גם־כן בן ארץ נכריה, הוא זר במובן היותר שלם.** (י. ל. פינסקר)

17 **הרבה עניות עושה והרבה גלות עושה — והוי דן את היהודי לכף־זכות.**
(ח. נ. ביאליק)

18 **בעיני החיים היהודי חשוב כמת, בעיני האזרחים הוא גר, בעיני התושבים — נע־ונד.** (י. ל. פינסקר)

14 דער גלות — אונדזער גאַנצע געשיכטע — איז נישט בלויז אַ צרה און אַן אומגליק, נאָר איז בעיקר אַ זינד פון אונדזערע עלטערן און פון אונדז אַליין, איז אַ פאַרברעכן, וואָס דורות און מיר זענען באַגאַנגען, איז אַ שטראָף און אַ באַשולדיקונג צוזאַמען.

15 דער גלות האָט אָפּגעשוואַכט דעם לעבנס־כוח פון דער אומה.

16 אַ ייד אין זיין געבוירן־לאַנד אין גלות איז נישט קיין זון פון דעם לאַנד און נישט קיין בירגער פון אַן אַנדער לאַנד, ער איז ביי אַלע אַ פרעמדער אין פולשטענדיקן זין.

17 א סך (שלעכטס) מאַכט די אָרעמקייט און אַ סך דער גלות — זאָלסט משפטן דעם יידן לכף־זכות (צום גוטן).

18 אין די אויגן פון די לעבעדיקע איז דער ייד ווי אַ מת, אין די אויגן פון די בירגער — ווי אַ פרעמדער, אין די אויגן פון די שטענדיקע איינוווינער — ווי אַ נע־ונדניק (וואָגלער).

גניבה ורמאות

1 **יהי ממון חברך חביב עליך כשלך.** (אבות ב)

2 **אין נותנים פרצה לפני הכשר וכל־שכן לפני הגנב.** (תנחומא הקדוס, וישלח)

3 **חולק עם גנב שונא נפשו.** (משלי כט, 24)

4 **לאו עכברא גנב, אלא חורא גנב.** (גיטין מה)
(**לא העכבר הוא הגנב אלא החור** [**שבו מצניע העכבר את גנבתו**])

5 סוף גנב לתליה. (פתגם עממי)

6 **לחם סתרים ינעם.** (משלי ט, 17)

7 **מים גנובים ימתקו.** (משלי ט, 17)

8 **פרצה קוראה לגנב.** (סוכה כו)

9 ראשון שבגנבים — גונב דעת הבריות. (תוספ׳ ב׳בא קמא ז)

10 **אסור לגנוב דעת הבריות ואפילו דעתו של נכרי.** (חולין צד)

11 **אל תכנס לחצר חברך לטול את שלך שלא ברשות, שמא תיראה עליו כגנב.** (בבא קמא כז)

12 מתוך שחשוד על הממון, חשוד על השבועה. (לפי בבא מציעא ה)

13 גונב מן גוי, לסוף גונב מישראל, נשבע לגוי, לסוף נשבע לישראל, מכחש לגוי, לסוף מכחש לישראל. (תנא דבי אליהו רבה כח)

14 **לא יהיה לך בכיסך אבן ואבן, גדולה וקטנה.** (דברים כה 13)

15 **לא יהיה לך בביתך איפה ואיפה, גדולה וקטנה.** (דברים כה 14)

גניבה און אָפּנאַרעריי

1 זאָל דיין חברס געלט זיין דיר אַזוי ליב און טייער ווי דיין אייגנס.

2 מען לאָזט נישט איבער קיין געלט און ווערטזאַכן אָן השגחה אַפילו פאַר אַן ערלעכן און אוודאי נישט פאַר אַ גנב.

3 ווער עס טיילט זיך מיט אַ גנב, איז אַ שונא זיך אַליין.

4 נישט די מויז איז דער גנב, נאָר די לאָך. געמיינט: דער אייגנטלעכער גנב איז דער, וואָס באַהאַלט אויס געגנבעטע זאַכן.

5 דער סוף פון דעם גנב איז אויף דער תליה.

6 געגנבעט ברויט איז זיס. געמיינט: אַ פאַרבאָטענע זאַך רייצט.

7 געגנבעט וואַסער איז זיס. געמיינט: תמיד רייצט דאָס, וואָס עס איז פאַרבאָטן.

8 אַן אָפענע שטוב (אָן השגחה) רופט דעם גנב אַריין.

9 דער גרעסטער גנב איז דער, וואָס גנבעט די דעה פון מענטשן.

10 מען טאָר נישט גנבענען די דעה פון מענטשן. געמיינט: אויך פון נישט־יידן.

11 אפילו אָפּצונעמען דיינע אַ זאַך זאָלסטו נישט אַריינגיין אין יענעמס הויף אָן אַ דערלויבעניש, ווייל מען קאָן דיך אָננעמען פאַר אַ גנב.

12 דעם מענטש, וואָס מען איז חושד אין געלט־זאַכן, טאָר מען אויך קיין שבועה נישט אָנטרויען.

13 ווער עס גנבעט פון אַ גוי, וועט דערנאָך גנבענען פון אַ יידן. ווער עס שווערט פאַלש צו אַ גוי, וועט דערנאָך שווערן פאַלש אויך צו אַ יידן, ווער עס לייקנט פאַר אַ גוי, וועט דערנאָך לייקענען אויך פאַר אַ יידן.

14 זאָלסט נישט האָבן ביי זיך קיין צווייערליי וואָגשטיינער (געוויכטער), אַ גרעסערן און אַ קלענערן.

15 זאָלסט נישט האַלטן אין שטוב צווייערליי איפה׳ס (מעסטלעך), אַ גרעסערע און אַ קלענערע.

16 **אבן שלמה וצדק יהיה לך, איפה שלמה וצדק יהיה לך.** (דברים כה 15)

17 **אדם בהול על ממונו.** (שבת קיז)

18 **התורה חסה על ממונם של ישראל.** (יומא לט)

19 **גדולה אונאת דברים מאונאת ממון.** (בבא מציעא נח)

20 **עני המחזיר אבדה לבעליה — הקב"ה מכריז עליו בכל יום.**
(ע"פ פסחים קיג)

21 **כל הגוזל מחברו אפילו שוה פרוטה כאילו נוטל נשמתו.** (בבא קמא קיט)

22 **כל הכובש שכר שכיר כאילו נוטל נפשו ממנו.** (בבא מציעא קיב)

23 **רוב גנבים מצויים במחתרת.** (סנהדרין עב)

24 **חמור גזל הנכרי מגזל ישראל מפני חלול השם.** (תוס' מועד קטן י')

25 **אי לאו עכברא, חורא מנא ליה?** (ערכין ל')
(אם לא העכבר, החור מנין לו?)

26 **גנב על פי מחתרת קורא לשמים.** (לפי ברכות סג)

16 אַ פול און ריכטיק געוויכט זאָל זיין ביי דיר, אַ פולע און ריכטיקע איפה (מעסטל) זאָל זיין ביי דיר.

17 אַ מענטש שרעקט זיך וועגן זיין געלט.

18 די תורה שיצט יידיש געלט.

19 רייד־אָפּנאַרעריי איז ערגער פון געלט־שווינדלעריי.

20 אַן אָרעמאַן, וואָס קערט אום דעם אייגנטימער אַ פאַרלוירענע זאַך, ווערט דורך גאָט אויסגערופן צום גוטן יעדן טאָג.

21 ווער עס גזלט ביי זיין חבר אַפילו דעם ווערט פון אַ פּרוטה, איז גלייך ווי ער וואָלט ביי אים צוגענומען די נשמה.

22 ווער עס פאַרהאַלט דעם לוין פון אַן אַרבעטער, איז גלייך ווי ער וואָלט ביי אים צוגענומען דאָס לעבן.

23 מערסטע גנבים לעבן אין דער אונטערערד.

24 גזילה ביי אַ נישט־יידן איז אַ האַרבערער חטא פון דער גזילה ביי אַ יידן צוליב חילול השם.

25 ווען נישט די מויז, פון וואַנען נעמט זיך די לאָך? געמיינט: אויב עס וועלן נישט זיין קיין גנבים, וועלן אויך נישט זיין קיין אָפּנעמער פון גניבות.

26 אויך דער גנב ביים אונטערגראָבן זיך בעט צום הימל, אַז די גניבה זאָל אים געלונגען.

דאגה ופחד

1 **אין דאגה כדאגת החוב.** (נועם המידות)

2 **אל תתן דאגה בלבך, כי רבים הרגה הדאגה.** (אוצר מדרשים)

3 **בלא עת תזקין דאגה.** (בן־סירא)

4 **דאגה לא תועיל וממות לא תציל.** (י. אלחריזי)

5 **לא נאה לחכם דאגה.** (צמח צדיק)

6 **מידה זו של דאגה לרוב תגלה בפנים.** (ש. בן־גבירול)

7 **קשה דאגה כבושה בלב כמחט בבשר.** (פתגם עממי)

8 **הדאגה היא המות הטבעי.** (ש. בן־גבירול)

9 **דאגה בלב איש — ישחנה.** (משלי יב, 25)

10 **דואג, ממה תדאג? אם מן מות — מי זה חי לעד, או ממוט רגלך בעולם — אין בו אדם שלא ימעד.** (ש. הנגיד)

11 **הדאגה על מה שלא היה היא רעה חולה.** (מבחר הפנינים)

12 **מי שידאג תמיד, נופל בחלאים רעים.** (צרי היגון)

13 **פרי דאגה — שבר ברוח.** (משלי אגור)

14 **תנומה אין בעפעפי דואג.** (בן־סירא)

15 **הדאגות מדווי הלבבות, כמו שהחיים מדווי הגופות.** (איגרת המוסר)

16 **אין ראוי למשכיל שידאג על מה שנאבד ממנו, אלא שישמור על מה שנשאר לו.** (איגרת המידות)

זאָרג און שרעק

1 נישטאָ נאָך אַזאַ דאגה ווי די זאָרג וועגן אַ חוב.

2 לאָז נישט צו קיין זאָרג צום האַרצן, ווייל אַ סך מענטשן האָט שוין די דאגה געהרגעט.

3 זאָרג מאַכט אַלט פאַר דער צייט.

4 דאָס זאָרגן העלפט נישט און פון טויט וועט עס נישט מציל זיין.

5 עס איז נישט שיין פאַר אַ חכם צו זאָרגן.

6 די מידה פון זאָרגן אַנטפּלעקט מען מײַסטנטייל אין פּנים פון דעם מענטש.

7 אַ דאגה וואָס דריקט אין האַרצן, איז ווי אַ נאָדל וואָס שטעכט אין לייב.

8 זאָרג איז אַ נאַטירלעכער טויט.

9 איז פאַראַן אַ זאָרג אין עמעצנס האַרצן, זאָל מען זי פאַרדריקן (לויט חז״ל: זאָל מען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן).

10 זאָרגער, וועגן וואָס זאָרגסטו; אויב וועגן טויט — ווער־זשע לעבט אייביק; אויב ווידער, וואָס דיין פוס האָט זיך אויסגעגליטשט אויף דער וועלט — נישטאָ קיין מענטש, וואָס האָט זיך נישט אויסגעגליטשט.

11 דאָס זאָרגן וועגן דעם וואָס איז נישט געווען, איז אַ שלעכטע קראַנקייט.

12 ווער עס זאָרגט תמיד, דעם באַפאַלן שלעכטע קראַנקייטן.

13 די פּרוכט פון זאָרג איז אַ צעבראָכן געמיט.

14 אויף די אויגן־ווייעס פונעם זאָרגער קומט נישט קיין דרעמל.

15 זאָרגן זענען ווייטיקן פון די הערצער, אַזוי ווי קראַנקהייטן זענען ווייטיקן פון די קערפּערס.

16 עס פּאַסט נישט פאַרן משכיל צו זאָרגן זיך וועגן דעם, וואָס ער האָט פאַרלוירן, נאָר זאָל ער היטן דאָס, וואָס אים איז געבליבן.

17 **הדאגה מן הפורענות היא מידה מגונה.** (י. עמדין)

18 **אל תתיאש מן הפורענות.** (אבות א)

19 **הפחד הוא חָלְיִ הנפש.** (א. אבן־עזרא)

20 **לפעמים פחד מביא לידי כשלון.** (מ. אבן־עזרא)

21 **עם הפחד תאבד התקוה.** (מבחר הפנינים)

22 **היאוש האמיתי הוא חולי ארסי.** (ספר המידות)

23 **מוטב למות אחת לתמיד מאשר לחיות בפחד מתמיד.** (פתגם סופרים)

17 דאָס זאָרגן מחמת צרות איז נישט קיין שיינע מידה.

18 זאָלסט זיך נישט מיאש זיין ווען עס קומען צרות.

19 שרעק איז גייסטיקע קראַנקייט.

20 שרעק ברענגט אָפטמאָל דעם מענטשן צו אַ דורכפאַל.

21 מחמת שרעק פאַרלירט מען די האָפענונג.

22 דער אמתער יאוש איז אַ גיפטיקע קראַנקייט.

23 בעסער צו שטאַרבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל. איידער צו לעבן אין שרעק אַלע מאָל.

דמויות

1 פני משה כפני חמה ופני יהושע כפני לבנה. (בבא בתרא עה)

2 למה נקרא שמו עמרם? — שיצא ממנו עם רם. (זהר, שמות יט)

3 ישעיה דומה לבן כרך שראה את המלך. (חגיגה יג)

4 יחזקאל דומה לבן כפר שראה את המלך. (חגיגה יג)

5 למה נקרא שמה ערפה? — שהפכה עורף לחמותה.
(מדרש אגדה, בהר סד)

6 עד שלא כבתה שמשו של עלי זרחה שמשו של שמואל. (יומא לח)

7 עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ועמד בכולם. (אבות ה)

8 היה אברהם אבינו מכניס בני אדם לביתו ומאכילם ומשקם.
(לפי ספרי, ואתחנן)

9 אמנו שרה צנועה יותר מדי. (בראשית רבה נג)

10 כל ימים שהיתה שרה קיימת היו דלתות פתוחות לרווחה, וכיון שמתה שרה פסקה אותה הרווחה; וכיון שבאה רבקה חזרה אותה הרווחה.
(בראשית רבה ס)

11 בצלאל — על שם חכמתו נקרא. (בראשית רבה נה)

12 מפני מה זכה עובדיה לנביאות? — מפני שהחביא מאה נביאים במערה.
(סנהדרין מ)

געשטאַלטן

1 דאָס פּנים פון משה האָט געלויכטן ווי די זון און דאָס פּנים פון יהושע — ווי די לבנה.

2 פאַרוואָס האָט מען אים גערופן עמרם? — ווייל פון אים איז אַרויסגעקומען אַן עם רם (הויך פאָלק).

3 ישעיהו הנביא איז געגליכן צו אַ גרויסשטאָטיקן, וואָס האָט געזען דעם מלך (ווען ער שילדערט גאָט, פאַרנעמט ער זיך נישט מיט קיין פּרטים).

4 יחזקאל הנביא איז געגליכן צו אַ דאָרפסמאַן, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל געזען דעם מלך.

5 פאַרוואָס האָט מען זי גערופן ערפה? — ווייל זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן עורף (רוקן) צו איר שוויגער (נעמי).

6 איידער עס איז פאַרלאָשן געוואָרן די זון פון עלי הכהן, האָט אויפגעשיינט די זון פון שמואל הנביא (דאָס פאָלק איז נישט געבליבן אָן אַ מנהיג).

7 מיט צען נסיונות איז געפּרוּווט געוואָרן אַברהם אבינו און ער איז זיי אַלע בייגעשטאַנען.

8 אברהם אבינו פלעגט אויפנעמען אין זיין הויז דורכגייער, זיי געגעבן עסן און טרינקען.

9 אונזער מוטער שרה איז געווען גאָר אַ גרויסע צנועה.

10 ווען שרה האָט געלעבט זענען די טירן פון הויז געווען ברייט געעפנט, כדי אויפצונעמען אורחים; נאָך איר טויט האָט די הכנסת אורחים אויפגעהערט, ביז עס איז געקומען רבקה און האָט די טירן צוריק ברייט געעפנט פאַר דורכגייער.

11 דעם קינסטלער (וואָס האָט געבויט דעם משכן) האָט מען גערופן בצלאל (אין גאָטס שאָטן) פאַר זיין חכמה.

12 פאַרוואָס האָט עובדיה זוכה געווען צו זיין אַ נביא? — ווייל ער האָט אויסבאַהאַלטן הונדערט נביאים אין אַ הייל (פאַר דער נקמה פון איזבל).

דרך חיים

1 איזוהי דרך ישרה שיבור לו האדם? — כל שהיא תפארת לעושׂה ותפארת לו מן האדם. (אבות ב, ג)

2 במקום שאין אנשים, השתדל להיות איש. (אבות ב, ה)

3 אל תתהלל ביום מחר, כי לא תדע מה ילד יום. (משלי כז, 1)

4 תפוס את הרע במעוטו. (מימרה עממית)

5 שלח לחמך על פני המים, כי ברוב הימים תמצאנו. (קוהלת יא, 1)

6 לא יסקל אדם מרשותו לרשות הרבים. (בבא קמא נ)

7 לא ישפוך אדם מי בורו ואחרים צריכים להם. (יבמות יב)

8 לעולם אל יביא אדם עצמו לידי נסיון. (סנהדרין קז)

9 כל אחד ואחד חייב לומר: בשבילי נברא העולם. (סנהדרין ז)

10 עם חסיד תתחסד. (שמואל ב, כב, 26)

11 אל תאמן בעצמך עד יום מותך. (אבות ב, ה)

12 אדם צריך לצאת ידי הבריות כדרך שצריך לצאת ידי המקום. (שקלים ג)

13 אל יספר אדם בטובתו של חברו [יותר מדאי], שמתוך טובתו בא לידי רעתו. (ערכין טז)

לעבנסוועג

1 וועלכער איז דער ריכטיקער לעבנסוועג, וואָס אַ מענטש זאָל אויס־קלייבן? — דער וואָס איז שיין פֿאַר אים אַליין און איז שיין אין די אויגן פֿון מענטשן.

2 דאָרט וווּ עס זענען נישטאָ קיין מענטשן, באַמי זיך דו צו זיין אַ מענטש.

3 זאָלסט זיך נישט רימען מיט דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווייל דו ווייסט נישט, וואָס דער טאָג וועט ברענגען.

4 אויב דו שטייסט פֿאַר דער ברירה פֿון צוויי שלעכטע זאַכן, קלייב אויס די, וועלכע איז ווייניקער שלעכט.

5 שיק דיין ברויט איבער וואַסערן, אין אַ סך טעג אַרום וועסטו עס געפינען.

6 שטיינער פֿון דיין פּריוואַטן הויף טאָרף נישט אַרויס אויף דער גאַס.

7 קיינמאָל זאָל אַ מענטש נישט אַרויסגיסן דאָס וואַסער פֿון זיין גרוב, אויב אַנדערע דאַרפֿן עס.

8 אַ מענטש דאַרף זיך באַמיען נישט צו שטיין פֿאַר אַ מצב פֿון אַ נסיון (ווייל אפשר וועט ער דעם נסיון נישט ביישטיין).

9 יעטוועדער מענטש דאַרף זיך זען ווי פֿאַר זיינעטוועגן איז באַשאַפֿן געוואָרן די וועלט ((און ער טראָגט די אחריות פֿאַרן סדר העולם).

10 מיט דעם גענאַדיקן (גוטהאַרציקן) באַגיי זיך דו אויך גענאַדיק (גוט־האַרציק).

11 זאָלסט זיך אַליין קיינמאָל נישט געטרויען.

12 אַ מענטש דאַרף יוצא זיין פֿאַר מענטשן אַזוי ווי פֿאַר גאָט.

13 מען טאָר נישט מגזם זיין אין לויבווערטער, ווייל דערמיט דערנידעריקט מען יענעם.

14 **אל ירבה אדם רעים בתוך ביתו.** (ברכות סג)

15 **אל תתיאש מן הפורענות.** (אבות א, ז)

16 **אל תהי אוסר לאחרים ומתיר לעצמך.** (שמות רבה כה)

14 **די צאָל פון די שטוב־פּריינט זאָל נישט זיין איבעריק גרויס.**

15 זאָלסט נישט אַריינפאַלן אין יאוש, ווען עס קומט אַ צרה.

16 זאָלסט נישט פאַרזאָגן אַנדערע דאָס, וואָס דו דערלויבסט זיך אַליין.

הבטחה

1 **מוצא שפתיך תשמור.** (דברים כג 24)

2 **מוצא שפתי לא אשנה.** (תהלים פט, 35)

3 **טוב אשר לא תדור, משתדור ולא תשלם.** (קוהלת ה, 4)

4 **המבטל את דבריו אין רוח הכמים נוחה הימנו.**
(תוספתא בבא מציעא פ"ג)

5 **כל המקיים את דבריו רוח חכמים נוחה הימנו.** (שבועות פ"ו)

6 **יהא הן שלך צדק ולאו שלך צדק.** (בבא מציעא מט)

7 **כיון שהגיד, שוב אינו חוזר ומגיד.** (סנהדרין מד)

8 **כל המחליף בדבורו כאלו עובד עבודה זרה.** (סנהדרין צב)

9 **כל המשנה, ידו על התחתונה.** (בבא מציעא ו, ב)

10 **לא יאמר אדם לתינוק: אתן לך דבר ואינו נותן לו, משום שבא ללמדו שקר.** (סנהדרין מו)

11 **גדולה הונאת דברים מהונאת ממון.** (בבא מציעא נח)

12 **כל החוזר בו, ידו על התחתונה.** (בבא מציעא עו)

13 **לעולם אל תהא רגיל בנדרים שסופך למעול.** (נדרים כ)

צוזאָג

1 וואָס דו ברענגסט אַרויס פֿון דײַן מויל זאָלסטו אָפּהיטן.

2 מײַנע רייד וועל איך נישט ענדערן.

3 בעסער זײַ נישט מנדר, איידער דו זאָלסט דײַן נדר נישט באַצאָלן.

4 דער וואָס האַלט נישט זײַן וואָרט, פֿון דעם זענען די חכמים נישט צופֿרידן.

5 ווער עס האַלט וואָרט, פֿון דעם זענען די חכמים צופֿרידן.

6 זאָל דײַן „יאָ" זײַן אַ ריכטיקער און דײַן „ניין" אַן אמתער.

7 האָט ער איינמאָל געזאָגט, זאָל ער שוין אַנדערש נישט רעדן.

8 ווער עס דרייט מיט זײַנע רייד, איז גלײַך ווי ער וואָלט געדינט עבֿודה־זרה.

9 ווער עס אַנדערשט איבער אַן אָפּמאַך (אָן דער הסכּמה פֿון צווייטן צד), דער פֿאַרשפּילט.

10 מען טאָר נישט צוזאָגן דעם קינד אַ זאַך און דערנאָך אים נישט געבן, ווײַל דערמיט לערנט מען אים צו זאָגן ליגן.

11 אָפּנאַרן מיט רייד איז ערגער ווי מיט געלט.

12 ווער עס ציט זיך צוריק (פֿון דעם אָפּמאַך), דער פֿאַרלירט זײַן זכות.

13 געוויין זיך נישט אײַן צו טון אָפֿט נדרים, ווײַל דער סוף וועט זײַן, אַז דו וועסט זיי נישט מקיים זײַן.

הכול בעתו

1 **לכול זמן ועת לכל חפץ תחת השמים.** (קוהלת ג, 1)

2 **עת ללדת ועת למות.** (קוהלת ג, 2)

3 **עת לטעת ועת לעקור נטוע.** (קוהלת ג, 2)

4 **עת לפרוץ ועת לבנות.** (קוהלת ג, 3)

5 **עת לבכות ועת לשחוק.** (קוהלת ג, 4)

6 **עת ספוד ועת רקוד.** (קוהלת ג, 4)

7 **עת להשליך אבנים ועת כנוס אבנים.** (קוהלת ג, 5)

8 **עת לחבוק ועת לרחוק מחבק.** (קוהלת ג, 5)

9 **עת לבקש ועת לאבד.** (קוהלת ג, 6)

10 **עת לשמור ועת להשליך.** (קוהלת ג, 6)

11 **עת לקרוע ועת לתפור.** (קוהלת ג, 7)

12 **עת לחשות ועת לדבר.** (קוהלת ג, 7)

13 **עת לאהוב ועת לשנוא.** (קוהלת ג, 8)

14 **עת מלחמה ועת שלום.** (קוהלת ג, 8)

15 **ברזל כל זמן שהוא בתוך האור עושין ממנו כל כלים שירצו.**
(אבות דרבי נתן טז)

16 **בשעת חדותא חדותא, בשעת אבלא אבלא.** (בראשית רבה כז)
(בשעת חדוה — חדוה, בשעת אבל — אבל)

17 **עבר זמנו — בטל קרבנו.** (על־פי ברכות כו)

18 **נגד את הברזל בעודנו חם.** (פתגם עממי)

19 **אם השעה משחקת לך, אל תחמיצנה.** (פתגם סופרים)

אַלץ אין דער צייט

1 אויף אַלץ איז דאָ אַ שעה, און אַ צייט פאַר יעדער זאַך אונטערן הימל.

2 אַ צייט געבוירן צו ווערן און אַ צייט צו שטאַרבן.

3 אַ צייט צו פלאַנצן און אַ צייט אויסצורייסן דאָס געפלאַנצטע.

4 אַ צייט צו ברעכן (צעשטערן) און אַ צייט צו בויען.

5 אַ צייט צו וויינען און אַ צייט צו לאַכן.

6 אַ צייט צו קלאָגן און אַ צייט צו טאַנצן.

7 אַ צייט אַוועקצוואַרפן שטיינער און אַ צייט זיי אויפצוקלייבן.

8 אַ צייט צו האַלדזן און אַ צייט זיך פון דעם צו דערווייטערן.

9 אַ צייט צו זוכן (אַ געפינס) און אַ צייט צו פאַרלירן.

10 אַ צייט צו היטן און אַ צייט אַוועקצוואַרפן.

11 אַ צייט צו רייסן און אַ צייט צו נייען.

12 אַ צייט צו שווייגן און אַ צייט צו רעדן.

13 אַ צייט ליב צו האָבן און אַ צייט פיינט צו האָבן.

14 אַ צייט צו פירן מלחמה און אַ צייט איינצושטעלן שלום.

15 ווען דאָס אייזן איז אין פייער, קאָן מען פון אים אויספערטיקן יעטוועדע כלי.

16 אין צייט פון פרייד — פריי זיך, אין צייט פון אבלות — טרויער.

17 פאַרביי די צייט, איז בטל דער קרבן.

18 שמיד דאָס אייזן כל־זמן עס איז הייס.

19 אויב די שעה שפילט דיר צו, פאַרשפעטיק זי נישט.

20 **פסוק בזמנו כנהמא בשעת רעבא.** (כלה רבתי א׳)
(פסוק בזמנו כפת בשעת רעבון)

21 **יש שעה להאריך ויש שעה לקצר.** (מכילתא, בשלח)

22 **עד שלא יכבה הנר, תן לו שמן.** (מדרש קוהלת זוטא)

23 **אדמוקדך יקיד קוץ קרך וצלי.** (סנהדרין לג)
(בעוד האש יוקדת לפניך חתוך את הדלעת וצלה אותה)

24 **הדא חקלא כד היא מחצדא בלא ענתה, אפילו תבנא לית הוא טב.**
(סוף שיר השירים רבה)
(שדה זה כשהוא נקצר שלא בעונתו, אפילו התבן אינו טוב)

20 אַ פּסוק אין דער ריכטיקער צייט איז ווי ברויט אין אַ הונגער.

21 פֿאַראַן אַ צייט צו שמועסן לאַנג און אַ צייט צו פֿאַרקירצן די רייד.

22 גיס צו בוימל אײדער דאָס ליכט ווערט פֿאַרלאָשן.

23 כּל־זמן דאָס פֿייער ברענט צעשנייד דעם קירבעס און בראָט אָפּ.
געמיינט: נוץ אויס די געלעגנהייט.

24 אַז מען שניידט די תּבואה נישט אין דער ריכטיקער צייט, איז אַפֿילו
די שטרוי טויג נישט צום נוצן.

הכנסת אורחים

1 גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פני שכינה. (שבת קכז)

2 גדולה הכנסת אורחים יותר מהשכמת בית המדרש. (שבת קכז)

3 הוה מקבל את כל האדם בשמחה. (אבות ג, טז)

4 אם נתן אדם לחברו כל מתנות טובות שבעולם ופניו זעומות וכבושות בארץ, מעלה עליו הכתוב כאילו לא נתן לו כלום. (אבות דרבי נתן יג)

5 אם תרחיק את הרחוקים, סופך לרחק את הקרובים. (במדבר רבה ח)

6 אפילו עופות מכירים בצרי עין. (סוטה לח)

7 יהי ביתך פתוח לרווחה ויהיו עניים בני ביתך. (אבות א)

8 הוה מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות. (אבות א)

9 האוכל לפני האורח — מגונה. (לפי דרך ארץ זוטא ח)

10 כל מה שיאמר בעל הבית עשה, חוץ מצא. (פסחים פו)

11 אורח טוב מהו אומר? — „כמה טרחות טרח בעל הבית בשבילי!" (ברכות נח)

12 אורח מכניס אורח — הרי זה מגונה. (בבא בתרא צח)

13 אין אורח מכניס אורח. (על־פי בבא בתרא צח)

14 אל יסרהב (אל יפציר) אדם בחברו לסעוד אצלו ויודע בו שאינו סועד ולא ירבה לו בתקרובת ויודע בו שאינו מקבל. (חולין צד)

15 בזמן שבית המקדש קיים מזבח מכפר, עכשיו שולחנו של אדם מכפר עליו. (ברכות נה)

הכנסת אורחים

1 אויפנעמען אורחים איז וויכטיקער ווי אויפנעמען די שכינה.

2 הכנסת אורחים איז וויכטיקער ווי דאָס גיין אינדערפרי אין בית־המדרש.

3 נעם אויף יעטוועדן איינעם מיט שמחה.

4 אפילו ווען מען גיט דעם חבר אלדאָס בעסטע פון דער וועלט, נאָר אויב דאָס פנים פון געבער איז פאַרזויערט און זיינע אויגן זענען אַראָפּגעלאָזט, איז גלייך ווי מען וואָלט אים גאָרנישט געגעבן.

5 אויב דו דערווייטערסט היינט פון זיך ווייטע פריינט, וועסטו דערנאָך דערווייטערן אויך די נאָענטע.

6 אפילו עופות דערקענען די נישטפאַרגינערס.

7 זאָל דיין הויז זיין ברייט אָפן פאַר אַלעמען, זאָלן די אָרעמעלייט זיין דיינע בני־בית.

8 זאָלסט אויפנעמען יעטוועדן מענטשן מיט אַ פריינטלעך פנים.

9 נישט שיין צו עסן פריער, איידער מען גיט דעם אורח.

10 פאָלג אַלץ וואָס דער בעל־הבית זאָגט דיר, חוץ פון: „גיי אַרויס פון שטוב!".

11 וואָס זאָגט דער גוטער אורח? — „וויפל האָט זיך דער בעל־הבית באַמיט פון מיינעטוועגן!".

12 נישט שיין, אַז אַן אורח זאָל מיטברענגען נאָך איינעם (נישט קיין פאַר־בעטענעם).

13 אַן אורח ברענגט נישט מיט זיך נאָך אַן אורח.

14 שטיי נישט צו צום חבר, אַז ער זאָל ביי דיר עסן, אויב דו ווייסט פריער אַז ער וועט נישט עסן; טראָג אים נישט צו קיין סך כיבוד אויב ער פאַרטראָגט עס נישט.

15 ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, האָט דער מזבח מכפּר געווען, איצט איז דאָס אויפנעמען אורחים ביים טיש (הכנסת אורחים) מכפּר די זינד.

16 **אכלית, אשקית — לוי.** (בראשית רבה מח)
(האכלת, השקית [את האורח] — לוהו)

17 **כל הסועד עם חברו אפילו פת במלח יחזיק טובה לחברו.**
(תנא דב׳ אליהו פ״ח)

16 האָסטו דעם אורח געגעבן עסן און טרינקען — באַגלייט אים אין וועג.

17 ווער עס עסט מיט זיין חבר צוזאַמען, אַפילו בלויז ברויט מיט זאַלץ, זאָל ער אים אויך געדענקען צום גוטן.

הלוואה וריבית

1 **הלוואה אינה עדיפה מפשיטת יד.** (פתגם עממי)

2 **לא רחוק איש לווה ממבקש לחם, ומלווה בנשך — משודד ליל.** (משלי אגור)

3 **פריעת חוב — מצווה.** (כתובות קי)

4 **אין אדם מעז פניו בפני בעל־חובו.** (בבא מציעא ג)

5 **המלווה לעני מעות בשעת דחקו, עליו הכתוב אומר: „אז תקרא וה' יענה".** (יבמות סג)

6 **המאבד את האשראי שלו חשוב כמת.** (פתגם סופרים)

7 **לין בלא סעודה והשכם בלא חוב.** (מוסר אב)

8 **גדולה מצוות הלוואה, שאין למעלה הימנה יותר נאה.** (דרך טובים)

9 **גדול המלווה יותר מן העושה צדקה.** (שבת סג)

10 **עושה חסד מלווה לרעהו.** (בן־סירא)

11 **אחד הלווה מן האדם כלווה מן המקום.** (אבות ב)

12 **הלווה לרעך בעת צרכו, והשב תשיב לרעך בזמן.** (בן־סירא)

13 **עבד לווה לאיש מלווה.** (משלי כב, 7)

14 **אל תלווה איש חזק ממך, ואם הלוית — כמאובד.** (בן־סירא)

15 **הלוואה — ראשיתה אהבה, וסופה מריבה.** (י. אלחריזי)

16 **לא תשיך לאחיך נשך כסף, נשך אוכל, נשך כל דבר אשר ישך.** (דברים כג, 20)

הלוואה און פּראָצענט

1 לייען ביי יענעם איז נישט בעסער פון בעטלעריי.

2 דער לווה איז נישט ווייט פון דעם וואָס בעט ברויט, און דער וואָס לייט יענעם אויף (אַ גרויסן) פּראָצענט — פון דעם נאַכט־רויבער.

3 דאָס אָפּצאָלן אַ חוב איז אַ מצווה.

4 אַ מענטש איז נישט מעז־פּנים קעגן דעם מלווה.

5 ווער עס לייט געלט אָן אָרעמאַן אין צייט פון נויט, אויף דעם זאָגט דער פּסוק: „דעמאָלט וועסטו רופן און גאָט וועט דיר ענטפערן".

6 ווער עס פאַרלירט דעם קרעדיט איז געגליכן צו אַ מת.

7 לייג זיך שלאָפן אָן אַ סעודה און שטיי אויף אין דער פרי אָן אַ חוב.

8 גרויס איז די מצווה פון געבן (אָן אָנפּראָצענטיקע) הלוואה, עס איז נישטאָ איבער איר קיין נאָך שענערע.

9 דער וואָס אַנטלייט יענעם געלט (אָן פּראָצענט) איז גרעסער פון דעם וואָס טוט צדקה.

10 עס טוט חסד דער, וואָס לייט דעם אַנדערן.

11 ווער עס לייט ביי אַ מענטשן, איז גלייך ווי ער לייט ביי גאָט.

12 ליי דיין חבר ווען ער נויטיקט זיך, און גיב אים אָפּ דעם חוב אין דער צייט.

13 דער לווה איז אַ קנעכט ביים מלווה.

14 זאָלסט נישט לייען דעם וואָס ער איז שטאַרקער פון דיר, אויב דו האָסט אים געליען — ביסטו פאַרלוירן.

15 הלוואה — דער אָנהויב פון איר איז ליבשאַפט און דער סוף קריגעריי.

16 זאָלסט נישט לייען דיין ברודער אויף פּראָצענט: פּראָצענט פון געלט, פּראָצענט פון עסנוואַרג, פּראָצענט פון יעטוועדער זאַך, וואָס טראָגט צינזן.

17 **הוקשו מלוי ריבית לשופכי דמים.** (בבא מציעא סא)

18 **עתידים הרשעים שאכלו נשך ותרבית להיות נושכים בשיניהם את בשרם.** (שמות רבה פ"לא)

19 **הריבית נקראת נשך, כי היא דומה לנחש על דרך הנושך בעקב והנותן שריטה קטנה והולכת ומבצבצת ונופחת עד קדקדו.** (כלי יקר)

20 **כל המלווה בריבית, נכסיו מתמוטטים.** (בבא מציעא עא)

21 **כמה סמויות עיניהם של מלוי בריבית.** (בבא מציעא עא)

22 **כל מי שהוא מלווה בריבית עובר כל העבירות שבעולם ואינו מוצא מי שילמד עליו זכות.** (שמות רבה פ"לא)

23 **לא דיה לעני עגיותו, אלא שאתה נוטל הימנו ריבית?!** (שמות רבה פ"לא)

17 די וואָס נעמען פּראָצענט, זענען גלייך ווי זיי וואָלטן פֿאַרגאָסן בלוט.

18 רשעים, וואָס האָבן געגעסן פּראָצענט און צינזן, וועלן אין דער צוקונפֿט
בייסן מיט זייערע ציינער זייער אייגן לייב.

19 פּראָצענט הייסט נשך (ביס), ווייל ער איז גלייך צו אַ שלאַנג אויפֿן
וועג, וואָס בייסט אין דער פּיאַטע. ער גיט אַ לייכטן ראַץ אין לייב,
וועלכעס בלאָזט זיך אויף און שווילט ביזן קאָפּ.

20 ווער עס לייט יענעם אויף פּראָצענט, וועלן זיינע גיטער זיך פֿונאַנדער־
פֿאַלן.

21 ווי בלינד זענען די אויגן פֿון די פּראָצענטניקעס!

22 דער פּראָצענטניק איז עובר אויף אַלע עבירות פֿון דער וועלט, ער
וועט נישט געפֿינען קיינעם, וואָס זאָל אויף אים מלמד־זכות זיין.

23 איז נישט גענוג פֿאַרן אָרעמאַן זיין אָרעמקייט ,און דו נעמסט נאָך
ביי אים צינזן ? !

הסתפקות במועט

1 **אדם רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חברו.** (בבא מציעא לח)

2 **אוהב כסף לא ישבע כסף.** (קוהלת ה, 9)

3 **אל תיגע להעשיר.** (משלי כג, 4)

4 **אדם דואג על איבוד דמיו ואינו דואג על איבוד ימיו.** (פתגם עממי)

5 **אל יתהלל עשיר בעשרו.** (ירמיהו ט, 22)

6 **מי שיש לו מנה — רוצה מאתים.** (עפ״י קוהלת רבה א)

7 **שונא מתנות יחיה.** (משלי טו, 27)

8 **כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול.** (בבא בתרא ט)

9 **מרבה נכסים — מרבה דאגה.** (אבות ב, ח)

10 **יש אדם שממונו חביב עליו מגופו.** (ברכות סא)

11 **עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות.** (שבת קיח)

12 **איזהו עשיר? — השמח בחלקו.** (אבות ד, א)

13 **אכול בצל ושב בצל.** (פסחים קיד)

14 **טוב פת חרבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב.** (משלי יז, 1)

15 **טוב ארוחת ירק ואהבה שם משור אבוס ושנאה בו.** (משלי טו, 17)

16 **תפסת מרובה לא תפסת, תפסת מועט תפסת.** (על־פי ראש השנה ד)

17 **לין בלי סעודה והשכם בלי חוב.** (ר' יהודה אבן־תיבון)

18 **הוי שש בחלקך והתנאה במעוטך.** (דרך ארץ זוטא ג)

זיך צופרידנשטעלן מיט ווייניק

1 אַ מענטש וויל בעסער איין מעסטל (תבואה) פון אייגענער מי, איידער יענעמס ניין מעסטלעך (געשענקטע).

2 ווער עס האָט ליב געלט, קאָן זיך נישט מיט דעם אָנזעטיקן.

3 זאָלסט זיך נישט מיען צו ווערן רייך.

4 אַ מענטש זאָרגט זיך וואָס זיין געלט גייט אַוועק און נישט וואָס זיינע יאָרן גייען פאַרביי.

5 זאָל זיך נישט איבערנעמען דער עושר מיט זיין עשירות.

6 ווער עס פאַרמאָגט הונדערט (טאָלער), דער וויל צוויי הונדערט.

7 ווער עס האָט פיינט מתנות, וועט לעבן (לאַנג).

8 אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה און דער חשבון ווערט גרויס.

9 וואָס מער גיטער, אַלץ מער זאָרגן.

10 פאַראַן אַ מענטש, וואָס געלט איז אים ליבער ווי זיין גוף.

11 מאַך אַ וואָכנדיקן שבת און קום נישט אָן צו קיין מענטשן.

12 ווער איז רייך ? — דער וואָס באַפרידיקט זיך מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט.

13 עס בלויז ציבעלע און זיץ רויק אין שאָטן פון בוים.

14 בעסער אַ טרוקענער ביסן ברויט אין שלווה (רויקייט), איידער אַ שטוב פול מיט פלייש־סעודות אין קריגעריי.

15 בעסער אַ מאָלצייט פון גרינס אין ליבשאַפט, איידער אַ געשטאָפּטער (פעטער) אָקס אין שנאה.

16 כאַפּ נישט צו פיל, האַלט איין בעסער דאָס ווייניקע.

17 לייג זיך שלאָפן אָן וועטשערע און שטיי אויף אָן אַ חוב.

18 פריי זיך מיט דעם וואָס דו פאַרמאָגסט און שטעל זיך צופרידן מיט ווייניק.

19 **דאגר גינא אכל צפרין, דאגר גינין צפרין אכלין ליה.** (ויקרא רבה ג)
(השוכר גן [אחד] אוכל צפרים, השוכר גנים [הרבה] צפרים אוכלות אותו)

20 **השבע לעשיר איננו מניח לו לישון.** (קוהלת ה׳, 11)

21 **עושר שמור לבעליו לרעתו.** (קוהלת ה, 12)

19 ווער עס דינגט איין גאָרטן, עסט ער פייגל, ווער עס דינגט אַ סך גערטנער, עסן אים די פייגל (ווייל ער האָט נישט קיין צייט זיך מטפל צו זיין, עסן די פייגל אויף די פּירות).

20 פֿון איבערזעטיקייט קאָן דער רייכער נישט שלאָפן.

21 עשירות ברענגט לרוב אומגליק אויף דעם עושר.

זהירות

1. ונשמרתם מאד לנפשותיכם. (דברים ד, 15)
2. שומר נפשו נוצר דרכו. (משלי טז, 7')
3. אל יעמיד אדם סולם רעוע בתוך ביתו. (בבא קמא מו)
4. היוצא לדרך קודם קריאת הגבר דמו בראשו. (יומא כא)
5. הכל בידי שמים חוץ מצינים פחים. (כתובות ל)
6. לאו כל יומא מתרחש ניסא. (פסחים נ)
7. לעולם אל יעמוד אדם במקום סכנה ויאמר: „עושין לי נס". (שבת לב)
8. לעולם יכנס אדם בכי־טוב ויצא בכי־טוב. (פסחים ב)
9. אין סומכין על הנס. (על־פי פסחים סד)
10. לא יגדל אדם כלב רע בתוך ביתו. (כתובות מא)
11. מחוקי הזהירות היא, לבלי להיזהר יותר מדי. (ר' בחיי „חובת הלבבות")
12. היחתה איש אש בחיקו, ובגדיו לא תשרפנה? (משלי ו, 27)
13. אם יהלך איש על הגחלים ורגליו לא תכוינה? (משלי ו, 28)
14. אל תצא יחידי בלילה. (פסחים ק)
15. כל הדרכים בחזקת סכנה. (ירושלמי ברכות ד)
16. היושב בבית מרועע עושה מלאך המות דניסטים שלו. (ירושלמי שבת ב)

פאָרזיכטיקייט

1 היט אָפּ אייערע נפשות (לעבנס).

2 דער וואָס היט זיין נפש, פּאַסט אויף זיין וועג (ווערט אָפּט באַנוצט אין פּשוטן זין, צו זיין פּאָרזיכטיק אויפן וועג).

3 אַ מענטש זאָל נישט האַלטן קיין צעבראָכענעם לייטער אין זיין שטוב.

4 ווער עס לאָזט זיך אַליין אין וועג אין מיטן דער נאַכט (איידער דער האָן האָט געקרייט), דער שטעלט איין זיין לעבן.

5 אַלץ איז אין גאָטס הענט, חוץ פון קעלט און היץ (דאַרף זיך אַ מענטש אַליין אָפּהיטן).

6 נישט יעדן טאָג געשעט אַ נס.

7 אַ מענטש זאָל נישט שטיין אויף אַן אָרט, וווּ עס דראָט אַ סכנה און זאָגן, אַז עס וועט אים געשען אַ נס.

8 תמיד זאָל אַ מענטש זיך באַמיען אַריינצוקומען אין שטאָט ווען עס איז ליכטיק און אַוועקצוגיין פון דאָרט ווען עס איז שוין טאָג.

9 מען טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיין נסים.

10 אַ מענטש זאָל קיינמאָל נישט האַלטן קיין בייזן הונט אין זיין שטוב.

11 איינער פון די פּאָרזיכטיקייטס-געזעצן איז: נישט היטן זיך צופיל.

12 קאָן דען אַ מענטש שאַרן הייסע קוילן אין זיין שויס און זיינע בגדים זאָלן זיך נישט אָנצינדן?

13 קאָן דען אַ מענטש גיין אויף הייסע קוילן און זיינע פיס זאָלן זיך נישט אָפּבריען?

14 גיי נישט אין וועג אַליין ביינאַכט.

15 אויף אַלע וועגן הערשט אַ סכנה פאַרן לעבן.

16 ווער עס וווינט אין אַ חורבה, דער מאַכט דעם מלאך המות פאַר זיין פאַרטרוילעכן.

17 **אגב זריזותיהו דעבדי משתפך.** (פסחים סה)
(משום שעושים במהירות נשפך)

18 **החפזון אבי רזון.** (פתגם עממי).

19 **דרך ארוכה וקצרה; דרך קצרה וארוכה.** (עירובין נ)

20 **זהירות מביאה לידי זריזות.** (עבודה זרה כ)

21 **זהירות אינה פחדנות, פזיזות אינה גבורה.** (פתגם עממי)

17 אַז מען טוט געשווינד, גיסט זיך אויס די פליסיקייט (פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס).

18 איילעניש איז דער פאָטער פון אומגליק.

19 פאַראַן אַ לאַנגער וועג, וואָס ער איז קורץ (אָן שום שטרויכלונגען).
פאַראַן אַ קורצער וועג, וואָס ער איז לאַנג (האָט אַ סך שטרויכלונגען).

20 פאָרזיכטיקייט פירט צו פלינקייט (אין אַרבעט).

21 פאָרזיכטיקייט איז נישט קיין פחדנות און איילעניש איז נישט קיין גבורה.

זמן

1 **מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל.** (שו"ת „חוט השני")

2 **עת מזומנת לטובה, עת מזומנת לפורענות.** (סנהדרין קב)

3 **לא כל העתים שוות.** (תמיד פרק א)

4 **זהב וכסף העת, ואל תוציא רגע להבל.** (משלי אגור)

5 **עבר זמנו — בטל קרבנו.** (ברכות כו)

6 **מי שמסיח דעתו מן הזמן, הולך בחושך.** (מ. אבן־עזרא)

7 **הזמן כנחש מחליף עורו בכל שנה.** (ספר המידות)

8 **הזמן סולם ובני־אדם בלולים יתרוצצו: זה עולה וזה יורד.** (ספר המידות)

9 **האווילים ידמו, כי הזמן הוא נכה־רגלים, ולא ידעו, כי כנפיים לו לעוף.** (א. שולמן)

10 **הזמן הוא המלמד היותר נשגב ומחוכם.** (א. אבן־עזרא)

11 **אין דבר עומד נגד הזמן.** (נובלות חכמה)

12 **אין לך דבר יותר יקר מהזמן, ואין לך דבר שאדם מזלזל בו כמו הזמן.** (פתגמים של חכמים)

13 **הזמן יקר־המציאות, שאי־אפשר לקנותו בדמים.** (יעקב עמדין)

14 **לכול זמן ועת לכל חפץ תחת השמים.** (קוהלת ג, 1)

15 **הזמן מכלה הגופות ומחדש התקוה.** (בן המלך והנזיר)

16 **הזמן יעריב מרורות במתק ואנחות בגיל.** (ש. הנגיד)

17 **עין הזמן עיורת.** (עמנואל הרומי)

18 **הזמן בוגד, והוא כמאזנים יגביה הקל וישפיל הכבד.** (הגאון מוילנה)

צ י י ט

1 וואָס די צייט קאָן אויפטון, קאָן עס דער שכל נישט אויפטון.

2 אַ צייט וואָס איז אָנגעגרייט צו גוטס און אַ צייט — צו שלעכטס.

3 נישט אַלע צייטן זענען גלייך.

4 גאָלד און זילבער איז די צייט, פאַרשווענד נישט אומזיסט קיין רגע.

5 פאַרביי די צייט — בטל דער קרבן.

6 דער וואָס לייגט נישט קיין אַכט אויף דער צייט, גייט (לעבט) אין דער פינצטער.

7 די צייט, ווי אַ שלאַנג, בייט די הויט יעדעס יאָר.

8 די צייט איז אַ לייטער, און מענטשן צעמישטע שטויסן זיך: דער גייט אַרויף און דער גייט אַראָפּ.

9 נאַראָנים מיינען, אַז די צייט איז אַ בעל־מום אויף די פיס, זיי ווייסן נישט, אַז די צייט האָט פליגל צו פליען.

10 די צייט איז דער בעסטער און קליגסטער לערער.

11 נישטאָ קיין זאַך וואָס זאָל באַשטיין קעגן דער צייט.

12 נישטאָ קיין מער טייערע זאַך ווי די צייט, און נישטאָ קיין זאַך, וואָס אַ מענטש שעצט גרינג אַזוי ווי די צייט.

13 די צייט איז אַ יקר־המציאות, מען קאָן זי נישט קויפן פאַר געלט.

14 אויף אַלץ איז דאָ אַ שעה, און אַ צייט פאַר איטלעכער זאַך אונטערן הימל.

15 די צייט פאַרניכטעט די קערפּערס און באַנייט די האָפענונג.

16 די צייט מישט אויס ביטערניש מיט זיסקייט און זיפּצן מיט פרייד.

17 דאָס אויג פון דער צייט איז בלינד.

18 די צייט פאַרראַט און ווי אַ וואָגשאָל הייבט זי אויף גרינגע זאַכן און מאַכט נידעריק שווערע זאַכן.

זקנה ונעורים

1 מפני שיבה תקום, והדרת פני זקן. (ויקרא יט, 32)

2 בישישים חכמה. (איוב יב, 12)

3 עטרת תפארת שיבה. (משלי טז, 31)

4 רוב שנים יודיעו חכמה. (איוב לב, 7)

5 שמח בחור בילדותך, ויטיב לבך בימי בחורותיך. (קהלת יא, 6)

6 תפארת בחורים כוחם והדר זקנים שיבה. (משלי כ, 29)

7 אל תלעג לזקן, כי נזקן גם אנחנו. (בן־סירא)

8 זקן — זה שקנה חכמה. (קידושין לב)

9 זקנה בבית — אוצר בבית. (לפי ערכין יט)

10 כל מי שנוטל עצה מן הזקנים אינו נכשל. (שמות רבה ג)

11 תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים חכמה נתוספת בהם. (שבת קנב)

12 זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים דעתם מתישבת עליהם. (שבת קנב)

13 זקני עם־הארץ כל זמן שמזקינים דעתם מיטרפת עליהם. (קנים ג)

14 עטרת זקנים בני־בנים. (משלי יז 6)

15 אשרי ילדותנו שלא ביישה את זקנתנו. (סוכה נג)

16 בנין ילדים סתירה וסתירת זקנים בנין. (מגילה לא)

17 כל מקום שאתה מוצא זקנים, המקום חולק כבוד לזקנים. (ספרי, בהעלותך)

עלטער און יוגנט

1 פאַרן גרויען מאַן שטיי אויף און גיב אָפּ כבוד דעם אַלטן.

2 ביי אַלטע לייט איז פאַראַן לעבנס־חכמה (און דערפאַרונג).

3 גרויע האָר זענען אַ שיינע קרוין.

4 מער יאָרן, מער חכמה.

5 פריי זיך, יינגער, אין דיינע קינדער־יאָרן, האָב פאַרגעניגן אין דיין יוגנט.

6 כוח פון יינגע איז זייער שיינקייט און גרויע האָר איז אַ צירונג פאַר די אַלטע לייט.

7 לאַך נישט פון אַלטן, ווייל מיר וועלן אויך אַלט ווערן.

8 אַ זקן איז דער, וואָס האָט דערוואָרבן חכמה.

9 אַן אַלטע פרוי אין שטוב איז אַן אוצר.

10 ווער עס האַלט זיך אַן עצה מיט אַלטע לייט, דער וועט נישט דורכפאַלן.

11 תלמידי חכמים, וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ מער חכמה באַזיצן זיי.

12 תלמידי חכמים, וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ מער ישוב־הדעת האָבן זיי.

13 עם־הארצים, וואָס עלטער זיי ווערן, ווערט ביי זיי דער געדאַנק צעמישטער.

14 די קרוין פון אַלטע לייט זענען קינדסקינדער (אייניקלעך).

15 ווײַל איז דער קינדהייט, וואָס פאַרשעמט נישט די עלטער.

16 דאָס בויען פון קינדער איז צעשטערונג, און די צעשטערונג פון אַלטע לייט פירט צום בויען.

17 אומעטום אין דער תורה, ווו עס ווערט גערעדט וועגן אַלטע לייט, גיט זיי גאָט אָפּ כבוד.

18 **ר' יוחנן היה עומד מפני זקני נכרים.** (קידושין לג)

19 **אביי היה נותן ידו לזקנים [לסמכם].** (קידושין לג)

20 **הזהרו בזקן ששכח תלמודו מחמת אנסו.** (ברכות ח)

21 **דברים שאדם עושה בילדותו משחירים פניו לעת זקנתו.** (שבת קנב)

22 **אל תבוז כי זקנה אמך.** (משלי כג, 22)

23 **במעלליו יתנכר נער.** (משלי כ, 11)

24 **ינקותא — כלילא דורדא, סבותא — כלילא דחלפי.** (שבת קנב)
(הילדות — כליל [עטרה] של ורדים, הזקנה — כליל [עטרה] של קוצים)

25 **גבשושית קטנה דומה עליו כהרי־הרים.** (שבת קנב)

26 **הזיקנה היא אם השיכחה.** (ר' יהודה אבן תיבון)

27 **הזיקנה מחלה רעה, והכול מתאווין אליה.** (ר' יוסף בן חיים)

28 **כשאדם נער אומר דברי זמר, הגדיל אומר דברי משלים, הזקין — אומר דברי הבלים.** (ילקוט שמעוני, א)

18 רבי יוחנן פלעגט זיך אויפשטעלן אויף פאַר נישט־יידישע זקנים.

19 אַביי פלעגט געבן זיין האַנט די זקנים, כדי זיי אונטערצוהאַלטן.

20 איר זאָלט זיך היטן פון פוגע בכבוד זיין אַ זקן, וואָס האָט צוליב אַן אומגליק פאַרגעסן זיין לערנען.

21 שלעכטע מעשים, וואָס אַ מענטש טוט אין דער יוגנט, פאַרשוואַרצן זיין פנים אויף דער עלטער.

22 זאָלסט נישט פאַראַכטן (די רייד פון) דיין מוטער, ווען זי ווערט אַלט.

23 דעם יוגנטלעכן דערקענט מען לויט זיינע מעשים.

24 קינדהייט איז ווי אַ רויזנקרוין און עלטער — אַ דערנערקרוין.

25 אַ קליין בערגל זעט אויס דעם אַלטן ווי דער העכסטער באַרג.

26 די עלטער איז די מוטער פון פאַרגעסן.

27 די עלטער איז אַ שלעכטע קרענק און דאַך באַגערן אַלע צו איר.

28 ווען אַ מענטש איז יונג, באַזינגט ער די ליבשאַפט, קומט ער אין יאָרן, זאָגט ער משלים, אויף דער עלטער זאָגט ער: „אַלץ איז נאַרישקייט" (געמיינט די דריי שאַפונגען: שיר השירים, משלי און קוהלת).

ראש השנה

1 ארבעה ראשי שנים הם: באחד בניסן ראש השנה למלכים ולרגלים, באחד באלול ראש השנה למעשר בהמה, באחד בתשרי ראש השנה לשנים ולשמיטין וליובלות, לנטיעות ולירקות... בחמישה עשר בשבט ראש השנה לאילן. (לפי ראש השנה א)

2 בראש השנה נברא אדם הראשון. (ירושלמי, ראש השנה)

3 עיקר תקיעת שופר לבטל שנאת חינם ולעורר אהבה. (לשון חסידים)

4 היום הרת־עולם, היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים. (תפילה)

5 בראש השנה כל באי העולם עוברים לפניו כבני מרון. (ראש השנה א)

6 תקע בשופר גדול לחרותנו ושא נס לקבץ גלויותינו וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ. (תפילה)

7 בחודש השביעי באחד לחודש יהיה לכם שבתון, זכרון תרועה, מקרא קודש, כל מלאכת עבודה לא תעשו. (ויקרא כג, 24)

8 וכתוב לחיים טובים כל בני בריתך. (תפילה)

9 כי כשמך כן תהילתך: קשה לכעוס ונוח לרצות, כי לא תחפוץ במות המת, כי אם בשובו מדרכו וחיה, ועד יום מותו תחכה לו, אם ישוב מיד תקבלו. (תפילה)

ראש־השנה

1 פיר ראש־השנהס זענען פֿאַראַן אין יאָר: דער ערשטער טאָג אין ניסן — ראש־השנה פֿאַר מלכים און יום־טובים; דער ערשטער טאָג אין אלול — ראש־השנה פֿאַר מעשר פֿון בהמות; דער ערשטער טאָג פֿון תשרי — ראש־השנה פֿאַר יאָרן, שמיטהס און יובלס, פֿאַר פֿלאַנצונגען און ירקות און דער פֿופֿצנטער טאָג אין שבט — ראש־השנה פֿאַר ביימער.

2 ראש־השנה איז באַשאַפֿן געוואָרן אָדם הראשון.

3 דער עיקר פֿון שופֿר־בלאָזן איז אָפּצושאַפֿן שנאת־חינם און צו וועקן ליבשאַפֿט (צו מענטשן).

4 היינט איז דער געבוירנטאָג (דעצידירנדיקער טאָג) פֿון דער וועלט, היינט שטעלן זיך פֿאַרן משפּט אַלע וועלט־באַשעפֿענישן.

5 ראש־השנה גייען פֿאַרביי פֿאַר אים (פֿאַר גאָט) אַלע וועלט־באַשעפֿענישן, ווי שאָף.

6 בלאָז מיטן גרויסן שופֿר און זאָג אָן אונדזער באַפֿרייאונג, הייב אויף די פֿאָן צונויפֿצוזאַמלען אונדזערע גלותן און צונויפֿנעמען אונדז פֿון אַלע פֿיר עקן וועלט.

7 דער ערשטער טאָג פֿונעם זיבעטן חודש (תשרי) זאָל זיין פֿאַר אייך אַן אָפּרו־טאָג, אַ שאַלונג־דערמאָנונג, אַ הייליקע צונויפֿרופֿונג, קיין שום אַרבעט זאָלט איר נישט טון.

8 שרייב אָן אַלע יידן אַ גוט לעבן.

9 ווי דיין נאָמען (גאָט), אַזוי איז דיין לויב: דו ביסט שווער אין כעס צו ווערן און גרינג צום איבערבעטן זיך, דו ווילסט נישט, אַז דער זינדיקער זאָל שטאַרבן, נייערט ער זאָל תשובה טון און לעבן. ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן וואַרטסטו. ווי נאָר ער טוט תשובה, נעמסטו זי גלייך אָן.

10 כבקרת רועה עדרו, מעביר צאנו תחת שבטו, כן תעביר ותספור, ותמנה, ותפקוד נפש כל חי; ותחתוך קצבה לכל בריותיך, ותכתוב את גזר דינם. (מתפילת „ונתנה תוקף")

11 ובשופר גדול יתקע, וקול דממה דקה ישמע, ומלאכים יחפזון, וחיל ורעדה יאחזון, ויאמרו: הנה יום הדין. (מתוך תפילת „ונתנה תוקף")

12 בראש השנה יכתבון, וביום צום כפור יחתמון: כמה יעברון וכמה יבראון, מי יחיה ומי ימות, מי בקצו ומי לא בקצו, מי במים ומי באש, מי בחרב ומי בחיה, מי ברעב ומי בצמא, מי ברעש ומי במגפה. (מתוך תפילת „ונתנה תוקף")

13 בנוהג שבעולם אדם שיש לו דין לובש שחורים ומתעטף שחורים ומגדל שערו, שאינו יודע איך דינו יוצא. אבל ישראל אינם כן, מגלחים שערם, לובשים לבנים ומתעטפין לבנים ואוכלים ושותים ושמחים, יודעים שהקב"ה עושה להם נסים. (ירושלמי, ראש השנה פ"א)

10 אַזוי ווי דער פּאַסטוך קוקט דורך זיין טשערעדע, פירט דורך פאַר זיך די שאָף איינציקווייז, אַזוי פירסטו (גאָט) דורך און ציילסט יעדע באַשעפעניש. אַלעמען באַשטימסטו לעבנסצייט און שרייבסט אָן דעם גזר־דין.

11 מיט אַ גרויסן שופר בלאָזט מען,
עס הערט זיך אַ שטיל קול,
מלאכים איילן זיך אין גרויס ציטערניש
און זאָגן: היינט איז דער יום־הדין.

12 ראש־השנה ווערט אָנגעשריבן און יום־כפּור ווערט געחתמעט: וויפל מענטשן זאָלן פון דער וועלט גיין און וויפל זאָלן געבוירן ווערן. ווער עס זאָל לעבן און ווער עס זאָל שטאַרבן, ווער עס וועט אויסלעבן זיינע יאָרן און ווער עס וועט אַוועקגיין פאַר דער צייט, ווער עס וועט דער־טרונקען ווערן און ווער פאַרברענט ווערן, ווער עס וועט אומקומען דורך אַ שווערד און ווער עס וועט פאַרצוקט ווערן דורך אַ ווילדער חיה, ווער עס וועט אויסגיין פאַר הונגער און ווער פאַר דאָרשט, ווער עס וועט אומקומען אין אַן ערדציטערניש און ווער אין אַ מגיפה.

13 עס איז אָנגענומען אין דער וועלט, אַז ווער עס דאַרף שטיין צום משפט, טוט ער אָן שוואַרצע קליידער, לאָזט וואַקסן זיינע האָר, ווייל ער ווייס דאָך נישט ווי אַזוי דער פסק וועט אויספאַלן. אָבער נישט אַזוי פירן זיך יידן. זיי גאָלן (ערב ראש־השנה) די האָר פון קאָפּ. טוען אָן (ראש־השנה) ווייסע קליידער, עסן, טרינקען און פרייען זיך, ווייל זיי ווייסן, אַז גאָט טוט זיי נסים.

יום-הכפורים

1 ובעשור לחודש השביעי הזה — יום הכפורים הוא, מקרא קודש יהיה לכם ועניתם את נפשותיכם. (ויקרא כ״ג, 27)

2 וכל מלאכה לא תעשו בעצם היום הזה, כי יום כפורים הוא לכפר עליכם. (ויקרא כג, 28)

3 שבת שבתון הוא לכם, ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחודש בערב, מערב עד ערב תשבתו שבתכם. (ויקרא כג, 32)

4 כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם, לפני ה׳ תטהרו. (ויקרא טז, 30)

5 אמר ר׳ עקיבא: אשריכם, ישראל, לפני מי אתם מיטהרים ומי מטהר אתכם. (יומא ח)

6 „שחורה אני ונאוה" — שחורה אני כל ימות השנה ונאוה אני ביום הכפורים. (שיר השירים רבה א)

7 לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים, שבהם בנות ירושלים יוצאות בכלי לבן שאולים, שלא לבייש את מי שאין לו... ובנות ירושלים יוצאות וחולות בכרמים. (תענית כו)

8 לולא יום הכפורים לא היה כל העולם עומד. (פרקי דרבי אליעזר)

9 השטן בגימטריא תלת מאה ושיתין וארבע הוי, תלת מאה ושיתין וארבעה יומין אית ליה רשות לאסטוני, ביומא דכיפורי לית ליה רשותא לאסטוני. (יומא כ)
(השטן בגימטריה שלש מאות ששים וארבע. שלש מאות ששים וארבעה ימים יש רשות לשטן לקטרג, ביום הכפורים אין לו רשות לקטרג).

10 אסור לאדם להיות אכזרי ולא להתפייס, אלא יהא נוח לרצות וקשה לכעוס. (רמבם)

11 עברות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר, עבירות שבין אדם לחברו אין יום הכפורים מכפר עד שירצה את חברו. (יומא פ״ח)

יום־כפור

1 דער צענטער טאָג פון זיבעטן חודש((תשרי) איז אַ פאַרגעבונגס־טאָג, אַ הייליקע צוניפרופונג זאָל זיין ביי אייך, און איר זאָלט פייניקן אייער נפש.

2 און קיין אַרבעט זאָלט איר נישט טון אין דעמדאָזיקן טאָג, ווייל אַ טאָג פון פאַרגעבונג איז ער, מכפר צו זיין אויף אייך.

3 אַ שבת פון פולשטענדיקער רואונג איז עס פאַר אייך, איר זאָלט פייניקן אייער נפש אין ניינטן טאָג פון חודש, אין אָוונט; פון אָוונט ביז אָוונט זאָלט איר האַלטן אייער שבת.

4 וואָרום אין דעם דאָזיקן טאָג וועט מען מכפר זיין אויף אייך, אייך צו רייניקן; פון אַלע אייערע זינד וועט איר ריין ווערן פאַר גאָט.

5 ר׳ עקיבא האָט געזאָגט: וווֹיל איז אייך, יידן, פאַר וועמען איר רייניקט זיך און ווער עס רייניקט אייך.

6 „שוואַרץ בין איך און דאָך שיין״ — שוואַרץ בין איך אַ גאַנץ יאָר און שיין בין איך יום־כפור.

7 נאָך נישט געווען אַזעלכע יום־טובים ווי חמשה עשר באב און יום־כפור. אין די טעג פלעגן די טעכטער פון ירושלים אַנטלייען פאַר זיך (כדי נישט צו פאַרשעמען די, וואָס פאַרמאָגן נישט) ווייסע קליידער און אַרויסגיין מיט טענץ אין די וויינגערטנער.

8 ווען נישט יום־כפור וואָלט די וועלט נישט געהאַט קיין קיום.

9 דער אותיות־באַטרעף (גימטריה) פון וואָרט „השטן״ באַטרעפט 364. אין משך פון 364 טעג האָט דער שטן רשות צו באַשולדיקן יידן, אָבער נישט אין טאָג פון יום־כיפור.

10 אַ מענטש טאָר נישט זיין אַן אַכזר און זיך נישט וועלן איבערבעטן, ער דאַרף זיין לייכט צו לעבן בשלום און שווער צו ווערן אין כעס.

11 די עבירות וואָס אַ מענטש באַגייט קעגן גאָט איז יום־כיפור מכפר, אָבער די חטאים לגבי אַ מענטש פאַרגיט נישט יום־כיפור, סיידן ער פאַרגיטיקט און בעט דעם חבר איבער.

12 **ונסלח לכל עדת בני ישראל ולגר הגר בתוכם, כי לכל העם בשגגה.**
(תפילה)

13 **וחתום לחיים טובים כל בני בריתך.** (תפילת נעילה)

2 עס וועלן געשענקט ווערן די זינד פון אַלע יידן און פונעם פרעמדן, וואָס האַלט זיך אויף ביי זיי, ווייל דאָס פאָלק זינדיקט בשוגג (נישט־ווילנדיק).

13 חתמע (גאָט) אַלע יידן צום גוטן לעבן.

חג הסוכות

1 בסוכות תשבו שבעת ימים, כל האזרח בישראל ישבו בסוכות.
(ויקרא כג, 42)

2 למען ידעו דורותיכם, כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים. (ויקרא כג, 43)

3 חג הסוכות תעשה לך שבעת ימים, באספך מגרנך ומיקבך.
(דברים טז, 13)

4 ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר, כפות תמרים וענף־עץ עבות וערבי נחל, ושמחתם לפני ה' אלהיכם שבעת ימים. (ויקרא כג, 40)

5 נמשלו בני ישראל לארבעה מינים אלה: „פרי עץ הדר" — אלו ישראל. מה אתרוג זה יש בו טעם ויש בו ריח, כך ישראל: יש בהם בני אדם בעלי תורה ובעלי מעשים טובים; „כפות תמרים" — אלו ישראל. מה תמרה זו יש בה טעם ואין בה ריח, כך הם ישראל: יש בהם בעלי תורה ואין בהם מעשים טובים; „וענף עץ־עבות" — אלו ישראל. מה הדס יש בו ריח ואין בו טעם, כך ישראל: יש בהם בני אדם שיש בידיהם מעשים טובים ואין בהם תורה; „וערבי נחל" — אלו ישראל. מה ערבה זו אין בה לא טעם ולא ריח, כך הם ישראל: יש בהם בני אדם שאין בהם לא תורה ולא מעשים טובים. ומה הקב"ה עושה להם? לאבדם אי אפשר, אלא אמר הקב"ה: יקשרו כולם אגודה אחת.
(לפי ויקרא רבה ל)

6 ארבעה מינים שבלולב, שנים מהם עושין פירות ושניים מהם אין עושין פירות. העושין פירות זקוקין לשאין עושין, ושאין עושין פירות זקוקין להעושין. (מנחות כז)

7 חייב אדם לשמח את אשתו ובני ביתו ברגל, שנאמר: „ושמחת בחגך אתה ובנך ובתך". (תנחומא הקדום, פנחס)

8 לא ניתנו המועדות לישראל אלא להנאת עצמם. (תנחומא, בראשית)

9 ושמחת בחגך: אתה, ובנך, ובתך, ועבדך, ואמתך, והלוי, והגר, והיתום, והאלמנה אשר בשעריך. (דברים טז, 14)

יום-טוב סוכות

1 אין סוכות (ביידלעך) זאָלט איר זיצן זיבן טעג, אַלע איינגעבוירענע (בירגער) אין ישראל זאָלן זיצן אין סוכות.

2 כדי אייערע דור־דורות זאָלן וויסן, אַז אין סוכות (ביידלעך) זענען געזעסן די יידן, ווען איך האָבן זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים.

3 דעם יום־טוב סוכות זאָלסטו פייערן זיבן טעג, ווען דו וועסט צונויפ־זאַמלען (די תבואה) אין די שייערן און (די וויינטרויבן) אין די קעלטערס.

4 אין דעם ערשטן טאָג (סוכות) זאָלט איר נעמען אַ פּראַכט־פּרוכט (אתרוג), אַ פּאַלמענצווייג (לולב), אַ מירטנצווייג (הדס) און אַ ווידנ־צווייג (ערבה), און איר זאָלט זיך פרייען פאַר גאָט זיבן טעג.

5 יידן זענען געגליכן צו די דאָזיקע פיר מינים:
דער אתרוג האָט אַ שאַרפן טעם און אַ ליבן ריח — אַזוי זענען פאַראַן יידן, וועלכע פאַרמאָגן סיי תורה, סיי מעשים טובים. דער טייטל האָט אַ זיסן טעם און האָט נישט קיין ריח — אַזוי זענען דאָ יידן, וואָס לערנען תורה, אָבער טוען נישט קיין מעשים טובים. דער מירטנצווייג (הדס) פאַרמאָגט אַן איידעלן ריח און האָט נישט קיין טעם — אַזוי זענען פאַראַן יידן, וואָס טוען מעשים טובים און לערנען נישט קיין תורה. דער ווידנצווייג (ערבה) האָט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח — אַזוי זענען דאָ יידן, וואָס לערנען נישט קיין תורה און טוען נישט קיין מעשים טובים. וואָס זשע זאָל גאָט טון מיט אַזעלכע? אומברענגען פון דער וועלט איז נישט געמאָלט. זאָגט גאָט: זאָלן אַלע יידן זיך צונויפנעמען אין איין בינטל.

6 פון די פיר מינים פון לולב זענען פאַראַן צוויי וואָס גיבן אַרויס פּירות און צוויי פּירותלאָזע. ביידע אָבער נייטיקן זיך איינע אין די אַנדערע.

7 אַ מענטש דאַרף פריילעך מאַכן אין טאָג פון יום־טוב זיין פרוי און זיין הויזגעזינט, ווי עס שטייט געשריבן: „פריי זיך אין יום־טוב: דו, דיין זון און דיין טאָכטער".

8 די יום־טובים זענען געגעבן געוואָרן יידן נאָר פאַר זייער אייגענעם פאַרגעניגן.

9 זאָלסט זיך פרייען אין דיין יום־טוב: דו, דיין זון, דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דינסט, דער לוי, דער גר (פרעמדער), דער יתום און די אלמנה אין דיין ווינאָרט.

10 **בימים טובים שנתתי לך תהא שמח ומשמח.** (קוהלת רבה ז)

11 **והיית אך שמח.** (דברים טז, 15)

12 **כל המבזה את המועדות כאלו עובד עבודה זרה.** (פסחים קיח)

13 **כל שבעת הימים עושה אדם סוכתו קבע וביתו עראי. כיצד? היו לו כלים נאים — מעלם לסוכה, מצעות נאות — מעלן לסוכה, אוכל ושותה ומטייל בסוכה ומשנן בסוכה.** (סוכה כח)

10 אין די יום־טובים, וואָס מען האָט דיר געגעבן, פריי זיך אַליין און פאַרשאַף שמחה אַנדערע.

11 זאָלסט נאָר פריילעך זיין.

12 ווער עס פאַרשעמט יום־טובים, איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט עבודה־זרה.

13 אין משך פון זיבן טעג סוכות דאַרף די סוכה פאַרנעמען דעם שטענדיקן וווינאָרט. ווי אַזוי? די שיינע כלים, פיינע בעטדעקן, טראָגט מען מען איבער אין דער סוכה. מען עסט און טרינקט דאָרטן, מען שפּאַצירט אין דער סוכה און מען לערנט אין איר.

ט"ו בשבט — ראש השנה לאילנות

1 וכי תבואו אל הארץ ונטעתם כל עץ מאכל... (ויקרא יט, 23)

2 כי תצור אל עיר ימים רבים להלחם עליה לתפשה, לא תשחית את עצה לנדוח עליו גרזן, כי ממנו תאכל ואותו לא תכרות. (דברים כ, 19)

3 בשעה שכורתין עץ האילן שעושה פרי, קולו הולך מסוף העולם ועד סופו. (פרקי דרבי אליעזר לד)

4 נוצר תאנה — יאכל פריה. (משלי כז, 18)

5 הרואה בריות טובות ואילנות טובים אומר: ברוך שככה לו בעולמו. (ברכות נח)

6 הקוצים הללו אינם לא מתנכשים ולא נזרעים ומאליהם הם יוצאים ומתמרים ועולים. (בראשית רבה מה)

7 עתידים כל אילני סרק שבארץ ישראל שיטענו פירות. (כתובות קיב)

8 כל האילנות כאילו משיחים אלו עם אלו, כל האילנות כאילו משיחים עם הבריות, כל האילנות להנאתן של בריות נבראו. (בראשית רבה יג)

9 אין לך כל עשב ועשב שאין לו מזל ברקיע שמכה אותו ואומר לו: גדל! (בראשית רבה י)

10 כיון שנכנסו ישראל לארץ, אמר להם משה: כל אחד ואחד מכם יטען מכושו ויצא ויטע לו נטיעות. (ויקרא רבה כה)

11 מתחילת בריאתו של עולם לא עסק הקב"ה אלא במטע תחילה, שנאמר: ויטע ה' אלהים גן עדן. (ויקרא רבה כה)

12 אמר להם הקב"ה לישראל: אף־על־פי שתמצאו אותה מלאה כל טוב לא תאמרו: נשב ולא נטע, אלא הוו זהירין בנטיעות... כשם שנכנסתם ומצאתם נטיעות שנטעו אחרים, אף אתם הוו נוטעים לבניכם. (לפי ויקרא רבה כה)

פופצנטער טאָג אין שבט — ראש-השנה פאַר ביימער

1 אַז איר וועט קומען אין לאַנד און איר וועט פלאַנצן אַלערליי פרוכט־ביימער...

2 אַז דו וועסט באַלאַגערן אַ שטאָט אַ סך טעג צו האַלטן מלחמה אויף איר, כדי זי איינצונעמען, זאָלסטו נישט צעשטערן אירע ביימער דורך אויפהייבן אויף זיי אַ האַק; עסן פון זיי מעגסטו, אָבער זיי אָפּהאַקן טאָרסטו נישט.

3 ווען מען שניידט אָפּ אַ פרוכט־בוים, הערט זיך זיין געשריי פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן.

4 ווער עס היט דעם פייגנבוים, דער עסט זיינע פירות.

5 אַז מען זעט שיינע מענטשן און פרעכטיקע ביימער, זאָגט מען: געלויבט איז דער, וואָס האָט אַזאַ שיינע וועלט באַשאַפן.

6 דערנער ווערן נישט געזייט און נישט געיעטעט, דאָך וואַקסן זיי הויך פון זיך אַליין.

7 עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע נישט־פרוכטיקע ביימער אין ארץ־ישראל וועלן געבן פירות.

8 אַלע ביימער — ווי זיי וואָלטן ריידן צווישן זיך און געשמועסט מיט מענטשן. אַלע ביימער זענען צום תענוג פון מענטשן באַשאַפן געוואָרן.

9 יעדעס גרעזעלע האָט זיין מלאך אין הימל וואָס שלאָגט עס און באַפעלט: „וואַקס!".

10 ווי נאָר יידן זענען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, האָט משה זיי געזאָגט: זאָל יעטוועדער פון אייך נעמען זיין גראָבאייזן און אָנהויבן פלאַנצן.

11 אין אָנהויב פון באַשאַפן די וועלט האָט גאָט זיך פאַרנומען מיט פלאַנצן ביימער, ווי עס שטייט געשריבן: „גאָט האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אין עדן".

12 גאָט האָט געזאָגט צו די יידן: ווען אפילו איר וועט געפינען אין לאַנד אַלדאָס גוטס, זאָלט איר נישט זאָגן: „מיר וועלן זיצן ליידיק און נישט מער פלאַנצן", נאָר איר זאָלט כסדר פלאַנצן נייע ביימער. אַזוי ווי אַנדערע האָבן געפלאַנצט פאַר אייך, אַזוי זאָלט איר פלאַנצן פאַר אייערע קינדער.

13 ושבתי את שבות עמי ישראל, ובנו ערים נשמות וישבו, ונטעו כרמים ושתו את יינם, ועשו גנות ואכלו את פריהם. (עמוס ט, 14)

14 והיה כעץ שתול על פלגי מים, אשר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול. (תהלים א, 3)

15 כיון שנברא הברזל התחילו האילנות מרתתים, אמר להם הברזל: מה לכם מרתתים? עץ מכם אל יכנס בי ואין אחד מכם נזוק. (בראשית רבה ה)

16 אין האילן נעקר אלא בבן מינו. (תנא דבי אליהו רבה כט)

17 מן סניא נפק ורדא. (מדרש חזית א)
(מן הסנה יוצא ורד)

18 עלובה הנטיעה שמי שנטעה מעיד עליה שהיא רעה. (בראשית רבה לד)

13 איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישראל, זיי וועלן אויפבויען פאַרוויסטע שטעט און זיך באַזעצן, זיי וועלן פלאַנצן וויינ־גערטנער און טרינקען זייער וויין, זיי וועלן מאַכן גערטנער און עסן זייערע פירות.

14 דער צדיק וועט זיין ווי אַ בוים, געפלאַנצט ביי בעכן וואַסער, וואָס גיט זייגע פירות אין דער צייט און זיינע בלעטער וועלקן נישט.

15 ווען דאָס אייזן איז אויף דער וועלט דערשינען, זענען אַלעביימער פאַרציטערט געוואָרן. האָט צו זיי דאָס אייזן געזאָגט: וואָס ציטערט איר אַזוי? גיט נישט קיין האָלץ צו מאַכן אַ הענטל צו דער האַק און קיינער פון אייך וועט נישט געניזוקט ווערן.

16 אַ בוים ווערט אַרויסגעריסן (אָפּגעשניטן) נאָר דורך אַ צווייטן בוים (וואָס גיט זיין האָלץ צום הענטל פון האַק).

17 פון דאָרן קומט אַרויס די רויז.

18 נישטיק איז די פלאַנצונג אויף וועלכער דער פלאַנצער אַליין זאָגט, אַז זי איז שלעכט.

חג הפסח — חג החרות

1 את חג המצות תשמור. שבעת ימים תאכל מצות, אשר צויתיך למועד חודש האביב, כי בחודש האביב יצאת ממצרים. (שמות לד, 18)

2 בחודש הראשון בארבעה עשר לחודש בין הערבים פסח לה׳. (ויקרא כג, 5)

3 שבעת ימים מצות תאכלו, אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם. (שמות יב, 15)

4 שבעת ימים שאור לא ימצא בבתיכם. (שמות יב, 19)

5 שבעת ימים תאכל מצות, לחם עוני, כי בחפזון יצאת מארץ מצרים; למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך. (דברים טז, 3)

6 וככה תאכלו אותו: מתניכם חגורים, נעליכם ברגליכם ומקלכם בידכם, ואכלתם אותו בחפזון. (שמות יב, 11)

7 הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים. כל דכפין ייתי וייכול, כל דצריך ייתי ויפסח! השתא הכא — לשנה הבאה בארעא דישראל; השתא עבדי — לשנה הבאה בני חורין. (מן ההגדה)
(הנה לחם העוני שאכלו אבותינו בארץ מצרים. מי שרעב יבוא ויאכל. מי שצריך יבוא לחוג את חג הפסח. השנה כאן — לשנה הבאה בארץ ישראל; השנה — עבדים, לשנה הבאה — בני חורין).

8 בזכות ארבעה דברים נגאלו ישראל ממצרים: שלא שינו את שמם, ולא שינו את לשונם, ולא גילו מסתורין שלהם, ולא ביטלו את המילה. (שוחר טוב קיד)

9 באותה שעה בקשו מלאכי־השרת לומר שירה לפני הקדוש־ברוך־הוא, אמר להם הקדוש־ברוך־הוא: מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה לפני! (סנהדרין לט)

יום־טוב פסח — באַפרייונגס־יום־טוב

1 דעם יום־טוב פון מצות זאָלסטו היטן: זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות, אַזוי ווי איך האָב דיר געהייסן, אין פרילינגס־צייט. ווייל אין פרילינגס־חודש ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

2 אין ערשטן חודש (ניסן), אין פערצנטן טאָג פון חודש אָקעגן אָוונט איז דער קרבן פסח צו גאָט.

3 זיבן טעג זאָלט איר עסן מצות; צום ערשטן טאָג (פסח) זאָלט איר שוין האָבן אויסגעראָמט דאָס זויערטייג פון אייערע הייזער.

4 זיבן טעג זאָל זיך נישט געפינען זויערטייג אין אייערע הייזער.

5 זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות, ברויט פון נויט, ווייל אין אייליגיש ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מצרים, כדי זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון דיין אַרויסגיין פון לאַנד מצרים אַלע טעג פון דיין לעבן.

6 און אַזוי זאָלט איר אים (דעם קרבן פסח) עסן: אייערע לענדן אָנגעגורט, אייערע שיך אויף די פיס און אייערע שטעקנס אין די הענט. איר זאָלט אים עסן אין אייליגיש.

7 אָט איז דאָס אָרעמע ברויט, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געגעסן אין מצרים. ווער ס'איז הונגעריק, זאָל קומען עסן, ווער ס'איז אַ נצרך, זאָל פייערן מיט אונדז דעם יום־טוב פסח. היי־יאָר געפינען מיר זיך דאָ, איבעראַיאָר וועלן מיר זיין אין ארץ־ישראל. היי־יאָר זענען מיר פאַרשקלאַפּט, איבעראַיאָר וועלן מיר זיין פרייע מענטשן.

8 אין זכות פון פיר זאַכן זענען יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים: זיי האָבן נישט געענדערט זייערע נעמען, נישט פאַרלאָזט זייער שפּראַך, נישט אַנטפּלעקט זייערע פאַרבאָרגענישן און נישט בטל געמאַכט דאָס מל זיין די קינדער.

9 אין דער צייט (פון קריעת ים־סוף) האָבן די מלאכים געוואָלט זאָגן שירה, האָט גאָט צו זיי געזאָגט: מיין באַשאַפונג (די מצרים) טרינקט זיך אין ים און איר ווילט זאָגן שירה!

10 שאל גוי אחד את רבי מאיר מלובלין: מה טעם אוכלים היהודים בליל פסח ביצים קשות? אמר לו: משולה אומה זו לביצה. מה ביצה כל מה שאתה מוסיף לבשלה ברותחים, לצלותה באש, היא מוסיפה ומתקשה, אף ישראל כך. (מתוך ספר „מועד״)

11 שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו, אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו. (מן ההגדה)

12 מצה זו שאנו אוכלים על שום מה? על שום שלא הספיק בצקם של אבותינו להחמיץ עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב״ה וגאלם. (מן ההגדה)

13 מרור זה שאנו אוכלים על שום מה? על שום שמררו המצרים את חיי אבותינו במצרים. (מן ההגדה)

14 חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים. (מן ההגדה)

10 עס האָט געפרעגט אַ נישט־ייד ביי רבי מאיר פון לובלין: פאַרוואָס עסן יידןביים סדר האַרטע אייער? האָט ער געענטפערט: די יידישע אומה איז געגליכן צו אַן איי. אַזוי ווי אַן איי, וואָס מער מען קאָכט זי אין הייס וואַסער, וואָס מער מען בראָט זי אין פייער, ווערט זי אַלץ האַרטער, אַזוי געשעט אויך מיט יידן (וואָס מער מען דריקט זיי, אַלץ מער עקשנותדיק האַלטן זיי זיך ביי יידישקייט).

11 נישט בלויז איינער (פרעה) איז אויפגעשטאַנען אונדז צו פאַרטיליקן, נאָר אין יעדן דור שטייען אויף שונאים אונדז אומצוברענגען.

12 פאַרוואָס עסן מיר (פסח) מצה? ווייל דאָס טייג פון אונזערע עלטערן האָט נישט באַוויזן זויער צו ווערן ביז עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זיי גאָט און האָט זיי אויסגעלייזט.

13 פאַרוואָס עסן מיר פסח מרור? ווייל די מצרים האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן פון אונדזערע עלטערן אין מצרים.

14 יעטוועדער ייד דאַרף זיך זען גלייך ווי ער אַליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

יום העצמאות

הבטחת הארץ לבני ישראל

1 הבטחה לאברהם:
ונתתי לך ולזרעך אחריך את ארץ מגוריך, את כל ארץ כנען, לאחוזת עולם. (בראשית יז, 8)

2 הבטחה ליצחק:
גור בארץ הזאת, ואהיה עמך ואברכך, כי לך ולזרעך אתן את כל הארצות האל. (בראשית כו, 3)

3 הבטחה ליעקב:
ואת הארץ, אשר נתתי לאברהם וליצחק, לך אתננה, ולזרעך אחריך אתן את הארץ. (בראשית לה, 12)

4 הבטחה למשה:
זאת הארץ אשר נשבעתי לאברהם, ליצחק וליעקב לאמור: „לזרעך אתננה" הראיתיך בעיניך. (דברים לד, 4)

5 הבטחה ליהושע:
משה עבדי מת, ועתה קום עבור את הירדן הזה, אתה וכל העם הזה אל הארץ, אשר אנכי נותן לבני ישראל. (יהשע א, 2)

חזון גאולת ישראל וקיבוץ הגלויות

6 **ונשא נס לגויים ואסף נדחי ישראל, ונפוצות יהודה יקבץ מארבע כנפות הארץ.** (ישעיהו יא, 12)

7 **אל תירא, כי גאלתיך, קראתי בשמך, לי אתה. כי תעבור במים — אתך אני, ובנהרות — לא ישטפוך, כי תלך במו אש לא תכוה, ולהבה לא תבער בך.** (ישעיהו מג, 1—2)

טאָג פון זעלבשטענדיקייט

דער צוזאָג צו געבן יידן דאָס לאַנד

1 דער צוזאָג צו אברהמען:
און איך וועל געבן דיר און דיינע קינדער נאָך דיר דאָס לאַנד פון דיין וווינשאָפט, דאָס גאַנצע לאַנד כנען פאַר אַן אייביקן אייגנטום.

2 דער צוזאָג צו יצחקן:
האַלט זיך אויף אין דעם דאָזיקן לאַנד, און איך וועל זיין מיט דיר און וועל דיך בענטשן, וואָרעם צו דיר און צו דיינע קינדער וועל איך געבן די אַלע דאָזיקע לענדער.

3 דער צוזאָג צו יעקבן:
און דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן אברהמען און יצחקן, וועל איך געבן עס דיר און דיינע קינדער נאָך דיר.

4 דער צוזאָג צו משהן:
דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געשוואָרן צו אברהמען, צו יצחקן און צו יעקבן, אַזוי־צו־זאָגן: „צו דיינע קינדער וועל איך עס געבן״. איך האָב דיך געלאָזט עס זען מיט דיינע אויגן.

5 דער צוזאָג צו יהושוען:
משה, מיין קנעכט, איז געשטאָרבן. שטיי אויף אַצינד און גיי אַריבער דעם דאָזיקן ירדן, דו און דאָס גאַנצע פאָלק, צו דעם לאַנד וואָס איך גיב זיי — די קינדער פון ישראל.

וויזיע פון דער יידישער גאולה און קיבוץ־גלויות

6 און ער וועט אויפהייבן אַ פאָן צו די פעלקער און וועט איינזאַמלען די פאַרשטויסענע פון ישראל, און די צעשפּרייטע פון יהודה וועט ער אויפקלייבן פון די פיר עקן פון דער ערד.

7 זאָלסט נישט מורא האָבן, וואָרעם איך לייז דיך אויס.
איך רוף דיךביים נאָמען, מיינער ביסטו.
אַז דו וועסט גיין דורך וואַסער, בין איך מיט דיר,
און אויב דורך טייכן — וועלן זיי דיך נישט פאַרפלייצן.
וועסטו גיין אין פייער, וועסטו נישט אָפּגעבריט ווערן און קיין פלאַם וועט דיך נישט אָנצינדן.

8 ממזרח אביא זרעך, וממערב אקבצך. אומר לצפון: תני, ולתימן —
אל תכלאי. הביאי בני מרחוק ובנותי מקצה הארץ. (ישעיהו מג, 5—6)

9 שאי סביב עיניך וראי: כולם נקבצו, באו לך. (ישעיהו מט, 17—18)

10 הנה אשא אל גויים ידי, ואל עמים ארים נסי,
והביאו בניך בחוצן, ובנותיך על כתף תנשאנה. (ישעיהו מט, 22)

11 עורי, עורי, לבשי עוזך, ציון!
לבשי בגדי תפארתך, ירושלים עיר הקודש!
כי לא יוסיף יבוא בך עוד ערל וטמא. (ישעיהו נב, 1)

12 התנערי מעפר, קומי, שבי ירושלים!
התפתחי מוסרי צווארך, שביה בת־ציון!
כי כה אמר ה׳:
חנם נמכרתם, ולא בכסף תגאלו. (ישעיהו נב, 2—3)

13 פצחו רננו יחדו, חרבות ירושלים!
כי נחם ה׳ עמו, גאל ירושלים. (ישעיהו נב, 9)

14 קול ברמה נשמע, נהי בכי תמרורים:
רחל מבכה על בניה, מאנה להנחם על בניה כי איננו.
כה אמר ה׳: מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה,
כי יש שכר לפעולתך, נאום ה׳,
ושבו מארץ אויב.
ויש תקוה לאחריתך, נאום ה׳,
ושבו בנים לגבולם. (ירמיהו לא, 14—16)

15 ואתם, הרי ישראל, ענפכם תתנו ופריכם תשאו
לעמי ישראל, כי קרבו לבוא.
כי הנני אליכם ופניתי אליכם, ונעבדתם ונזרעתם.
והרביתי עליכם אדם, כל בית ישראל כולו,
ונושבו הערים, והחרבות תבנינה. (יחזקאל לו, 8—10)

8 פון מזרח וועל איך ברענגען דיינע קינדער און פון מערב וועל איך
דיך איינזאַמלען.
איך וועל זאָגן צו צפון: גיב אַרויס (די קינדער),
און צו דרום: זאָלסט זיי נישט פאַרהאַלטן!
ברענג מיינע זין פון דער ווייט און מיינע טעכטער פון עק ערד.

9 הייב אויף אַרום־און־אַרום דיינע אויגן און זע: אַלע (יידן) זענען
איינגעזאַמלט און קומען צו דיר.

10 איך וועל אויסשטרעקן צו די פעלקער מיין האַנט און צו די אומות
וועל איך אויפהייבן מיין פאָן, און זיי וועלן ברענגען אין פאָלע דיינע
זין, און דיינע טעכטער וועלן אויפן אַקסל געטראָגן ווערן (צוריק
אין לאַנד).

11 דערוועק דיך, דערוועק דיך, טו אָן דיין שטאָלצקייט, ציון. טו אָן דיינע
פראַכט־קליידער, ירושלים, הייליקע שטאָט, וואָרעם מער וועט נישט
קומען צו דיר דער שונא — דער ערל און דער טמא.

12 שאָקל דיך אָפּ פון שטויב, שטעל דיך אויף, געפאַנגענע ירושלים,
בינד אָפּ די יאָך־שטריק פון דיין האַלדז, געפאַנגענע טאָכטער ציון.
וואָרעם אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אומזיסט זייט איר פאַרקויפט געוואָרן
און נישט פאַר געלט וועט איר אויסגעלייזט ווערן.

13 ברעכט אויס מיט שמחה, זינגט אין איינעם, איר חורבות פון ירושלים,
וואָרעם גאָט האָט געטרייסט זיין פאָלק, ער האָט אויסגעלייזט ירושלים.

14 עס הערט זיך אַ קול אין רמה, אַ יאָמער, אַ ביטער געוויין. רחל וויינט
אויף אירע קינדער, זי וויל זיך נישט טרייסטן נאָך אירע קינדער, וואָס
זיי זענען מער נישטאָ.
אַזוי האָט גאָט געזאָגט: פאַרמייד דיין קול פון געוויין און דיינע אויגן
פון טרערן,
וואָרעם עס איז פאַראַן אַ באַלוינונג פאַר דיין מי,
זאָגט גאָט, און זיי וועלן זיך אומקערן פון לאַנד פונעם פיינט.
פאַראַן אַ האָפענונג פאַר דיין צוקונפט,
זאָגט גאָט, און די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער גרענעץ (לאַנד).

15 און איר, ישראל־בערג, וועט געבן אייערע צווייגן
און טראָגן אייער פרוכט פאַר מיין פאָלק ישראל,
וואָרעם זיי זענען נאָענט צו קומען (צוריק).
וואָרעם אָט קום איך צו אייך (ישראל־בערג),
און איך וועל זיך קערן צו אייך, און איר וועט באַאַרבעט און פאַר־
זייט ווערן.
און איך וועל מערן אייערע מענטשן, דאָס גאַנצע הויז פון ישראל.
און די שטעט וועלן באַזעצט ווערן, און די חורבות וועלן אויפגע־
בויט ווערן.

16 **ושבתי את שבות עמי ישראל, ובנו ערים נשמות וישבו;**
ונטעו כרמים ושתו את יינם, ועשו גנות ואכלו את פריהם.
ונטעתים על אדמתם, ולא ינתשו עוד מעל אדמתם אשר נתתי להם.
(עמוס ט 14—15)

17 **אסוף אאסוף יעקב כולך, קבץ אקבץ שארית ישראל, יחד אשימנו כצאן בצרה, כעדר בתוך הדברו תהימנה מאדם.** (מיכה ב׳ 12)

18 **ויהודה לעולם תשב, וירושלים — לדור ודור. ונקיתי דמם לא נקיתי.**
(יואל ד, 20—21)

19 **בעת ההיא אביא אתכם ובעת קבצי אתכם, כי אתן אתכם לשם ולתהלה בכל עמי הארץ בשובי את שבותיכם לעיניכם.** (צפניה ג, 20)

20 **בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים, אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה.** (תהלים קכו, 1—2)

געגועים לארץ ישראל

21 **תקע בשופר גדול לחרותנו, ושא נס לקבץ גלויותינו, וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ.** (מתוך תפילת שמונה עשרה לחול)

22 **ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים.** (מתפילת שמונה עשרה)

23 **וקרב פזורינו מבין הגויים ונפוצותינו כנס מירכתי ארץ. והביאנו לציון עירך ברנה, ולירושלים בית מקדשך בשמחת עולם.** (מוסף לשלש רגלים)

24 **אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני, תדבק לשוני לחכי אם לא אזכרכי.** (תהלים קלז, 5—6)

16 און איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק ישראל, און זיי וועלן אָפבויען פאַרוויסטע שטעט און זיך באַזעצן און פלאַנצן וויינגערטנער און טרינקען זייער וויין, און מאַכן גערטנער און עסן זייער פרוכט. און איך וועל זיי (די יידן) איינפלאַנצן אויף זייער ערד און זיי וועלן מער נישט אויסגעריסן ווערן פון דער ערד וואָס איך האָב זיי געגעבן.

17 איינזאַמלען וועל איך דיך, יעקב, אינגאַנצן, אויפקלייבן וועל איך דעם איבערבלייב פון ישראל. איך וועל זיי צונויפנעמען אינאיינעם ווי די שאָף אין קאָשאַרע, ווי אַ סטאַדע אין פיטערפּלאַץ וועלן זיי רוישן מיט (אַ סך) מענטשן.

18 יהודה וועט זיין אייביק באַזעצט ; און ירושלים — אויף דור־דורות. און זייער (פאַרגאָסן) בלוט וועל איך נישט שענקען.

19 אין יענער צייט וועל איך אייך ברענגען, אין יענער צייט וועל איך אייך איינזאַמלען (אין לאַנד). איך וועל באַרימט מאַכן אייער נאָמען און לויב צווישן פעלקער פון דער ערד, ווען איך וועל אומקערן אייער געפאַנגענשאַפט פאַר אייערע אויגן.

20 אַז גאָט האָט צוריקגעבראַכט די אומקערונג פון ציון, זענען מיר געווען ווי אין חלום. דענסמאָל איז פול געוואָרן אונדזער מויל מיט פריידיק געלעכטער און אונדזער צונג מיט געזאַנג.

בענקעניש צו ארץ־ישראל:

21 בלאָז מיטן גרויסן שופר צו אונדזער באַפרייונג, הייב אויף די פאָן צו איינזאַמלען אונדזערע גלותן, און נעם אונדז צונויף צוזאַמען פון די פיר עקן ערד.

22 און זאָלן זען אונדזערע אויגן ווען דו וועסט צוריקקערן קיין ציון מיט דערבאַרעמקייט.

23 און דערנענטער אונדזערע צעזייטע פון צווישן די פעלקער, און זאַמל איין אונדזערע צעשפּרייטע פון די עקן ערד. און ברענג אונדז אין דיין שטאָט ציון מיט געזאַנג און אין דיין בית־המקדש אין ירושלים מיט אייביקער פרייד.

24 אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים, זאָל אָפּגענומען ווערן מיין רעכטע האַנט, זאָל צוגעקלעפּט ווערן מיין צונג צום גומען, אויב איך וועל דיך נישט געדענקען.

25 **מדינת היהודים היא צורך העולם ועל־כן קום תקום.** (הרצל)

26 **אם דור זה לא הוכשר עוד, יבוא דור אחר, נעלה וטוב ממנו. היהודים הרוצים בכך ישיגו את מדינתם, והם יהיו ראויים לה.** (הרצל)

27 **הגיעה השעה, כי נחיה חפשים על אדמתנו ושאננים נמות בארץ מולדתנו.** (הרצל)

28 **חופשתנו תביא חופש לכל העמים.** (הרצל)

29 **אם תרצו אין זו אגדה!** (הרצל)

30 **עוד לא אבדה תקותנו,**
התקוה בת שנות אלפים,
להיות עם חפשי בארצנו,
ארץ ציון וירושלים. („התקוה")

31 **זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו.** (תהלים קיח, 24)

וויזיע וועגן דער יידישער מדינה:

25 די יידישע מדינה איז אַ וועלט־באַדערפעניש און דערפאַר וועט זי אַנטשטיין.

26 אויב דער דור איז נאָך נישט מוכשר, וועט קומען אַן אַנדער דור, אַ געהויבענערער און בעסערער פון אים. די יידן, וועלכע ווילן דאָס, וועלן דערגרייכן זייער מדינה, און זיי וועלן זיין איר ראוי.

27 עס איז געקומען די שעה, אַז מיר זאָלן לעבן פרייע אויף אונדזער ערד און שטאַרבן רויקע אין אונדזער פאָטערלאַנד.

28 אונדזער פרייהייט וועט ברענגען פרייהייט אַלע פעלקער.

29 אַז איר וועט וועלן, איז עס נישט קיין לעגענדע.

30 נאָך נישט פאַרלוירן איז אונדזער האָפענונג,
די האָפענונג פון צוויי טויזנט יאָר,
צו זיין אַ פריי פאָלק אין אונדזער לאַנד,
אין דעם לאַנד פון ציון און ירושלים.

31 דאָס איז דער טאָג וואָס גאָט האָט געמאַכט פריידיק. לאָמיר זיך אין אים פרייען און מאַכן לוסטיק.

מתוך מגילת העצמאות

1 זוהי זכותו הטבעית של העם היהודי להיות ככל עם ועם עומד ברשות עצמו במדינתו הריבונית.

2 ובתוקף זכותנו הטבעית וההיסטורית ועל יסוד החלטת עצרת האומות אנו מכריזים בזאת על הקמת מדינה יהודית בארץ ישראל היא מדינת ישראל.

3 מדינת ישראל תהא פתוחה לעליה יהודית ולקיבוץ גלויות, תשקוד על פיתוח הארץ לטובת כל תושביה; תהא מושתתה על יסודות החירות, הצדק והשלום לאור חזונם של נביאי ישראל, תקיים שוויון זכויות חברתי ומדיני גמור לכל אזרחיה בלי הבדל דת, גזע ומין; תבטיח חופש דת, מצפון, לשון, חינוך ותרבות; תשמור על המקומות הקדושים של כל הדתות, ותהיה נאמנה לעקרונותיה של מגילת האומות המאוחדות.

1 דאָס איז דאָס נאַטירלעכע רעכט פונעם יידישן פאָלק צו זיין ווי אַלע פעלקער און צו לעבן אין אייגענעם רשות אין זיין סוּווערענער מדינה.

2 אין זכות פון אונדזער נאַטירלעכן און היסטאָרישן רעכט און אויפן יסוד פונעם באַשלוס, וואָס עס האָט אָנגענומען די פאַרזאַמלונג פון די פאַראייניקטע פעלקער, דעקלאַרירן מיר די אויפשטעלונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל, דאָס איז מדינת ישראל.

3 מדינת ישראל וועט זיין אָפן פאַר יידישער עליה און פאַר קיבוץ־גלויות, זי וועט זיך מיען פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד לטובת אַלע אירע איינוואוינער; זי וועט זיך באַזירן אויף די יסודות פון פרייהייט, גערעכטיקייט און שלום, אין ליכט פון דער וויזיע פון די יידישע נביאים; זי וועט איינשטעלן פולע, גלייכע געזעלשאַפטלעכע און פאָליטישע רעכט פאַר אַלע אירע בירגער אָן אונטערשיד פון גלויבן, ראַסע און געשלעכט; זי וועט זיכערן די פרייהייט פון גלויבן, געוויסן, לשון, דערציונג און קולטור; זי וועט אָפּהיטן די הייליקע ערטער פון אַלע רעליגיעס און זי וועט זיין געטריי די פרינציפּן, וואָס אין אָפּמאַך פון די פאַראייניקטע פעלקער.

חג השבועות — חג מתן תורה

1 ויהי ביום השלישי, בהיות הבוקר, ויהי קולות וברקים, וענן כבד על ההר, וקול שופר חזק מאד; ויחרד כל העם אשר במחנה. (שמות יט, 16)

2 והר סיני עשן כולו, מפני אשר ירד עליו ה׳ באש, ויעל עשנו כעשן הכבשן, ויחרד כל ההר מאד. (שמות יט, 18)

3 ויהי קול השופר הולך וחזק מאד, משה ידבר והאלוהים יעננו בקול. (שמות ט, 19)

4 עשרת הדיברות (הפסוקים הראשונים):
א. אנכי ה׳ אלהיך, אשר הוצאתיך מארץ מצרים, מבית עבדים.
ב. לא יהיה לך אלהים אחרים על פני.
ג. לא תשא את שם ה׳ אלהיך לשוא.
ד. זכור את יום השבת לקדשו.
ה. כבד את אביך ואת אמך.
ו. לא תרצח.
ז. לא תנאף.
ח. לא תגנוב.
ט. לא תענה ברעך עד שקר.
י. לא תחמוד בית רעך. (שמות כ, 1—14)

5 אמר לו הקב״ה למשה: הואיל ומיעטת עצמך תיקרא (התורה) על שמך שנאמר: „זכרו תורת משה עבדי״. (שבת פט)

6 כשנתן הקב״ה את התורה צפור לא צייץ, עוף לא פרח, אופנים (מלאכים) לא עפו, שרפים לא אמרו קדוש, הים לא נזדעזע, הבריות לא דברו, אלא העולם שותק ומחריש — ויצא הקול: „אנכי ה׳ אלהיך!״ (שמות רבה כט)

7 בשעה שהקדימו ישראל „נעשה״ ל„נשמע״ באו ששים רבוא של מלאכי השרת לכל אחד מישראל וקשרו לו שני כתרים: אחד כנגד „נעשה״ ואחד כנגד „נשמע״. (שבת פח)

יום-טוב שבועות — טאָג פון מתן-תורה

1 אויפן דריטן טאָג (פון חודש סיון) זענען געווען דונערן און בליצן, אַ שווערער וואָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן באַרג (סיני), דער קול פון שופר איז געווען שטאַרק און דאָס גאַנצע פאָלק אין מחנה האָט געציטערט.

2 דער באַרג סיני איז געווען אין גאַנצן אין רויך, ווייל גאָט האָט אַראָפּ־געגנידערט אויף אים מיט פייער; דער רויך איז אויפגעגאַנגען ווי פון אַ קאַלכאויוון, און דער גאַנצער באַרג האָט געציטערט.

3 דער קול פון שופר איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; משה האָט גערעדט און גאָט האָט אים געענטפערט אויפן קול.

4 די צען געבאָט (ערשטער פסוק פון יעדן געבאָט):

א) איך בין דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט.

ב) זאָלסט נישט האָבן קיין אַנדערע געטער.

ג) זאָלסט נישט אַרויסברענגען דעם נאָמען פון גאָט צום פאַלשן (אומזיסט).

ד) געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק.

ה) האַלט בכבוד דיין פאָטער און דיין מוטער.

ו) זאָלסט נישט מאָרדן.

ז) זאָלסט נישט מזנה זיין.

ח) זאָלסט נישט גנבענען.

ט) זאָלסט נישט זאָגן אויף דיין חבר פאַלשע עדות.

י) זאָלסט נישט גלוסטן דיין חברס הויז.

5 גאָט האָט געזאָגט צו משהן: ווייל דו האָסט זיך געהאַלטן קליין, וועט די תורה אָנגערופן ווערן אויף דיין נאָמען, ווי עס שטייט גע־געשריבן: „געדענקט די תורה פון משה, מיין קנעכט".

6 ווען גאָט האָט געגעבן די תורה, האָבן פייגל נישט געצוויצעט, עופות זענען נישט געפלויגן, מלאכים האָבן נישט געשוועבט אין די הימלען, די שרפים (גאָטס-באַגלייטער) האָבן נישט גערופן: „קדוש" (הייליקער), דער ים האָט נישט געברויזט, מענטשן האָבן נישט גערעדט; די גאַנצע וועלט האָט באַהערשט אַ טויט-שטילקייט, און דעמאָלט האָט זיך געהערט: „איך בין דיין גאָט!"

7 ווען די יידן האָבן פריער אויסגערופן „נעשה" („מיר וועלן טון") פאַר „נשמע" („מיר וועלן הערן") האָבן זעקס הונדערט טויזנט מלאכים געבראַכט יעדן יידן צוויי קרוינען: איינעם פאַר „נעשה" און דעם אַנדערן פאַר „נשמע".

8 **כל דבור ודבור שיצא מפי הקב״ה נתמלא כל העולם כולו בשמים.**
(שבת פח)

9 **כל דבור ודבור שיצא מפי הקב״ה נהפך לשבעים לשון.**
(לפי ילקוט שמעוני)

10 **„וכל העם רואים את הקולות״ — מהו את הקולות? אלא שהיה הקול נהפך לשבעה קולות, ומשבעה לשבעים לשון ולמה לשבעים לשון? כדי שישמעו כל האומות.** (שמות רבה ה)

11 מה שהנביאים עתידים להתנבאות בכל דור ודור קבלו מהר סיני.
(שמות רבה כח)

12 **ברוך המקום שנתן תורה משולשת** (תורה, נביאים, כתובים) **לעם משולש** (כהנים, לויים, ישראלים) **על־ידי שלישי** (משה, שנולד אחר מרים ואהרן) **ביום שלישי** (לאחר ההתקדשות) **בחודש שלישי** (סיון).
(שבת פח)

13 **כשנגלה המקום ליתן תורה לישראל, לא על ישראל בלבד הוא נגלה, אלא על כל האומות.** (ספרי, ברכה)

14 **לא היתה אומה באומות שלא הלך ודפק על פתחה, אם ירצו ויקבלו את התורה, ואחר־כך בא לו אצל ישראל, אמרו לו: „נעשה ונשמע״!**
(ספרי, ברכה)

15 **סיני שלא נעשתה עבודה זרה עליו — „ההר חמד אלהים לשבתו״.**
(בראשית רבה צט)

16 **„כה תאמר לבית יעקב — אלו הנשים, „ותגיד לבני ישראל״ אלו האנשים. למה לנשים תחילה? — שהן מזדרזות במצוות. דבר אחר: כדי שיהיו מנהיגות את בניהן לתורה.** (לפי שמות רבה כה)

17 **וחג שבועות תעשה לך, בכורי קציר חטים.** (שמות לד, 22)

18 **ראשית בכורי אדמתך תביא בית ה׳ אלהיך.** (שמות לד, 26)

8 מיט יעדעס געבאָט (פון די עשרת הדברות), וואָס גאָט האָט געלאָזט הערן אויפן באַרג סיני, איז די גאַנצע וועלט געוואָרן פול מיט בשמים (שמעקנדיקע ריחות).

9 יעטוועדעס געבאָט אויפן באַרג סיני האָט זיך געלאָזט הערן אין זיבעציק שפּראַכן.

10 „און דאָס פאָלק האָט געהערט די קולות". פאַרוואָס עפּעס „קולות" (אין מערצאָל)? — ווייל יעדעס קול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיבן שטימען און זיך געלאָזט הערן אין זיבעציק לשונות. פאַרוואָס אין זיבעציק? — כדי אַלע פעלקער זאָלן זיי הערן.

11 אַלץ וואָס די נביאים האָבן געזאָגט אין אַלע דורות האָבן זיי די נבואה זייערע באַקומען אויפן באַרג סיני.

12 געלויבט איז גאָט וואָס האָט געגעבן אַ תורה אַ דריילינג (תורה, נביאים, כתובים) צו אַ פאָלק אַ דריילינג (כהנים, לויים, ישראלים) דורך אַ דריטן (דורך משה, וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָך מרים און אהרן) אין דעם דריטן טאָג (פון רייניקונג), אין דעם דריטן חודש (סיון איז דער דריטער חודש אין יאָר נאָך ניסן און אייר).

13 גאָט האָט זיך ביי מתן תורה אַנטפּלעקט נישט בלויז צו יידן, נאָר אויך צו אַלע אַנדערע פעלקער.

14 עס איז נישט געווען קיין איין פאָלק אין דער פעלקער־משפחה, אַז גאָט זאָל נישט גיין צו אים און פאָרלייגן צו נעמען די תורה. דערנאָך איז ער געקומען צו יידן, וועלכע האָבן אויסגערופן: „נעשה ונשמע" („מיר וועלן טון און הערן").

15 דער באַרג סיני, אויף וועלכן מען האָט נישט געדינט עבודה־זרה האָט זוכה געווען, אַז גאָט האָט אים אויסגעקליבן צו זיין אַנטפּלעקונג.

16 „אַזוי זאָלסטו רעדן צו בית־יעקב", געמיינט: צו די פרויען, „און דו זאָלסט זאָגן צו די בני־ישראל", געמיינט: צו די מענער. פאַרוואָס פריער רעדן צו די פרויען? — ווייל זיי פלייסן זיך מער צו טון מצוות. אַן אַנדער פּשט: כדי זיי (די פרויען) זאָלן דערציען די קינדער צו לערנען תורה.

17 יום־טוב שבועות זאָלסטו פייערן ווען די ערשטע ווייץ ווערט צייטיק צום שניט.

18 די ערשטע צייטיקע ערד־פּרוכטן זאָלסטו ברענגען אין גאָטס הויז.

19 שבעה שבועות תספר לך; מהחל חרמש בקמה תחל לספור שבעה
שבועות, ועשית חג שבועות לה׳ אלהיך. (דברים טז, 9—10)

20 וחג הקציר בכורי מעשיך, אשר תזרע בשדה. (שמות כג, 16)

21 ושמחת בכל הטוב אשר נתן לך ה׳ אלהיך ולביתך, אתה והלוי והגר
אשר בקרבך. (דברים כו, 11)

19 זיבן וואָכן זאָלסטו דיר ציילן; פון ווען מען לאָזט אַראָפּ אַ שניידמעסער
אויף תבואה זאָלסטו אָנהייבן ציילן זיבן וואָכן, און זאָלסט מאַכן דעם
יום־טוב שבועות צו דיין גאָט.

20 [זאָלסט פייערן] דעם יום־טוב פון שניט פון דער ערשטער תבואה (ווייץ),
וואָס דו וועסט פאַרזייען אין פעלד.

21 זאָלסט זיך פרייען מיט אַלעם גוטן, וואָס גאָט האָט געגעבן דיר און
דיין הויזגעזונט. [פריי זיך] דו, און דער לוי און דער פרעמדער וואָס
צווישן דיר.

חיים ומוות

1 ובחרת בחיים למען תחיה אתה וזרעך. (דברים ל, 19)

2 „וחי אחיך עמך" — חייך קודמים לחיי חברך. (בבא מציעא סב)

3 שלשה חייהם אינם חיים: המצפה לשולחן אחרים, ומי שאשתו מושלת עליו ומי שיסורים מושלים בגופו. (ביצה לב)

4 אין איש בחיים טוב בלי שלשה (דברים): שלום ושמחת לב וגוף שלם. (שמואל הנגיד)

5 אין חיים בלי חוק. (ספר הרמזים)

6 מוטב שלא לחיות כלל מלחיות ללא רגש־כבוד וללא גאוה. (כתבים ציונים ראשונים)

7 מי אשר יחובר אל כל החיים יש בטחון: כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. (קוהלת ט, 4)

8 החיים יודעים שימותו והמתים אינם יודעים מאומה. (קוהלת ט, 5)

9 צדיקים במיתתם נקראים חיים. (ברכות יח)

10 אין זה גבור המואס בחיים, אך גבור הוא מי שיקרים החיים בעיניו. (י. הלוי)

11 החי בחייו לא ימות במותו. (פתגמים של חכמים)

12 חיי אדם כאניה תלך בין גלי ים, ועקבותיה לא נודעו. (חכמת שלמה)

13 יריעה — החיים, והרגעים — חוטים, ומדי רגע חוט אחד ינתק. (פתגמים של חכמים)

14 עצם החיים הם אושר אשר אין ערוך לו. (ספר הרמזים)

לעבן און טויט

1 זאָלסט אויסוויילן דאָס לעבן, כדי לעבן זאָלסטו, דו און דיינע קינדער.

2 „זאָל לעבן דיין ברודער מיט דיר" — דיין לעבן איז פריער פון דיין חברס לעבן.

3 דריי זענען זיי, וואָס זייערע לעבנס זענען קיין לעבן נישט: דער וואָס קוקט אויס אויף יענעמס טיש (עסן), דער וואָס זיין ווייב געוועלטיקט איבער אים, און דער וואָס די יסורים געוועלטיקן איבער זיין גוף.

4 נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל לעבן גוט אָן די דריי זאַכן: שלום, צופרידנקייט און אַ גאַנצן (געזונטן) גוף.

5 נישטאָ קיין לעבן אָן געזעץ.

6 בעסער אינגאַנצן נישט לעבן, איידער לעבן אָן זעלבסטווערדע און אָן שטאָלץ.

7 ביי דעם, וואָס איז נאָך באַהעפט צו אַלע לעבעדיקע, איז דאָ אַ האָפענונג, ווייל אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער ווי אַ טויטן לייב.

8 די לעבעדיקע ווייסן, אַז זיי וועלן שטאַרבן, אָבער די טויטע ווייסן גאָרנישט.

9 צדיקים, נאָכן טויט, הייסן אויך לעבעדיקע.

10 נישט דער וואָס פאַרמיאוסט דאָס לעבן איז אַ גיבור, נאָר דער, וועמען דאָס לעבן איז טייער.

11 דער וואָס לעבט ווי מען דאַרף ביי זיין לעבן, וועט נישט שטאַרבן ביי זיין טויט.

12 דאָס לעבן פון אַ מענטש איז ווי אַ שיף, וואָס גייט צווישן די ים־וועלן און אירע שפּורן זענען נישט קענטיק.

13 דאָס לעבן איז אַ געוועב און די רגעס זענען פעדעם. אין יעדער רגע רייסט זיך אָפּ איין וועב־פאָדעם.

14 דאָס עצם־לעבן איז אַ גליק, וואָס האָט נישט זיין גלייכן.

15 **אין שלטון ביום המוות.** (קוהלת ח׳ 8)

16 **במותך ימעט מספר מקנאיך וירבו דוברי שקר אחריך.**
(אמרות טהורות)

17 **המוות הוא דרך הנסיעה אל העולם הבא.** (סעדיה גאון)

18 **זכור, כי לא בשאול תענוג.** (בן־סירא)

15 נישטאָ קיין געוועלטיקונג אין טאָג פון טויט.

16 ווען דו ווערסט שטאַרבן וועט זיך פאַרקלענערן די צאָל פון די נישט־פאַרגינערס און עס וועלן זיך מערן די ליגן־זאָגערס (וועלכע וועלן דיר נאָכזאָגן שבחים).

17 דער טויט איז אַ נסיעה אויף יענער וועלט.

18 געדענק, אַז נישט אין קבר איז דער פאַרגעניגן.

חלום ונבואה

1 **אין מראין לו לאדם בחלום אלא מהרהורי לבו.** (ברכות נה)

2 **דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין.** (הוריות יג)

3 **חלום אף־על־פי שמקצתו מתקיים, כולו אינו מתקיים.** (ברכות נה)

4 **כשם שאי אפשר לבר בלא תבן, כך אי אפשר לחלום בלא דברים בטלים.** (ברכות נה)

5 **חלום אחד מששים לנבואה.** (ברכות נז)

6 **חלומות השוא ידברו, הבל ינחמון.** (זכריה י׳, 2)

7 **אדם ישן כאן ורואה חלום באספמיא.** (נידה ל)

8 **ארבעים ושמונה נביאים ושבע נביאות נתנבאו להם לישראל.** (מגילה יד)

9 **כל הנביאים כולם לא נתנבאו אלא לימות המשיח.** (ברכות לד)

10 **כל הנביאים לא נתנבאו אלא לבעלי תשובה.** (ברכות לד)

11 **מיום שחרב בית המקדש ניטלה נבואה מן הנביאים וניתנה לשוטים ולתינוקות.** (בבא בתרא יב)

12 **אין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד.** (על־פי סנהדרין פט)

13 **אין נביא בעירו.** (ר״ש אלגאזי)

14 **חכם עדיף מנביא.** (בבא בתרא יב)

15 **ולא קם נביא עוד בישראל כמשה.** (דברים לד, 10)

16 **מי יתן כל עם ה׳ נביאים!** (במדבר יא 29)

17 **אין לך כל שבט ושבט מישראל שלא יצאו ממנו נביאים.** (סוכה כז)

18 **משמתו נביאים האחרונים חגי, זכריה ומלאכי, נסתלקה רוח הקודש מישראל** (יומא ט)

חלום און נבואה

1 אַ מענטש זעט אין חלום דאָס, וועגן וואָס ער האָט פריער געטראַכט.

2 חלומות העלפן נישט און ברענגען נישט קיין שאָדן.

3 אַ חלום ווערט אַמאָל פאַרווירקלעכט טיילווייז, אָבער אינגאַנצן קיינ־מאָל נישט.

4 ווי ס׳איז נישטאָ קיין תבואה אָן שטרוי, אַזוי זענען נישט פאַראַן קיין חלומות אָן נישט־געשטויגענע זאַכן.

5 איין חלום פון זעכציק איז נבואה (פאָרויסזאָגונג).

6 חלומות רעדן פאַלש, נישטיק טוען זיי טרייסטן.

7 אַ מענטש שלאָפט דאָ און חלומט וועגן שפּאַניע (וועגן ווייטע מקומות).

8 אַכט און פערציק נביאים און זיבן נביאה׳טעס זענען געווען ביי יידן.

9 אַלע נביאים האָבן נביאות געזאָגט נאָר אויף משיחס צייטן.

10 אַלע נביאים האָבן אין זייער נביאות זיך געווענדעט צו די בעלי־תשובה.

11 פון דער צייט וואָס ס׳איז חרוב געוואָרן דער בית המקדש איז אָפּגע־נומען געוואָרן די נבואה פון די נביאים און געגעבן געוואָרן צו נאַראָ־נים און קינדער.

12 קיין צוויי נביאים זאָגן נישט נביאות אין זעלבן סטיל.

13 קיין נביא איז נישט אָנגענומען אין זיין אייגענער שטאָט.

14 אַ חכם איז מער פון אַ נביא.

15 עס איז נישט געווען ביי יידן נאָך אַזאַ גרויסער נביא ווי משה רבינו.

16 הלוואי זאָל דאָס גאַנצע גאָטס פאָלק זיין נביאים!

17 נישט געווען ביי יידן קיין איין שבט וועלכער האָט נישט אַרויסגעגעבן פון זיך קיין נביאים.

18 זינט עס זענען געשטאָרבן די לעצטע נביאים חגי, זכריה און מלאכי, האָט זיך אָפּגעטון דער רוח הקודש פון יידן.

חנופה

1 בשביל חנופה שהחניפו לקרח על עסקי לגימה חרק עליהם שר של גיהנום שיניו. (סנהדרין נב)

2 כל אדם שיש בו חנופה נופל בגיהנום. (סוטה מא)

3 כל אדם שיש בו חנופה מביא אף לעולם. (סוטה מא)

4 כל אדם שיש בו חנופה, מקללין אותו. (סוטה מא)

5 כל המחניף את הרשע, סוף נופל בידו. (עין יעקב)

6 מיום שגבר אגרופה של חנופה נתעוותו הדינין ונתקלקלו המעשים. (סוטה מב)

7 מפרסמין את החנפין מפני חילול השם. (יומא פו)

8 מפרסמין את החנפין ואפילו בשבת. (כלה רבתי פ"ג)

9 תחת דבש החונף טמון לענה וראש. (צמח צדיק)

10 החנפים מתראים כפרושים מן העולם, משום שמבקשים להתרומם בו. (מ. אבן־עזרא)

11 צריך מאד להיזהר מן החנפים המתראים טובים וישרים ובקרבם ישימו ארבם. (עקידת יצחק, ראה)

12 כשתראה אדם מספר בך טובה שאין בך, אל תבטח בו. (מבחר הפנינים)

13 הזהר מאיש שיש לו שני פרצופים ושני לבבות. (מ. בן־עזרא)

14 כל המחניף כאלו עובר על תורה שבכתב ותורה שבעל־פה. (מדרש „גדול וגדולה")

15 הרוצה להינצל מן החניפות, יזהר להרחיק עצמו מן הכבוד. (אורחות צדיקים)

חנופה

1 צוליב דעם, וואָס דתן און אבירם מיט זייערע חברים האָבן געחנפעט קרחן פאַר זיינע מאַלצייטן, האָט דער שר פון גיהנום געקריצט אויף זיי מיט די ציין.

2 דער וואָס חנפעט, גייט אין גיהנום אַריין.

3 דער וואָס חנפעט, ברענגט צאָרן אויף דער וועלט.

4 מען שעלט דעם וואָס חנפעט.

5 דער וואָס חנפעט דעם רשע, פאַלט צום סוף אַריין אין זיינע הענט.

6 זינט ס׳האָט זיך געשטאַרקט דער פויסט פון חניפה זענען פאַרדרייט (געפעלשט) געוואָרן די געזעצן און פאַרדאָרבן געוואָרן די מעשים.

7 מען פאַרעפנטלעכט די נעמען פון די חנפנים צוליב חלול השם.

8 מען פאַרעפנטלעכט די נעמען פון די חנפנים אויך אום שבת.

9 אונטערן האָניק פונעם חונף (אונטערלעקער) איז באַהאַלטן ווערמוט און ביטערקרויט (ביטערניש און סם).

10 די חנפנים ווייזן זיך כלומרשט ווי אַרויסגעטוענע פון דער וועלט, ווייל זיי ווילן זיך דערהייבן אין דער וועלט.

11 מען דאַרף זיך זייער היטן פון די חנפנים, וואָס ווייזן זיך ווי גוטע און ערלעכע און אין זיך מאַכן זיי אַ לויערונג (אויפן מענטש).

12 אַז דו ועסט זען אַ מענטש, וואָס דערציילט וועגן דיר מעלות, וועלכע דו האָסט נישט, זאָלסטו זיך אין אים נישט אָנטרויען.

13 היט זיך פאַר דעם מענטש, וואָס האָט צוויי פנימער און צוויי הערצער.

14 ווער עס חנפעט, איז ווי ער וואָלט עובר געווען אויף תורה שבכתב און תורה שבעל־פה.

15 ווער עס וויל ניצול ווערן פון חניפה, זאָל זיך דערווייטערן פון כבוד.

חריצות ועצלות

1 **אם לא עכשיו — אימתי?** (אבות א, יד)

2 **כלום יש סעודה בלי טורח?** (שבת קנג)

3 **אם אין אני יגע, איני אוכל.** (בראשית רבה פ״ב)

4 **אם אין אני לי — מי לי?** (אבות א)

5 **מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת.** (עבודה זרה ג)

6 **בזעת אפיך תאכל לחם.** (בראשית ג, 19)

7 **לך אל נמלה, עצל, ראה דרכיה וחכם.** (משלי ו, 6)

8 **אל תאהב שינה פן תורש.** (משלי כ, 13)

9 **הנמלים עם לא עז ויכינו בקיץ לחמם.** (משלי ל, 25)

10 **כחומץ לשנים וכעשן לעינים, כן העצל לשולחיו.** (משלי י, 26)

11 **עצלה תפיל תרדמה.** (משלי יט, 15)

12 **אמר עצל: ארי בחוץ.** (משלי כב, 13)

13 **עד מתי, עצל, תשכב?** (משלי ו, 9)

14 **טמן עצל ידו בצלחת, נלאה להשיבה אל פיו.** (משלי כו, 15)

15 **הדלת תסב על צירה ועצל על מטתו.** (משלי כו, 14)

16 **יד חרוצים תמשול.** (משלי יב, 24)

17 **אוגר בקיץ בן משכיל, נרדם בקציר בן מביש.** (משלי י, 5)

פלייסיקייט און פוילקייט

1 אויב נישט איצט — ווען דען?

2 איז דען פאַראַן אַ סעודה אָן מי?

3 אויב איך מי זיך נישט, עס איך נישט.

4 אויב איך אַליין וועל נישט זאָרגן פאַר מיר, ווער דען וועט טון פאַר מיר?

5 ווער עס האָט זיך באַמיט פרייטיק, דער וועט עסן שבת.

6 מיטן שווייס פו דיין פנים זאָלסטו עסן ברויט.

7 גיי צו דער מוראַשקע, פוילער, זע איר שטייגער־לעבן און ווער קלוג.

8 זאָלסט נישט ליב האָבן (לאַנג) צו שלאָפן, טאָמער ווּעסטו אָרעם ווערן.

9 מוראַשקעס, שוואַכינקע באַשעפענישן, גרייטן אָן זומער זייער שפּייז (אויפן ווינטער).

10 ווי עסיק פאַר די ציין און ווי רויך פאַר די אויגן, אַזוי איז דער פוילער פאַר די, וואָס שיקן אים (צו דערליידיקן ענינים).

11 פוילקייט וואַרפט אָן אַ דרעמל (אויפן מענטשן).

12 דער פוילער זאָגט: אין דרויסן איז אַ לייב פאַראַן.

13 ביז וואַנען, דו פוילער, וועסטו ליגן.

14 אַז דער פוילער שטעקט אַריין זיין האַנט אין שיסל, איז ער צו מיד זי צוצוטראָגן צו זיין מויל.

15 די טיר דרייט זיך שוין אויף איר אַנגל (אַקס) און דער פוילער ליגט נאָך אין זיין בעט.

16 די פלייסיקע האַנט וועט געוועלטיקן.

17 אַ קלוגער (פלייסיקער) זון זאַמלט די תבואה זומער, אַ נישטיקער (פוילער) זון שלאָפט אין שניט־צייט.

18 **אבנים שחקו מים.** (איוב יד, 19)

19 **יד חרוצים תעשיר.** (משלי י, 4)

20 **בטלה אם כל חטאת.** (פתגם סופרים)

21 **הבטלה מביאה לידי שעמום.** (כתובות נח)

22 **אין אדם מת אלא מתוך הבטלה.** (אבות דרבי נתן יא)

23 **יגעת ומצאת — תאמין.** (מגילה ו׳)

24 **מתרפה במלאכתו אח הוא לבעל משחית.** (משלי יח, 9)

25 **בעצלתים ימך המקרה ובשפלות ידים ידלוף הבית.** (קוהלת י׳, 18)

26 **מחורף עצל לא יחרוש ושאל בקציר ואין.** (משלי כ׳, 4)

27 **אדם עושה בידיו והקב״ה מברך מעשה ידיו.** (מדרש תהלים קלו)

28 **אם אדם עושה הרי הוא מתברך, ואם לאו אינו מתברך.** (מדרש תהלים)

29 **כמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא פת לאכול.** (ברכות נח)

30 **כמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא בגד ללבוש.** (ברכות נח)

31 **כמה קשין מזונותיו של אדם!** (שבת נג)

32 **כשם שיגעו אחרים לי, כך אני יגע לאחרים.** (קוהלת רבה ב)

33 **כשם שיגעו לי אבהתי (אבותי) כך אני יגע לבני.** (ויקרא רבה, נ״ה)

34 **לפום צערא אגרא.** (אבות ה, כג)
(לפי הצער [היגיעה] השכר)

35 **עלוב אדם זה שצריך ללמוד מן הנמלה.** (ספרי, האזינו)

18 וואַסער צערײַבט (מיט דער צייט) אויך שטיינער. געמיינט: מיט אויסדויער קאָן מען איבערווינדן גרויסע שוועריקייטן.

19 אַ פלייסיקע האַנט מאַכט רייך (דעם מענטשן).

20 ליידיקגייערײַ איז די מוטער פון אַלע זינד.

21 ליידיקגייערײַ ברענגט צו לאַנגווײַליקייט.

22 אַ מענטש שטאַרבט פון ליידיקגיין.

23 אַז דו וועסט זיך באַמיען, וועסטו דערגרייכן — אין דעם גלויב.

24 ווער עס פוילט זיך אין דער אַרבעט, איז אַ ברודער פון דעם שעדיקער.

25 פון פוילקייט פאַלט איין דער באַלקן און פון אָפּגעלאָזטע הענט נעצט דאָס הויז (רעגנט אַריין אין שטוב).

26 דער פוילער אַקערט נישט אום ווינטער, אין שניטצייט בעטלט ער און האָט גאָרנישט.

27 אַ מענטש אַרבעט מיט זײַנע צען פינגער און גאָט גיט אים זײַן ברכה.

28 אָן אַרבעט איז נישטאָ קיין ברכה.

29 וויפל מי און מאַטערניש האָט געהאַט אדם הראשון ביז ער האָט זיך אײַנגעשאַפט ברויט צום עסן!

30 וויפל מי און מאַטערניש האָט געהאַט אדם הראשון ביז ער האָט פאַר זיך צוגעגרייט אַ בגד אָנצוטון!

31 ווי שווער איז דעם מענטשנס פּרנסה!

32 אַזוי ווי אַנדערע האָבן זיך באַמיט פאַר מיר, אַזוי וועל איך זיך באַמיען פאַר אַנדערע.

33 אַזוי ווי מײַנע עלטערן האָבן זיך באַמיט פאַר מיר, אַזוי וועל איך זיך באַמיען פאַר מײַן קינד.

34 ווי די אַרבעט, אַזוי איז די באַלוינונג.

35 ווי נישטיק איז דער (פוילער) מענטש, וואָס דאַרף זיך לערנען ביי דער מוראַשקע.

36 **דאכל מן חבריה בהית מסתכלא ביה.** (ירושלמי ערלה פ"א)
(האוכל משל חברו מתבייש להסתכל בו)

37 **דצריך לנורא יפיח ביה.** (מדרש שמואל ט)
(הצריך לאש נופח בה)

38 **טוב לו לאדם דבר אחד בצער ממאה בריות.** (אבות דרבי נתן ג)

39 **טוב מי שהוא חוכר גינה אחת ומזבלה ומעדרה ממי שהוא חוכר גינות הרבה ומבירן.** (בראשית רבה פב)

40 **פשוט נבילתא בשוקא ושקול אגרא ולא תימא: כהנא אנא, גברא רבה אנא וסניא בי מילתא.** (פסחים קיג)
(פשוט נבילה בשוק וטול שכר ולא תאמר: כהן אני, אדם גדול אני ובזוי עלי הדבר)

41 **פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות.** (על־פי פסחים קיג)

42 **כל אדם לעמל נברא.** (סנהדרין צט)

43 **שונא מתנות יחיה.** (משלי טו, 27)

44 **אמור מעט ועשה הרבה.** (אבות א', טו)

45 **התחלת — גמור.** (בראשית רבה טו)

46 **התחלה חצי פעולה.** (ספר זורדים ו)

47 **טוב אחרית דבר מראשיתו.** (קוהלת ז, 8)

48 **סופו מוכיח על תחילתו.** (על־פי גיטין טו)

49 **מטיפה לטיפה נתמלא ההין.** (במדבר רבה יז)

50 **כל התחלות קשות.** (מכילתא, יתרו כד)

36 אַז מען עסט יענעמס, שעמט מען זיך אים קוקן אין די אויגן.

37 ווער עס דאַרף דאָס פייער, בלאָזט עס אויף.

38 אַ מענטשן איז ליבער איין זאַך וואָס ער האָט דערגרייכט שווער, איידער הונדערט זאַכן גרינג פאַרדינטע.

39 בעסער טוט דער, וואָס דינגט איין גאָרטן. מיסטיקט און גראָבט אים, איידער דער, וואָס דינגט אַ סך גערטנער און לאָזט זיי ליגן ווילד.

40 שינד אָפּ דאָס פעל פון אַ טויטער בהמה אין מאַרק און זאָג נישט: איך בין אַ כהן, אַ גרויסער מאַן און עס פּאַסט נישט פאַר מיר די אַרבעט.

41 שינד אָפּ דאָס פעל פון אַ טויטער בהמה אין מאַרק און קום נישט אָן צו מענטשן.

42 יעטוועדער מענטש איז צו מי און אַרבעט באַשאַפן געוואָרן.

43 ווער עס האָט פיינט מתנות, לעבט לאַנג.

44 רעד ווייניק און טו אַ סך.

45 האָסטו אַנגעהויבן — פאַרענדיק־זשע דיין אַרבעט.

46 אָן אָנהויב געמאַכט — אַ האַלבע אַרבעט געטון.

47 בעסער דער סוף פון אַ זאַך איידער איר אָנהויב.

48 דער סוף ווייזט, ווי אַזוי עס איז געמאַכט געוואָרן דער אָנהויב.

49 אַ טראָפּן צו אַ טראָפּן און דאָס מעסטל ווערט פול.

50 יעטוועדער אָנהויב איז שווער.

טוב ורע

1 **הוי משלם טובה תחת רעה.** (שמות רבה פרק כו)

2 **חייב אדם לברך על הרע כשם שמברך על הטובה.** (ברכות נד)

3 **טובת יום תשכח הרעה, ורעת יום תשכח טוב.** (בן־סירא)

4 **יהיה אדם זוכר ימי הרעה בימי הטובה.** (רמבם)

5 **אל תמנע טוב מבעליו, בהיות לאל ידך לעשות.** (משלי ג, 27)

6 **הגיד לך, אדם, מה טוב ומה ה׳ דורש ממך, כי אם — עשות משפט ואהבת חסד.** (מיכה ו, 8)

7 **טוב לעזוב את כל הטוב שבעולם מלעשות דבר רע אחד.** (מ. אבן־עזרא)

8 **הדברים הטובים ברעים מתערבים: השמחה באנחה, והששון באסון.** (א. אבן־עזרא)

9 **אין טוב שאין בו רע.** (תנחומא, מבוא)

10 **אין רע שאין בו טוב.** (בראשית רבה פרק סח)

11 **אין טוב ניכר אלא מתוך היפוכו.** (ראב״ד, פרוש לספר יצירה)

12 **אין רע יורד מלמעלה, אבל טוב וכל הוד וכל שלמות.** (מורה נבוכים)

13 **האדם הטוב ממתיק את הרע, והרע ממרר את הטוב.** (חשבונו של עולם)

14 **הטוב והרע שקולים הם ובאים שניהם בעולם הזה.** (דעת תבונות)

15 **הטובות גם הרעות כאשר יחנו (כן) יסעו.** (א. אבן־עזרא)

גוטס און שלעכטס

1 זאָלסט באַצאָלן מיט גוטס פאַר שלעכטס.

2 אַ מענטש דאַרף מאַכן אַ ברכה אויפן שלעכטס, אַזוי ווי ער מאַכט אַ ברכה אויפן גוטס.

3 דאָס גוטס פון טאָג מאַכט פאַרגעסן דאָס שלעכטס, און דאָס שלעכטס פון טאָג מאַכט פאַרגעסן דאָס גוטס.

4 אין די גוטע טעג זאָל אַ מענטש געדענקען די שלעכטע צייטן.

5 זאָלסט נישט פאַרמיידן גוטס פון דעם וואָס דאַרף עס, ווען דו ביסט בכוח דאָס צו טון.

6 מען האָט דיר געזאָגט, מענטש, וואָס איז גוט און וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון דיר: נאָר בלויז טון גערעכטיקייט און ליב האָבן חסד (גענאָד).

7 בעסער צו פאַרלאָזן דאָס גאַנצע גוטס פון דער וועלט. איידער צו טון איין שלעכטע זאַך.

8 גוטע און שלעכטע זאַכן זענען אויסגעמישט: שמחה מיט זיפצן, פרייד מיט אומגליק.

9 נישטאָ קיין גוטס, וואָס זאָל נישט האָבן אין זיך קיין שלעכטס.

10 נישטאָ קיין שלעכטס, וואָס זאָל נישט האָבן אין זיך קיין גוטס.

11 מען דערקענט נישט דאָס גוטס נאָר פון היפך (פונעם קעגנזאַץ).

12 פון אויבן (פון הימל) קומט נישט אַראָפּ קיין שלעכטס, נייערט גוטס, פראַכט און שלימות (פולקאָמענהייט).

13 דער גוטער מענטש מאַכט זיס דאָס שלעכטס, און דער שלעכטער פאַרביטערט דאָס גוטס.

14 גוטס און שלעכטס זענען גלייכוואָגיק, און ביידע קומען אויף דער וועלט.

15 די גוטע און די שלעכטע זאַכן — ביידע ווילן אין אַן אָרט און ציען אַוועק.

16 **הרע הוא כסא לטוב.** (ישראל בעל־שם־טוב)

17 **טוב ורע הם רק מושגים על אודות החיים, ולא החיים בעצמם.**
(ד. פרישמן)

18 **משיב רעה תחת טובה לא תמוש רעה מביתו.** (משלי יז, 13)

16 דאָס שלעכטס איז אַ שטול פֿאַרן גוטס.

17 גוטס און שלעכטס זענען נאָר באַגריפֿן וועגן לעבן, אָבער נישט דאָס לעבן אַליין.

18 דער וואָס באַצאָלט מיט אַ רעה פֿאַר אַ טובֿה, וועט זיך נישט אָפּטון שלעכטס פֿון זיין הויז.

יופי וחן

1 **היופי הפנימי של האדם דבוק ומחובר תמיד ביופי העליון, ושניהם — אחד.** (ה. צייטלין)

2 **ההנאה מן היופי יש לה אופי מיוחד של תחושת שכרון קל.** (ז. פרויד)

3 **היופי האמיתי תופס אותנו קודם שאנו תופסים אותו.** (ד. שמעוני)

4 **יש יופי המושך את הלב ומקרב את הלב.** (י. טברסקי)

5 **אדם, שכל מחשבותיו ומעשהו פונים אל היפה ביותר, אשריהו גם בהקיץ גם בשינה.** (אגרת אריסטיאס)

6 **יופי טבעי נאה לאשה ונאה לבעלה, הנוי המלאכותי מסוכן לאשה ולבעל.** (פתגמים של חכמים)

7 **יאות לכל יפה־תואר ליפות מעשיו.** (י. אבן־נחמיאש)

8 **יפת־תואר כאור היום לחולה.** (שמואל הנגיד)

9 **שקר החן והבל היופי.** (משלי לא, 30)

10 **איש חסר־חן כדבר בלא עתו.** (בן־סירא)

11 **חן אשה על בעלה.** (מדרש חופת אליהו)

12 **חן מקום על יושביו.** (מדרש חופת אליהו)

13 **חן תורה על עושיה.** (מדרש חופת אליהו)

14 **אשת־חן תתמוך כבוד.** (משלי יא, טז)

15 **היופי הוא מתנת אלוהים.** (פתגם סופרים)

16 **האשה מעדיפה להיות יפה מאשר טובת־לב.** (פתגם סופרים)

17 **היופי הוא כוח, החיוך — חרב.** (פתגם סופרים)

שיינקייט און חן

1 די אינערלעכע שיינקייט פונעם מענטש איז באַהעפט און געבונדן מיט דער העכערער (געטלעכער) שיינקייט, און ביידע זענען איינס.

2 די הנאה פון שיינקייט האָט אַ באַזונדערן כאַראַקטער פון אַ לייכט־פאַרשיכורט געפיל.

3 די אמתע שיינקייט פאַרכאַפּט אונדז פריער, איידער מיר זענען זי תופס.

4 פאַראַן אַ שיינקייט, וואָס ציט צו דאָס האַרץ און דערנענטערט עס.

5 אַ מענטש, וואָס זיין מחשבה און טאַט זענען תמיד געווענדט צום סאַמע שענסטן, — ווייל איז אים ווען ער איז וואַך און ווען ער שלאָפט.

6 נאַטירלעכע שיינקייט איז פיין (גוט) פאַר דער פרוי און פאַרן מאַן, קינסטלעכע שיינקייט איז מסוכן פאַר דער פרוי און פאַרן מאַן.

7 עס פּאַסט יעדן יפה־תואר צו פאַרשענערן זיינע מעשים.

8 אַ יפת־תואר (שיינהייט) איז ווי די טאָג־ליכט פאַר אַ קראַנקן.

9 חן איז שקר און שיינקייט איז נישטיקייט.

10 אַ מענטש אָן חן, איז ווי אַ זאַך נישט אין דער ריכטיקער צייט.

11 דער חן פון דער פרוי איז פאַרן מאַן.

12 דער חן פון דעם אָרט איז פאַר זיינע איינוווינער.

13 דער חן פון דער תורה איז פאַר אירע לערנער (און טוער).

14 אַ באַחנטע פרוי קריגט כבוד.

15 שיינקייט איז אַ מתנה פון גאָט.

16 אַ פרוי וויל בעסער זיין שיין איידער גוטהאַרציק.

17 שיינקייט איז אַ כוח, און שמייכל — אַ שווערד.

18 **בכל דבר צפון יופי, אך לא כל אחד מסוגל לראותו.** (פתגם סופרים)

19 **יפיותו של יפת יהא באהלי שם.** (מגילה ט)

18 אין יעטוועדער זאַך איז באַהאַלטן שיינקייט, נאָר נישט יעדער איינער איז מסוגל זי צו זען.

19 די שיינקייט פון יפת (פון די אַרישע פעלקער) זאָל זיין אין די געצעלטן פון שם (פון די סעמיטישע פעלקער). אין טעקסט איז די כוונה: די שיינקייט פון גריכן זאָל זיין ביי יידן.

יצר הרע

1 אוי לי מיוצרי, אוי לי מיצרי. (ברכות סא)

2 אין רע אלא יצר הרע. (חגיגה טז)

3 אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש. (סוכה נב)

4 אשרי מי שמתגבר על יצרו כאיש. (עבודה זרה יט)

5 איזהו גבור? — הכובש את יצרו. (אבות ד, א)

6 יצר־הרע ראשו מתוק וסופו מר. (ירושלמי שבת יד)

7 יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום. (סוכה נב)

8 יצרו של אדם מתחדש עליו בכל יום. (סוכה נב)

9 יצר הר״ע בתחילה דומה לחוט של בוכיא ולבסוף דומה כעבותות העגלה. (סוכה נב)

10 בתחילה דומה לחוט של עכביש ולבסוף נעשה כקלע הזה של ספינה. (בראשית רבה כב)

11 כל הגדול מחברו, יצרו גדול הימנו. (סוכה נב)

12 לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע. (ברכות ה)

13 כל מי שמפנק את יצרו בנערותו סופו להיות מנון (שליט) בזקנתו. (בראשית רבה כב)

14 כיוון שנתן אדם אצבע לשטן, רוצה הוא כל היד. (פתגם עממי)

15 אין יצר-הרע תאב אלא דבר שהוא אסור לו. (ירושלמי יומא פ״ו)

16 מים גנובים ימתקו. (משלי ט, 17)

17 אלולא יצר־הרע לא בנה אדם בית ולא נשא אשה ולא הוליד בנים ולא נשא ונתן. (בראשית רבה ט)

יצר־הרע

1 ווי איז מיר פֿון מײַן באַשעפֿער (ווען איך זינדיק), און ווי איז מיר פֿון מײַן יצר־הרע (ווען איך זינדיק נישט).

2 נישטאָ קיין גרעסערע שלעכטס ווי דער יצר־הרע.

3 אויב עס טרעט־צו צו דיר דער יצר־הרע, שלעפּ אים אַרײַן אין בית־המדרש (נעם זיך צום לערנען).

4 ווײַל איז דעם, וואָס שטאַרקט זיך איבערן יצר־הרע ווי אַ ריכטיקער מענטש.

5 ווער איז אַ גיבור? — דער וואָס באַהערשט זײַן יצר־הרע.

6 דער יצר־הרע איז אין אָנהייב זיס און צום סוף ביטער.

7 דער יצר־הרע פֿונעם מענטשן שטאַרקט זיך מיט יעדן טאָג.

8 דער יצר־הרע פֿונעם מענטשן באַנײַט זיך מיט יעדן טאָג.

9 אין אָנהייב איז דער יצר־הרע גלײַך צו אַ וועב פֿאָדעם און צום סוף — צו אַ שטריק פֿון אַ וואָגן.

10 אין אָנהייב איז דער יצר־הרע גלײַך צו אַ פֿאָדעם פֿון אַ שפּינוועב און צום סוף — צו אַ זעגלטוך.

11 ווער עס איז גרעסער פֿון אַנדערן, איז זײַן יצר־הרע אויך גרעסער.

12 תּמיד זאָל אַ מענטש אָנרייצן דעם יצר־טוב קעגן דעם יצר־הרע.

13 ווער עס צערטלט דעם יצר־הרע אין דער יוגנט, וועט פֿון אים באַהערשט ווערן אויך אויף דער עלטער.

14 אַז מען גיט דעם שטן אַ פֿינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט.

15 דער יצר־הרע גלוסט נאָר זאַכן, וואָס זענען פֿאַרזאָגט (פֿאַרבאָטן).

16 געגנבעטע וואַסער איז זיס. געמיינט: אַ פֿאַרבאָטענע זאַך רייצט.

17 ווען נישט דער יצר־הרע וואָלט אַ מענטש נישט געבויט קיין שטוב, נישט חתונה געהאַט, נישט געהאַט קיין קינדער און נישט געהאַנדלט (אָדער זיך באַשעפֿטיקט מיט אַרבעט).

18 **כל זמן שהצדיקים חיים הם נלחמים עם יצרם.** (בראשית רבה ט)

19 **בתחילה קראו הלך ולבסוף קראו אורח ולבסוף קראו איש.** (סוכה נב)

20 **אין השטן מקטרג אלא בשעת הסכנה.** (ירושלמי שבת פ״ב)

21 **אין יצר־הרע שולט במלאכים.** (בראשית רבה מח)

22 **בכל מקום שאתה מוצא נחת רוח השטן מקטרג.** (בראשית רבה לח)

23 **בשעה שהולך אדם לחטוא השטן מרקד לפניו.** (במדבר רבה כ)

24 **יצר לב האדם רע מנעוריו.** (בראשית ח, 21)

18 די צדיקים ביים לעבן פירן כסדר אַ מלחמה מיטן יצר־הרע.

19 אין אָנהויב איז דער יצר־הרע בלויז ווי אַ צופעליקער דורכגייער, דערנאָך איז ער גלייך צו אַ גאַסט און צום סוף ווערט ער אַ בעל־הבית.

20 דער שטן איז מקטרג בעיקר אין אַ צייט פון אַ סכנה.

21 דער יצר־הרע הערשט נישט איבער מלאכים.

22 אומעטום ווו אַ מענטש האָט פאַרגעניגן, דאָרט איז דער שטן מקטרג.

23 ווען אַ מענטש גייט זינדיקן טאַנצט אים אַנטקעגן דער שטן.

24 דער יצר פון דעם מענטשן איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן.

כבוד לאדם

1 כבד את אביך ואת אמך. (שמות כ, 12)

2 כבוד אביך — כבודך, וקלון אם קלונך. (בן־סירא)

3 יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך. (אבות ב, טז)

4 איזהו מכובד? — המכבד את הבריות. (אבות ד, א)

5 אל תהי בז לכל אדם. (אבות ד, ג)

6 המלבין פני חברו ברבים, כאילו שופך דמים. (בבא מציעא נח)

7 לא מקומו של אדם מכבדו, אלא אדם מכבד את מקומו. (תענית כא)

8 הווה מקדים בשלום כל אדם. (אבות ד, טו)

9 נוח לו לאדם שיפיל עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים. (ברכות מג)

10 כל המבייש פני חברו סוף הוא מתבייש. (כלה)

11 חס המקום על כבוד הבריות. (תוספתא בבא קמא ז)

12 המתכבד בקלון חברו אין לו חלק לעולם הבא. (בראשית רבה א)

13 לא תבייש ולא תתבייש. (מועד קטן ט)

14 הזהרו בכבוד חבריכם. (ברכות כח)

15 מום שבך אל תאמר לחברך. (בבא מציעא נט)

16 כל הפוסל במומו פוסל. (קידושין ע)

17 הווה מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות. (אבות א׳, טו)

18 כשלג בקיץ וכמטר בקציר כן לא נאווה לכסיל כבוד. (משלי כו, 1)

כבוד דעם מענטש

1 האַלט בכבוד דיין פאָטער און מוטער.

2 דער רום פון דיין פאָטער פאַרשאַפט דיר כבוד און די שאַנד פון דיין מוטער ברענגט דיר חרפה.

3 דער כבוד פון דיין חבר זאָל דיר זיין ליב ווי דיין אייגענער.

4 ווער ווערט געשעצט? — דער, וואָס גיט אָפּ כבוד אַנדערע.

5 זאָלסט זיך נישט באַציִען מיט קיין אומכבוד צו קיין שום מענטש.

6 ווער עס פאַרשעמט זיין חבר עפנטלעך, איז גלייך ווי ער וואָלט פאַרגאָסן בלוט.

7 נישט דאָס אָרט פאַרשאַפט כבוד דעם מענטש, נאָר ער גיט צו כבוד דעם אָרט.

8 באַגריס דו דער ערשטער יעדן מענטש.

9 גלייכער אַז אַ מענטש זאָל זיך אַריינוואַרפן אין אַ קאַלכאויוון, איידער ער זאָל באַליידיקן עפנטלעך זיין חבר.

10 ווער עס פאַרשעמט יענעם, וועט אַליין פאַרשעמט ווערן.

11 ביי גאָט איז טייער דער כבוד פון מענטשן.

12 ווער עס פאַרשאַפט זיך כבוד דורך דער דערנידערונג פון זיין חבר, דער פאַרלירט זיין חלק עולם הבא.

13 פאַרשעם נישט יענעם, וועסטו אויך נישט ווערן פאַרשעמט.

14 היט אָפּ דעם כבוד פון אייערע חברים.

15 וואַרף נישט פאַר דיין חבר דיין אייגענעם פעלער.

16 ווער עס פסלט יענעם, פסלט אים געוויינלעך מיט זיין אייגענעם פעלער.

17 נעם אויף יעטוועדן מענטש מיט אַ פריינטלעכן פנים.

18 ווי שניי אין זומער און ווי רעגן אין שניטצייט, אַזוי איז נישט פּאַסיק קיין כבוד פאַר אַ נאַר.

19 **טוב שם משמן טוב.** (קהלת ז, 1)

20 **טוב שם טוב מפנים נאים.** (פתגם עממי)

21 **קנה שם טוב — קנה לעצמו.** (אבות ב׳, ז)

22 **בז לרעהו חסר לב.** (משלי יא, 12)

23 **אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך.** (ברכות ז)

24 **אל תהי קללת הדיוט קלה בעיניך.** (מגילה טו)

25 **„כבד את אביך ואת אמך" ואפילו אתה מסבב על הפתחים.**
(ירושלמי פאה א)

19 אַ גוטער נאָמען איז בעסער (פּאַרן מענטש) פון גוטן אייל (וואָרטשפּיל: שם־שמן).

20 בעסער אַ גוטער נאָמען איידער אַ שיין פּנים.

21 האָט ער דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען — איז עס פּאַר אים אַליין.

22 אַ שוטה איז מבזה זיין חבר.

23 זאָלסט נישט גרינגשעצן די ברכה פון אַ פּשוטן (פּראָסטן) מענטש.

24 זאָלסט נישט גרינגשעצן די קללה פון אַ פּשוטן (פּראָסטן) מענטש.

25 „גיב אָפּ כבוד טאַטע־מאַמע", אפילו ווען דו גייסט איבער די הייזער און בעטלסט נדבות.

כעס והתאפקות

1 **טוב ארך אפים מגבור ומושל ברוחו — מלוכד עיר.** (משלי טז 32)

2 **אדם הראשון לא נטרד מגן־עדן עד שחרף וגדף.** (בראשית רבה יט)

3 **כל הכועס אפילו שכינה אינה חשובה כנגדו.** (נדרים כב)

4 **אין דבר טוב יוצא מתוך מריבה.** (שמות רבה ל׳)

5 **אל תרצה את חברך בשעת כעסו.** (אבות ד׳, יח)

6 **אל תבהל ברוחך לכעוס, כי כעס בחיק כסילים ינוח.** (קוהלת ז׳ 9)

7 **אל תען כסיל כאולתו, פן תשוה לו גם אתה.** (משלי כו 4)

8 **בא לכלל כעס — בא לכלל טעות.** (ספרי, מטות מח)

9 **בית שיש בו מחלוקת סופו להיחרב.** (דרך ארץ זוטא מח)

10 **בשלשה דברים אדם ניכר: בכוסו ובכיסו ובכעסו.** (עירובין סה)

11 **כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה.** (זוהר בראשית, כז)

12 **כל הכועס חכמתו מסתלקת ממנו.** (לפי פסחים סו)

13 **כל הכועס משכח תלמודו ומוסיף טפשות.** (נדרים כב)

14 **לא תרתח ולא תחטא.** (ברכות כט)

15 **מענה רך ישיב חמה ודבר־עצב יעלה אף.** (משלי טו 1)

כעס און איינגעהאַלטנקייט

1 ווער עס האַלט איין זיין כעס, איז בעסער פון אַ מלחמה־גבור, און דער וואָס געוועלטיקט איבער זיין אויפגערעגט געמיט איז בעסער פון דעם, וואָס נעמט איין אַ שטאָט.

2 אדם הראשון איז נישט אַרויסגעטריבן געוואָרן פריער פון גן־עדן ביז ער האָט געזידלט און געשאָלטן.

3 ווער עס כעסט זיך, איז אפילו די שכינה ביי אים נישט חשוב.

4 פון קריגערייַ קומט קיין גוטס נישט אַרויס.

5 בעט נישט איבער דיין חבר אין דער הייסער מינוט, ווען ער כעסט זיך, (ווייל דו וועסט אים נאָך מער צערייצן).

6 זיי נישט האַסטיק זיך אויפצורעגן, ווייל דער כעס שטייט איין ביי די נאַראָנים.

7 זאָלסט נישט ענטפערן דעם נאַר אַזוי ווי זיין נאַרישקייט, כדי דו זאָלסט נישט ווערן גלייך צו אים.

8 ווער עס כעסט זיך, דער מאַכט אַ טעות.

9 אַ שטוב, וווּ מען קריגט זיך, וועט צעשטערט ווערן.

10 לויט דריי זאַכן דערקענט מען אַ מענטשן: לויטן גלעזל, לויטן ביימל און לויטן כעס. געמיינט: צי איז ער נישט קיין שיכור, קיין קאַרגער און קיין כעסן.

11 דער וואָס כעסט זיך, איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט עבודה־זרה.

12 די חכמה טראָגט זיך אָפּ פון דעם, וואָס כעסט זיך.

13 ווער עס כעסט זיך, דער פאַרגעסט דאָס לערנען און טוט אָפּ נאַריש־קייטן.

14 קאָך זיך נישט און זינדיק נישט.

15 אַ ווייכער ענטפער שטילט איין דעם צאָרן און אַ פאַרדראָסיק וואָרט ברענגט אויף דעם כעס.

16 **עיר פרוצה אין חומה איש אשר אין מעצר לרוחו.** (משלי כה, 28)

17 **איש אף יגרה מדון ובעל חמה רב־פשע.** (משלי כט, 22)

18 **לעולם יהא אדם רך כקנה ואל יהא קשה כארז** (תענית כ)

19 **לשון רכה תשבר גרם.** (משלי כה, 15)

20 **הרף מאף ועזוב חמה.** (תהלים לז, 8)

21 **אל תריב עם אדם חינם.** (משלי ג, 30)

22 **באפס עצים תכבה אש ובאין נרגן ישתוק מדון.** (משלי כו, 20)

23 **פחם לגחלים ועצים לאש, ואיש מדנים לחרחר ריב.** (משלי כו, 21)

24 **שנאה תעורר מדנים.** (משלי י׳, 12)

25 **המקרע בגדיו בחמתו והמשבר כליו בחמתו והמפזר מעותיו בחמתו יהא בעיניך כעובד עבודה זרה.** (שבת קה)

26 **מחלוקת שהיא לשם שמים סופה להתקיים, ושאינה לשם שמים אין סופה להתקיים.** (אבות ה, יז)

27 **רגזן לא עלתה בידו אלא רגזנותו.** (קידושין מא)

28 **נוח לכעוס וקשה לרצות — רשע.** (אבות ה, יא)

29 **קשה לכעוס ונוח לרצות — חסיד.** (אבות ה, יא)

30 **אחרית כל קטטה חרטה.** (ספר חסידים סימן פח)

31 **אין העולם מתקיים אלא בשביל מי שבולם את עצמו בשעת מריבה.** (חולין פט)

32 **כשנופלת מריבה בין אחים, אנשים נכרים מרויחים על ידי זה.** („חצי מנשה״ פ׳ לך)

16 ווי אַן איינגעבראָכענע שטאָט אַן אַ מויער איז אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין אָפּהאַלט פאַר זיין אויפגערעגט געמיט.

17 אַ רגזן מאַכט אַן קריגעריי און אַ כעסן באַגייט פאַרברעכנס.

18 תמיד זאָל אַ מענטש זיין ווייך (נאָכגיביק) ווי דאָס וואַסער־געוויקס און נישט האַרט ווי דער צעדערבוים.

19 אַ ווייכע צונג צעברעכט אַ ביין (געלאַסענע רייד ווירקן שטאַרק).

20 לאָז אָפּ פון כעס און פאַרלאָז גרימצאָרן.

21 זאָלסט זיך נישט קריגן אומזיסט מיט קיינעם.

22 אַן האָלץ פאַרלעשט זיך דאָס פייער, און אָן אַן אונטערהעצער הערט אויף קריגעריי.

23 קוילן און האָלץ האַלטן אונטער דאָס פייער, און דער בעל־מחלוקת צינדט אָן אַ קריגעריי.

24 שנאה וועקט קריגערייען.

25 ווער עס רייסט קליידער, ברעכט כלים אָדער צעוואַרפט געלט מחמת כעס, איז גלייך ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה.

26 אַ מחלוקת לשם שמים דערפירט צום ציל, אַ מחלוקת וואָס איז נישט לשם שמים, דערפירט נישט צום ציל.

27 דער רגזן געווינט — נאָר זיין בייזקייט.

28 ווער עס ווערט גרינג אין כעס און איז שווער צום איבערבעטן זיך, איז אַ רשע.

29 ווער עס איז שווער אין כעס צו ווערן און בעט זיך גרינג איבער, איז אַ חסיד.

30 דער סוף פון דער קריגעריי איז חרטה.

31 די וועלט האָט אַ קיום נאָר אַדאַנק די, וואָס צוימען זיך בשעת אַ קריגעריי.

32 ווען עס ברעכט אויס אַ קריגעריי צווישן ברידער, גענ יסן דערפון פרעמדע.

33 **כל הכועס כל מיני גיהנום שולטים בו.** (נדרים כב)

34 **כעס מסלק את המאור.** (מדרש אגדה, תולדות פ"כז א)

35 הרגזן דומה לקומקום, שמימיו נשפכים אל **צדו בשעת רתיחתם.**
(לפי קוהלת רבה פז, ט)

36 **כל אדם שכועס אם חכם הוא חכמתו מסתלקת ממנו.** (פסחים סו)

33 ווער עס כעסט זיך, הערשן איבער אים אַלע גיהנומס.

34 דער כעס פאַרטרייבט די ליכטיקייט (קלאָרקייט).

35 דער רגזן איז געגליכן צו אַ טיי־טאָפּ, וואָס זיין וואסער גיסט זיך איבער ווען עס קאָכט.

36 אויב אַ חכם כעסט זיך, ווערט די חכמה פון אים אָפּגעטון.

לב

1 **לב יודע מרת נפשו.** (משלי יד, 10)

2 **לב נבון יבקש דעת.** (משלי טו, 14)

3 **דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב.** (ברכות ו)

4 **דברים שבלב אינם דברים.** (קידושין מט)

5 **כל כאב — ולא כאב לב.** (שבת יא)

6 **כל האברים תלויים בלב, והלב תלוי בכיס.** (ירושלמי תרומות פרק ח)

7 **היכן חכמה נתונה? בלב, שנתונה באמצע האדם.** (ילקוט משלי א)

8 **טוב לב טוב משכל טוב.** (אמרות טהורות)

9 **הלב הוא הדעת.** (א. אבן־עזרא)

10 **טהר את הלב ותבין את האמת.** (א. אבן־עזרא)

11 **לפי שכלו יהולל איש, ונעוה לב יהיה לבוז.** (משלי יב 8)

12 **הלב מבין מה שאין העין רואה ולא האוזן שומעת.** (נועם המידות)

13 **טוב־לב — משתה תמיד.** (משלי טו, 15)

14 **אין ראות העין מועילה כשהלב עיור.** (ספר המפואר)

15 **אין נעימות כלב טוב.** (ר' יעקב עמדין)

16 **המוח שליט על הלב.** (תניא)

17 **הרשעים ברשות לבם, והצדיקים — לבם ברשותם.** (בראשית רבה ס)

18 **לב אדם הוא מלך על כל הגוף.** (א. אבן־עזרא)

האַרץ

1 דאָס האַרץ ווייס די ביטערקייט פון נפש.

2 דאָס האַרץ פון דעם פאַרשטאַנדיקן זוכט וויסן.

3 רייד, וואָס גייען אַרויס פון האַרצן, דרינגען אַריין אין האַרצן.

4 רייד, וואָס מען טראַכט זיי בלויז אין האַרצן, זענען קיין רייד נישט.

5 יעטוועדער ווייטיק, נאָר נישט קיין האַרצווייטיק.

6 אַלע אברים (גלידער) הענגען אָפּ פונעם האַרץ, און דאָס האַרץ איז אָפּהענגיק פון טאַש (פון געלט).

7 ווו געפינט זיך חכמה? — אין האַרצן, וואָס ליגט אין מיטן גוף פון מענטש.

8 אַ גוט האַרץ איז בעסער פון גוטן שכל.

9 דאָס האַרץ איז דאָס וויסן.

10 רייניק דאָס האַרץ, וועסטו פאַרשטיין דעם אמת.

11 ווּעדליק זיין שכל ווערט אַ מענטש געלויבט, און דער וואָס האָט אַ פאַרדרייט האַרץ, ווערט צו שפּאָט.

12 דאָס האַרץ פאַרשטייט, וואָס דאָס אויג זעט נישט און דאָס אויער הערט נישט.

13 ביי דעם וואָס האָט אַ גוט האַרץ איז תמיד אַ סעודה.

14 דאָס זען מיטן אויג העלפט נישט, אויב דאָס האַרץ איז בלינד.

15 נישט פאַראַן אַזאַ אָנגענעמלעכקייט ווי אַ גוט האַרץ.

16 דער מוח איז דער געוועלטיקער איבערן האַרץ.

17 די רשעים זענען אין רשות פון זייערע הערצער, און ביי די צדיקים זענען די הערצער אין זייער רשות.

18 דעם מענטשנס האַרץ איז אַ מלך איבערן גאַנצן גוף.

19 **לב שמח ייטיב פנים, ובעצבת לב רוח נכאה.** (משלי טו, 13)

20 **עקש־לב לא ימצא טוב.** (משלי יז, 20)

21 **רמ״ח אברים יש באדם ולבו שקול כנגד כולם.** (אוצר מדרשים)

22 **מכל משמר נצור לבך כי ממנו תוצאות חיים.** (משלי ד, 23)

23 **שמחת לבב — חיי אנוש.** (בן־סירא)

24 **הלבבות כמראות, וכל אשר יקרה לאדם הלב יראנו.** (פרדס רימונים)

25 **הנבון לא יראה לכול מה שבלבו.** (צמח צדיק)

26 **השמרו ממי שישנאו אותו לבותיכם, כי הלבבות כמראות.** (איגרת המוסר)

27 **טומאת הלב קשה היא מטומאת הגוף.** (בחיי)

28 **לבו של אדם מקום פנוי הוא, וביד האדם לנטוע בו גן־עדן או לבנות בו הגיהנום.** (חשבונו של עולם)

29 **לב אדם יחשב דרכו, וה׳ יכין צעדו.** (משלי טז, 9)

30 **על כל מרמה תכסה הלשון, ואך הלב מרגיש באוהביו ובשונאיו ודרך כל מסכה הוא חודר.** (על הגבולין)

19 אַ פֿריילעך האַרץ מונטערט אויף דעם פּנים, און פֿון האַרצקלעמעניש ווערט דאָס געמיט דערשלאָגן.

20 דער וואָס האָט אַ קרום האַרץ, וועט נישט געפֿינען קיין גוטס.

21 צוויי הונדערט אַכט און פֿערציק אבֿרים פֿאַרמאָגט דער מענטש און זיין האַרץ באַשטייט קעגן אַלע.

22 מער פֿון יעטוועדער היטונג היט אָפּ דיין האַרץ, וואָרעם פֿון אים הענגט אָפּ דאָס לעבן.

23 פֿרייד פֿון האַרצן איז דעם מענטשנס לעבן.

24 הערצער זענען ווי שפּיגלען ; אַלץ וואָס וועט טרעפֿן דעם מענטש, ווייזט אים (זאָגט פֿאָרויס) דאָס האַרץ.

25 דער פֿאַרשטאַנדיקער וועט נישט ווייזן אַלעמען, וואָס ביי אים אין האַרצן טוט זיך.

26 היט זיך פֿאַר די, וואָס אייערע הערצער פֿאַרטראָגן זיי נישט, ווייל הערצער זענען ווי שפּיגלען.

27 אַ טמא האַרץ איז ערגער פֿון טמאן קערפּער.

28 דעם מענטשנס האַרץ איז אַ פֿריי אָרט. דער מענטש איז בכוח צו פֿלאַנצן דאָרט אַ גן־עדן אָדער אויפֿצובויען אַ גיהנום.

29 דעם מענטשנס האַרץ דענקט זיין וועג, אָבער גאָט לענקט זיינע טריט.

30 די צונג פֿאַרדעקט יעדע פֿאַלשקייט, אָבער דאָס האַרץ דערפֿילט די ליבהאָבער און די שונאים און דרינגט דורך יעדע מאַסקע.

לשון

1 כל הדר בארץ ישראל... ומדבר בלשון הקודש מובטח לו שהוא בן העולם הבא. (ספרי, האזינו)

2 כשהתינוק מתחיל לדבר, אביו מדבר עמו לשון הקודש. (ספרי, עקב)

3 ישראל נגאלו ממצרים בשביל שלא שינו שמם... ושלא שינו את לשונם. (ויקרא רבה לב)

4 ארבע לשונות נאין...: לעז לזמר, רומי לקרב, סורסי לאליה, עברי לדבור. (ירושלמי מגילה פ"א)

5 בני יהודה שהקפידו על לשונם נתקיימה תורתם בידם, בני גליל שלא הקפידו על לשונם לא נתקיימה תורתם בידם. (עירובין נג)

6 לשון חכמים ברכה. (כתובות קג)

7 לשון חכמים מרפא. (כתובות קג)

8 לשון חכמים עושר. (כתובות קג)

9 דברה תורה כלשון בני אדם. (יבמות עא)

10 דברה תורה לשון הבאי. (חולין צ)

11 לעולם יספר אדם בלשון נקיה. (פסחים ג)

לשון

1 ווער עס וווינט אין ארץ ישראל און רעדט העברעיש, דער פֿאַרזיכערט זיך מיט עולם־הבא.

2 ווי אַ יידיש קינד הייבט נאָר אָן צו רעדן, דאַרף דער פֿאָטער זיינער רעדן מיט אים העברעיש.

3 יידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים בזכות דעם, וואָס זיי האָבן נישט געענדערט זייערע נעמען... און נישט זייער לשון.

4 פיר שיינע לשונות זענען פֿאַראַן: גריכיש פֿאַר געזאַנג, רוימיש (לאַטיי־ניש) צום מושטירן, פערסיש פֿאַר עלעגיעס און העברעיש צום רעדן.

5 די בני־יהודה, וועלכע האָבן מקפּיד געווען אויף דער ריינקייט פון זייער לשון, האָט זיך ביי זיי די תורה געהאַלטן, דאַקעגן די גלילער, וועלכע האָבן נישט אָפּגעהיט דאָס לשון, האָט אויך די תורה ביי זיי נישט געהאַט קיין קיום.

6 דאָס לשון פון די חכמים איז אַ ברכה.

7 דאָס לשון פון די חכמים איז אַ רפואה.

8 דאָס לשון פון די חכמים איז עשירות.

9 די תורה רעדט מיט דער גערעדטער פּשוטער שפּראַך פון מענטשן.

10 די תורה באַנוצט זיך אַמאָל מיט אַ לשון פון גוזמא.

11 תמיד זאָל אַ מענטש דערציילן מיט אַ ציכטיקער שפּראַך.

מוסר

1 **אוהב מוסר — אוהב דעת, ושונא תוכחת — בער.** (משלי יב, 1)

2 **אויל ינאץ מוסר אביו.** (משלי טו, 5)

3 **אל תמנע מנער מוסר.** (משלי כג, 13)

4 **הוכח לחכם ויאהבך.** (משלי ט, 8)

5 **טובה תוכחת מגולה מאהבה מסותרת.** (משלי כז, 5)

6 **החזק במוסר, אל תרף. נצרה, כי היא חייך.** (משלי ד, 13)

7 **פורע מוסר — מואס נפשו.** (משלי טו, 32)

8 **אוזן שומעת תוכחת חיים בקרב חכמים תלון.** (משלי טו, 31)

9 **דרך חיים תוכחות מוסר.** (משלי ו, 23)

10 **שמע בני מוסר אביך, ועל תטוש תורת אמך.** (משלי א, 8)

11 **שמע עצה וקבל מוסר.** (משלי יט, 20)

12 **הווי אוהב את המוכיחך, כדי שתוסיף חכמה.** (דרך־ארץ זוטא ט)

13 **כל המוכיח את חברו לשם שמים, מושכין עליו חוט של חסד.** (תמיד כח)

14 **אם ראית אדם שחוטא, הוכח תוכיח בנחת ולא בקטטה.** (דרך טובים ב)

15 **המוסר ראש השכל.** (נועם המידות ד)

16 **מי שאין לו אמונה אינו מקבל מוסר.** (ר' נחמן מברסלב)

מוסר

1 דער וואָס האָט ליב מוסר, האָט ליב וויסן; דער וואָס האָט פיינט שטראָפרייד, איז אַ פאַרגרעבטער.

2 דער נאַר פאַראַכט זיין פאָטערס מוסר.

3 זאָלסט נישט פאַרמיידן קיין מוסר פון דעם ייִנגל.

4 שטראָף דעם קלוגן און ער וועט דיך ליב קריגן.

5 בעסער אַן אָפענער פאָרוווּרף איידער פאַרבאָרגענע (נישט שיינע) ליבשאַפט.

6 האַלט זיך ביי מוסר, זאָלסט נישט אָפּלאָזן, היט דאָס אָפּ, ווייל דאָס איז דיין לעבן.

7 דער וואָס מיידט אויס מוסר, פאַראַכט זיין נפש.

8 דאָס אויער וואָס הערט־צו דעם מוסר פון לעבן, וועט צווישן די חכמים רוען.

9 דער וועג פון לעבן זענען שטראָפרייד פון מוסר.

10 הער צו, מיין זון, דעם מוסר פון דיין פאָטער און זאָלסט נישט פאַרלאָזן די תורה פון דיין מוטער.

11 הער־צו אַן עצה און נעם אָן מוסר.

12 האָב ליב דעם וואָס שטראָפט דיך, כדי זאָלסט מערן חכמה.

13 ווער עס שטראָפט זיין חבר לשם שמים, מיט דעם פירט מען זיך אויף מיט ליבשאַפט.

14 האָסטו געזען אַ מענטש וואָס זינדיקט, שטראָף אים מיט געלאַסענע רייד און נישט מיט קריגעריי.

15 מוסר איז דאָס אייבערשטע פון שכל.

16 דער וואָס האָט נישט קיין אמונה, פאַרנעמט נישט קיין מוסר.

17 צורך הנפש למוסר כצורך הארץ למטר. (פתגמים של חכמים ז)

18 אהב את המוכיחך ושנא את המשבחך. (אבות דרבי נתן כט)

19 איזוהי דרך ישרה שיבור לו האדם? — יאהב את התוכחות. (תמיד כח)

20 כל המקבל תוכחה זוכה לברכה. (דברים רבה א)

21 כל זמן שתוכחות בעולם, נחת־רוח בעולם. (תמיד כח)

17 די נשמה גויטיקט זיך אין מוסר, ווי די ערד — אין רעגן.

18 זאָלסט ליב האָבן דעם וואָס שטראָפט דיך און זאָלסט פיינט האָבן דעם וואָס לויבט דיך (צופיל).

19 וועלכער איז דער ריכטיקער וועג וואָס אַ מענטש זאָל זיך אויסקלייבן? — ער זאָל ליב האָבן שטראָפרייד.

20 ווער עס נעמט צו שטראָפרייד, דער איז זוכה צו אַ ברכה.

21 כל־זמן אין דער וועלט זענען פאַראַן שטראָפרייד, איז דאָ אַ נחת־רוח.

מורים ותלמידים

1 אינו דומה לומד מעצמו ללומד מרבו. (כתובות קיא)

2 אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן. (שבת קיט)

3 אי אפשר לבית המדרש בלא חידוש. (תוספתא סוטה ז)

4 נמשלו דברי תורה כאש... מה אש אינו דולק יחידי, אף דברי תורה אין מתקיימין ביחידי. (תענית)

5 אין התורה נקנית אלא בחבורה. (ברכות סג)

6 אין מבטלים תינוקות של בית רבן אפילו לבנין בית המקדש. (שבת קיט)

7 אשרי תלמיד שרבו מודה לו. (ברכות לב)

8 בכול אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו. (סנהדרין קח)

9 הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה. (נדרים פא)

10 הזהרו בבני עם־הארץ שמהם תצא תורה. (סנהדרין צו)

11 הלומד מחברו פרק אחד או הלכה אחת או פסוק אחד או אפילו אות אחת צריך לנהוג בו כבוד. (אבות ו)

12 המהרהר אחר רבו כאילו מהרהר אחר שכינה. (סנהדרין קי)

13 כל העושה מריבה עם רבו כעושה עם שכינה. (סנהדרין קי)

14 הרבה למדתי מרבותי, ומחברי יותר מרבותי, ומתלמידי יותר מכולם. (תענית ז)

לערער און תלמידים

1 עס קאָן זיך נישט פאַרגלייכן דער יעניקער וואָס לערנט אַליין, מיט דעם, וואָס לערנט ביי אַ לערער.

2 די וועלט האָט אַ קיום נאָר אַדאַנק דעם אָטעמען (ביים לערנען) פון קליינינקע שול־קינדערלעך.

3 אַ שול האָט נישט קיין קיום, אויב זי פּירט נישט איין קיין חידוש אין לערנען.

4 תורה איז געגליכן צו פייער. אַזוי ווי איין שטיק האָלץ ברענט נישט אַליין, אַזוי אויך לערנען דאַרף מען נאָר אין גרופּן.

5 תורה ווערט דערוואָרבן נאָר דורך לערנען צוזאַמען אין גרופּן.

6 מען איז נישט מבטל פון לערנען קליינע שול־קינדער אפילו צו העלפן בויען דעם בית המקדש.

7 ווייל איז דעם תלמיד, וואָס דער לערער גיט אים צו אַז ער איז גערעכט.

8 אין אַלעמען איז זיך אַ מענטש מתקנא, נאָר קיינמאָל נישט אין זיין זון און אין זיין תלמיד.

9 האַלט טייער די קינדער פון די אָרעמעלייט, ווייל פון זיי קומט אַרויס די תורה.

10 האַלט טייער די קינדער פון עמי־הארצים, ווייל פון זיי קומט אַרויס די תורה.

11 ווער עס לערנט פון עמעצן איין פּרק, איין הלכה, איין פּסוק, אָדער אפילו איין אות, דאַרף ער אים אָפּגעבן כבוד.

12 ווער עס איז חושד (אין שלעכטס) זיין לערער, איז ווי ער וואָלט חושד געווען די שכינה.

13 ווער עס קריגט זיך מיט זיין לערער, איז ווי ער וואָלט זיך געקריגט מיט דער שכינה.

14 אַ סך האָב איך געלערנט ביי מיינע לערער, נאָך מער — ביי מיינע חברים און מער פון אַלע — ביי מיינע תלמידים.

15 חנוך לנער על פי דרכו. (משלי כב, 6)

16 זרוק מרה בתלמידים. (כתובות קג)

17 כשעומד רבי במסכת זו לא תשאלנו במסכת אחרת. (לפי שבת)

18 כל הלומד תורה מרב אחד אינו רואה סימן ברכה לעולם. (עבודה זרה יט)

19 כל הכועס... משכח תלמודו ומוסיף טפשות. (נדרים כב)

20 כל עיר שאין בה תינוקות של בית רבן מחרימים אותה. (שבת קיט)

21 לא הביישן למד ולא הקפדן מלמד. (אבות ב, ה)

22 לעולם ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה. (פסחים ג)

23 מכל מלמדי השכלתי. (תהלים קיט, 99)

24 מתוך שאתה מלמד, אתה לומד. (שוחר טוב יא)

25 עשה לך רב וקנה לך חבר. (אבות א, ו)

26 תלמידו של אדם נקרא בנו. (ויקרא רבה יא)

27 כשם שהתלמידים קרוים בנים, כך הרב קרוי אב. (ספרי, ואתחנן)

28 תלמידו של אדם חביב עליו כבנו. (ירושלמי ברכות פ"ב)

29 אשרי אדם שקנה תורה מנעוריו. (מדרש משלי פ"ה)

30 ברזל זה אחד מחדד את חברו. (תענית ז)

31 דברי תורה אין מתקיימין ביחידי. (תענית ז)

32 אין סכין מתחדדת אלא בירך של חברתה. (בראשית רבה סט)

15 דערצי דעם יוגנטלעכן אויף זיין שטייגער.

16 פיר איין אַ דיסציפּלין ביי די תלמידים.

17 אויב דער לערער לערנט אַ געוויסע מסכתא (טראַקטאַט), זאָלסטו אים נישט פרעגן פון אַן אַנדערער.

18 ווער עס לערנט תורה נאָר פון איין און איינציקן לערער, דער זעט נישט קיין ברכה אין לערנען.

19 ווער עס כעסט זיך, דער פאַרגעסט דאָס לערנען און באַגייט נאַריש־קייטן.

20 מען טאָר נישט וווינען אין אַ שטאָט, אין וועלכער עס איז נישטאָ קיין שול צו לערנען קליינע קינדער.

21 דער שעמעוודיקער קאָן נישט לערנען און דער כעסן קאָן קיין לערער נישט זיין.

22 די דערקלערונגען פונעם לערער דאַרפן תמיד זיין קורץ געפאַסט.

23 פון אַלע מיינע לערער בין איך פאַרשטענדיקער (ווערט באַנוצט אויך אין זין: פון אַלע מיינע לערער האָב איך געלערנט חכמה).

24 ווען דו לערנסט יענעם, לערנסטו אויך אַליין.

25 זוך זיך אויס אַ לערער און שאַף זיך איין אַ חבר.

26 אַ תלמיד ווערט פאַררעכנט ווי אַן אייגענער זון.

27 ווי תלמידים ווערן אָנגערופן זין, אַזוי ווערט אויך דער לערער אָנגע־רופן פאָטער.

28 אַ תלמיד איז באַליבט ווי אַ זון.

29 וווּיל איז דעם, וואָס האָט געלערנט תורה אין דער יוגנט.

30 איין אייזן שאַרפט דאָס אַנדערע. געמיינט: תלמידים לערנען זיך איינער פון אַנדערן.

31 תורה האַלט זיך נישט לאַנג ביי דעם, וואָס לערנט אָפּגעזונדערט.

32 איין מעסער שאַרפט דעם אַנדערן (איין תלמיד שאַרפט דעם אַנדערן).

33 ברזל בברזל יחד ואיש יחד פני רעהו. (משלי כז, 17)

34 ברזל כל זמן שהוא בתוך האור עושים ממנו כל כלים שירצו. (אבות דרבי נתן טז)

35 הזמן הוא המלמד היותר נשגב ומחכים. (ר׳ משה אבן עזרא)

36 אל יהא המשל קל בעיניך, שעל־ידי המשל אדם עומד על דברי תורה. (מדרש שיר השירים)

37 אם אין תלמידים אין חכמים. (בראשית רבה מב)

38 אם ראית תלמיד שלימודו קשה עליו כברזל, בשביל משנתו שאינה סדורה לו. (תענית ח)

39 אם ראית תלמיד שלימודו קשה עליו כברזל, בשביל רבו שאינו מסביר לו פנים. (תענית ח)

40 מהיר לשמוע ומהיר לאבד יצא שכרו בהפסדו. (אבות ה)

41 קשה לשמוע וקשה לאבד יצא הפסדו בשכרו. (אבות ה)

42 דברי תורה אין מתקיימין אלא במי שדעתו שפלה. (תענית ז)

43 תורה מניחה את מי שדעתו גבוהה עליו ומדבקת במי שדעתו נמוכה עליו. (מדרש חזית א)

44 יהיו דברי תורה מסודרים בתוך פיך, שאם ישאל לך אדם דבר אל תגמגם ותאמר לו. (ספרי, ואתחנן)

45 יהי כבוד תלמידך חביב עליך כשלך. (אבות ב, ד)

46 שבשתא כיון דעל על. (פסחים קיב)
(שיבוש כיון שנכנס — נכנס)

47 לפום חורפא שבשתא. (בבא מציעא צו)
(לפי החריפות הטעות)

33 אייזן שלייפט מען מיט אייזן, איין מענטש שלייפט דעם שכל פון דעם אַנדערן.

34 כל זמן דאָס אייזן געפינט זיך אין פייער, קאָן מען פון אים מאַכן יעטוועדע כלי. געמיינט: כל זמן דאָס קינד איז אין שול, קאָן מען עס דערציִען אין דער געוווּנטשענער ריכטונג.

35 די צייט לערנט און מאַכט קלוג דעם מענטשן.

36 זאָל דער משל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן, ווייל אַדאַנק דעם משל פאַרשטייט מען בעסער די דברי תורה.

37 אַז עס זענען נישטאָ קיין תלמידים וועלן אויך קיין חכמים נישט זיין.

38 אויב דו זעסט אַ תלמיד, וואָס דאָס לערנען קומט אים אָן שווער ווי אייזן, איז דאָס דערפאַר, ווייל ער לערנט נישט לויט אַ סדר.

39 אויב דו זעסט אַ תלמיד, וואָס דאָס לערנען קומט אים אָן שווער ווי אייזן, זאָלסטו וויסן, אַז די סיבה איז וואָס זיין לערער איז צו אים נישט פריינטלעך.

40 ווער עס פאַרנעמט דאָס לערנען געשווינד און פאַרגעסט באַלד, ביי דעם איז דער שאָדן גרעסער פונעם שכר.

41 ווער עס פאַרנעמט דאָס לערנען שווער און פאַרגעסט נישט געשווינד, ביי דעם איז דער שכר גרעסער פונעם שאָדן.

42 תורה האַלט זיך נאָר ביי דעם, וואָס איז ביי זיך קליין.

43 תורה דערווייטערט זיך פונעם בעל־גאווה און האַלט זיך נאָר ביים עניו.

44 זאָל דאָס לערנען זיין ביי דיר איינגעסדרט, אַז מען וועט דיך עפּעס פרעגן זאָלסטו נישט שטאַמלען, נאָר ענטפערן קלאָר.

45 דער כבוד פון דיין תלמיד זאָל ביי דיר זיין ליב ווי דיין אייגענער.

46 אַ טעות וואָס האַלט אָן אַ געוויסע צייט איז שוין שווער אויסצוּוואָרצלען.

47 וואָס מער חריף אַ מענטש איז, אַלץ מער איז ער זיך טועה.

48 **מספר ילדים הראויים למורה אחד עשרים וחמשה, ואם יש חמשים ממנים שני מורים.** (לפי בבא בתרא כא)

49 **יותר מלימודך עשה.** (אבות ג, ה)

50 **לא המדרש עיקר אלא המעשה.** (אבות א, יז)

51 **גדולה שימושה של תורה יותר מלימודה.** (ברכות ז)

52 **הלומד שלא לעשות, נוח לו שלא נברא.** (ירושלמי שבת א)

53 **העוסק בתורה בלבד, דומה כמי שאין לו אלוה.** (עבודה זרה יז)

48 די צאָל קינדער פּאָר איין לערער איז פינף און צוואַנציק, אויב עס איז פאַראַן פופציק קינדער, באַשטימט מען צוויי לערער.

49 מער ווי דו לערנסט טו גוטע מעשים.

50 נישט דאָס לערנען תורה איז דער עיקר, נאָר דאָס טון גוטע מעשים.

51 דאָס באַנוצן זיך מיט דער תורה אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז מער חשוב ווי דאָס לערנען.

52 ווער עס לערנט תורה בלויז לשם קענען און נישט כדי צו טון גוטע מעשים, וואָלט גלייכער געווען, ווען ער וואָלט נישט געבוירן געוואָרן.

53 ווער עס פאַרנעמט זיך בלויז מיט לערנען תורה (און טוט נישט קיין מעשים טובים), איז גליך ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין גאָט.

מזל וגורל

1 **משנה מקום — משנה מזל.** (בבא מציעא עה)

2 **יש מזל לכל עיר ועיר.** (א. אבן־עזרא)

3 **חיי, בני ומזוני לא בזכותא תליא מילתא, אלא במזלא תליא מילתא.** (מועד קטן כח)
(**חיים, בנים ומזונות אינם תלויים בזכות אלא במזל**)

4 **דבר מנוסה הוא, כי יש לכל עם ועם כוכב ידוע ומזל.** (א. אבן־עזרא, דברים)

5 **בנפול מזל האדם הוא דומה לישן, ובהתעורר המזל להיטיב לו דומה למקיץ.** (א. אבן־עזרא, תהלים)

6 **אם אין מזל לאדם — שוא כל חכמתו.** (פתגם סופרים)

7 **מזל מחכים, מזל מעשיר.** (שבת קנו)

8 **מי שיהיה במזל טוב, לא יזיקהו שטותו.** (נועם המידות)

9 **הכול תלוי במזל אפילו ספר־תורה שבהיכל.** (זוהר, נשא)

10 **זכה — נעשה ראש, לא זכה — נעשה רש.** (יומא עו)

11 **אנו יוצרים את עתידנו וקוראים לכך גורל.** (בנימין ד׳ישראלי)

12 **האדם איננו יציר הנסיבות, הנסיבות הן יצירי האדם.** (בנימין ד׳ישראלי)

13 **המזל שולט בחיי האדם.** (פתגם סופרים)

14 **בחיק יוטל את הגורל, ומה׳ כל משפטו.** (משלי טז, 33)

15 **תקיף הגורל, ורב ועצום שלטונו.** (ספר הרמזים)

מזל און גורל

1 געביטן דאָס אָרט — געביטן דאָס מזל.

2 יעטוועדע שטאָט האָט איר מזל.

3 לעבן, קינדער און פּרנסה הענגען נישט אָפּ פון זכות, נאָר פון מזל.

4 עס איז אַן אויסגעפּרוווטע זאַך, אַז יעדעס פאָלק האָט זיין שטערן און מזל.

5 פאַלט דאָס מזל, איז דער מענטש ווי איינגעשלאָפן, דערוועקט זיך דאָס מזל, דערוואַכט דער מענטש.

6 אויב אַ מענטש האָט נישט קיין מזל איז אומזיסט זיין גאַנצע חכמה.

7 מזל מאַכט קלוג, מזל מאַכט רייך.

8 ווער עס האָט מזל, דעם שאַדט נישט זיין נאַרישקייט.

9 אַלץ הענגט אָפּ פון מזל, אַפילו אַ ספר־תורה אין היכל (דאַרף האָבן מזל).

10 האָט ער זוכה געווען — איז ער געוואָרן אַ ראש, האָט ער נישט זוכה געווען, איז ער געוואָרן אַן אָרעמאַן (וואָרטשפּיל: ראש—רש).

11 מיר אַליין שאַפן אונדזער צוקונפט און רופן עס גורל.

12 דער מענטש איז נישט קיין פּראָדוקט פון די סיבות, נאָר די סיבות זענען פּראָדוקטן פונעם מענטש.

13 מזל געוועלטיקט אין לעבן פון מענטש.

14 אין שויס וואַרפט מען דעם גורל, אָבער פון גאָט איז דער משפט.

15 אַ תקיף איז דער גורל, גרויס און שטאַרק איז זיין געוועלטיקונג.

מחשבה

1 **מי שהוא מצניע לכת, מחשבותיו צלולות.** (ר׳ נחמן מברסלב)

2 **הכול הולך אחר המחשבה.** (י. אייבשיץ)

3 **המחשבה הרעה היא טומאת הלב.** (בחיי)

4 **המחשבה היא ראי לאדם: היא מראה אותו את הכיעור והיופי שבו.** (מ. אבן־עזרא)

5 **אכילה ושתיה מטרידות את המחשבה.** (ר׳ נחמן מברסלב)

6 **המחשבה נקראה עלמא (עולם) דחרות.** (דב בר ממזריטש)

7 **המחשבה המתונה תהיה חביבה עליך מן המהירה.** (מ. אבן־עזרא)

8 **המחשבה הגדולה היא בבחינת שירה של מוח.** (ד. שמעוני)

9 **רבות מחשבות בלב איש ועצת ה׳ היא תקום.** (משלי יט, 21)

10 **הרהורי עבירה קשים מעבירה.** (יומא כט)

11 **קצר בדבור והארך במחשבה.** (פתגם סופרים)

12 **הניסיון הוא בן המחשבה, והמחשבה — בת הפעולה.** (בנימין ד׳ישראלי)

13 **מחשבותיו של אדם עסוקות בעתיד ובעבר, לעתים רחוקות אנו נותנים את דעתנו להווה.** (פתגם סופרים)

14 **הצעירים בלתי־אנוכיים הם במחשבתם ובהרגשתם.** (היינריך היינה)

מחשבה

1 ווער עס לעבט באַשיידן, האָט קלאָרע מחשבות.

2 אַלץ גייט נאָך דער מחשבה.

3 אַ שלעכטע מחשבה מאַכט טמא דאָס האַרץ.

4 מחשבה איז פאַרן מענטשן אַ שפּיגל: זי ווייזט אים די מיאוסקייט און שיינקייט, וואָס ער פאַרמאָגט.

5 (אַ סך) עסן און טרינקען מאַכן מיד די מחשבה.

6 די מחשבה ווערט אָנגערופן: וועלט פון פרייהייט.

7 די פאָמעלעכע (געלאַסענע) מחשבה זאָל דיר זיין ליבער פון דער געשווינדער.

8 אַ גרויסע מחשבה איז בבחינת פּאָעזיע פונעם מוח.

9 אַ סך מחשבות זענען אין מענטשנס האַרצן, אָבער גאָטס באַראָט ווער באַשטיין.

10 דאָס טראַכטן צו טון אַן עבירה איז ערגער ווי די עבירה.

11 פאַרקירץ דאָס רעדן און פאַרלענגער די מחשבה (רעד ווייניק און טראַכט אַ סך).

12 דער עקספּערימענט איז דער זון פון דער מחשבה, און די מחשבה איז די טאָכטער פון דער פעולה (טאַט).

13 די מחשבות פון אַ מענטש זענען פאַרנומען מיט דער צוקונפט און מיט דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר זעלטן טראַכטן מיר וועגן דער קעגנוואַרט.

14 יונגע מענטשן זענען נישט קיין עגאָיסטן אין זייער מחשבה און אין זייער געפיל.

מידות

1 **תיקון המידות הוא ביפוי הנפש וכוחותיה.** (רמבם)

2 **נעימות המידות — אור הנפש.** (פתגמים של חכמים)

3 **חכמת המידות היא כמו סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה.** (א. אבן־עזרא)

4 **טהרת המידות היא הקשר, המקשר את האדם לקונהו והאדם לאדם.** (פתגמים של חכמים)

5 **אין חבר טוב כנועם המידות.** (ספר המפואר)

6 **הדעת היא קיום המידות וחיותן.** (תניא)

7 **אין זו מידה טובה שתִמנע מהזיק, אבל מידה טובה היא שתסבול הנזק.** (מבחר הפנינים)

8 **צריך אדם לשמור את שווי המשקל בכל מידותיו.** (פתגמים של חכמים)

9 **בכל המידות יש טוב ורע מעורב וצריכין בירור, היטב הדק, להפריד הטוב מן הרע שבהן.** (י. עמדין)

10 **כל המעביר על מידותיו, מעבירין לו כל פשעיו.** (יומא כג)

11 **כל המידות הטובות בכלל חסד ואמת.** (י. גירונדי)

12 **כל מידות האדם, אשר תראה בו בימי הבחרות והזקנה, היו בימי הילדות והשחרות.** (ארחות צדיקים)

13 **המטרה שאליה צריך כל האדם לקלוע היא לתקן את מידות נפשו ואחר־כך לתקן את מידות זולתו.** (מ. אבן־עזרא)

14 **קנין המידות המעולות היא מדריך אל השלימות האנושית.** (מורה נבוכים)

מידות

1 פאַרבעסערונג פון מידות איז אַ היילונג פאַר דער נשמה און אירע כוחות.

2 אָנגענעמלעכקייט פון מידות איז ליכט פאַר דער נשמה.

3 די חכמה פון מידות איז ווי אַ לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און זיין שפּיץ דערגרייכט צום הימל.

4 די ריינקייט פון מידות איז אַ בונד, וואָס בינדט דעם מענטש צו זיין באַשעפער און איין מענטש צום צווייטן.

5 נישטאָ קיין בעסערער חבר ווי אָנגענעמע מידות.

6 וויסן איז דער קיום פון מידות און זייער לעבנס־פעיקייט.

7 אַ גוטע מידה איז נישט בלויז אַז דו זאָלסט זיך אָפּהאַלטן פון טון יענעם אַ שאָדן, נאָר אַז דו זאָלסט פאַרטראָגן דעם שאָדן, וואָס מען טוט דיר.

8 אַ מענטש דאַרף אָפּהיטן דעם גלייכגעוויכט אין אַלע זיינע מידות.

9 אין אַלע מידות זענען גוטס און שלעכטס צונויפגעמישט. עס נויטיקט זיך אַ גוטער און קלאָרער פונאַנדערקלייב, כדי אָפּצוטיילן דאָס גוטס פונעם שלעכטס אין זיי.

10 ווער עס איז נאָכגיביק, דעם פאַרגיט מען זיינע זינד.

11 אַלע גוטע מידות גייען אַריין אין כלל פון חסד און אמת.

12 אַלע מידות, וועלכע דו זעסט ביים מענטש אין זיין יוגנט און אויף דער עלטער, זענען שוין געווען ביי אים אין זיין קינדהייט און נאָך פריער.

13 דער ציל, צו וועלכן יעדער מענטש דאַרף שטרעבן, איז אויסצובעסערן זיינע אייגענע מידות און דערנאָך — דעם אַנדערנס.

14 דעראָבערונג פון גוטע מידות פירט צו מענטשלעכער שלימות.

15 אל תתחבר לאיש שמידותיו משחתות: הוא ישחית את מידותיך קודם שתחזירהו למוטב. (מ. אבן־עזרא)

16 ארבע מידות באדם: האומר: שלי — שלי ושלך — שלך זו מידה בינונית, ויש אומרים: זו מידת סדום; שלי שלך, ושלך שלי — עם הארץ; שלי שלך ושלך שלך — חסיד; שלך שלי ושלי שלי — רשע. (אבות פרק ה)

17 ארבע מידות בדעות: נוח לכעוס ונוח לרצות — יצא הפסדו בשכרו; קשה לכעוס וקשה לרצות — יצא שכרו בהפסדו; קשה לכעוס ונוח לרצות — חסיד; נוח לכעוס וקשה לרצות — רשע. (אבות פרק ה)

18 ארבע מידות בתלמידים: מהיר לשמוע ומהיר לאבד — יצא שכרו בהפסדו, קשה לשמוע וקשה לאבד — יצא הפסדו בשכרו, מהיר לשמוע וקשה לאבד — זה חלק טוב, קשה לשמוע ומהיר לאבד — זה חלק רע. (אבות פרק ה)

19 ארבע מידות בנותני צדקה: הרוצה שיתן ולא יתנו אחרים — עינו רעה בשל אחרים, יתנו אחרים והוא לא יתן — עינו רעה בשלו, יתן ויתנו אחרים — חסיד, לא יתן ולא יתנו אחרים — רשע. (אבות פרק ה)

15 זאַלסט זיך נישט חברן מיט אַ מענטש, וואָס זיינע מידות זענען פאַרדאָרבן: ער וועט באַווייזן צו פאַרדאַרבן דיינע מידות, איידער דו וועסט אים אומקערן צום גוטן.

16 פיר מידות אין מענטשן: דער וואָס זאָגט: „מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס" — איז אַ מיטעלע מידה, אַנדערע האַלטן אַז דאָס איז מידת־סדום; „מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס" — איז אַן עם־הארץ; „מיינס איז דיינס און דיינס איז דיינס" — איז אַ חסיד; דיינס איז מיינס און מיינס איז מיינס" — איז אַ רשע.

17 פיר מידות אין כאַראַקטער (פון דעם מענטש): גרינג אין כעס ווערן און גרינג צו איבערבעטן זיך — דעקט זיך דער שאָדן מיטן שכר; שווער אין כעס צו ווערן און שווער צו איבערבעטן זיך — דעקט זיך דער שכר מיטן שאָדן; שווער אין כעס צו ווערן און גרינג צום איבערבעטן זיך — איז אַ חסיד; גרינג אין כעס צו ווערן און שווער צו איבערבעטן זיך — איז אַ רשע.

18 פיר מידות ביי תלמידים: איז גיך תופס און פאַרלירט גיך — דעקט זיך דער שכר מיטן שאָדן; פאַרנעמט שווער און פאַרלירט שווער — דעקט זיך דער שאָדן מיטן שכר; פאַרנעמט גיך און פאַרלירט שווער — דאָס איז אַ גוטער חלק; פאַרנעמט שווער און פאַרלירט גיך — דאָס איז אַ שלעכטער חלק (אייגנשאַפט).

19 פיר מידות ביי צדקה־געבער. ער וויל אַליין געבן און אַנדערע זאָלן נישט געבן — האָט ער אַ שלעכט אויג פאַר אַנדערע; אַנדערע זאָלן געבן און ער זאָל נישט געבן — האָט ער אַ שלעכט אויג פאַר זיך; ער זאָל געבן און אויך אַנדערע זאָלן געבן — איז ער אַ חסיד; ער זאָל נישט געבן און אויך אַנדערע זאָלן נישט געבן — איז ער אַ רשע.

מים

1 ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה. (ישעיה יב, 3)

2 כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא. (קוהלת א, 7)

3 גדול יום הגשמים מתחיית המתים. (תענית ז)

4 גדול יום הגשמים שאפילו פרוטה שבכיס מתברכת בו. (תענית ח)

5 גדול יום הגשמיב כיום שנבראו בו שמים וארץ. (תענית ז)

6 גדול יום הגשמים כיום שנתנה בו תורה. (תענית ז)

7 גדול יום הגשמים כיום קיבוץ גלויות. (תענית ח)

8 גדולה ירידת גשמים ממתן תורה, שמתן תורה לישראל וירידת גשמים לכל העולם. מדרש תהלים פ״קיז)

9 גשמים בין לצדיקים בין לרשעים. (תענית ב)

10 גשמים היינו פרנסה. (תענית ב)

11 כשישראל זוכים, הגשמים יורדים על הצמחים ועל האילנות והעולם מתברך. (תענית)

12 עננים חשכים — מימיהם מרובים, עננים בהירים — מימיהם מועטים. (לפי תענית י׳)

13 בשעה שהמטר יורד הוא עושה פנים לאדמה. (בראשית רבה יג)

14 נהרא נהרא ופשטיה. (חולין יח)
(נהר נהר וזרמו)

15 כל הנהרות כשהם מהלכים על הארץ הם טובים וברוכים ומתוקים ויש מהם הנאה לעולם. (פרקי דרבי אליעזר ט)

16 נכנסו [הנהרות] לים הם רעים, מאררים ומרורים ואין בהם הנאה לעולם. (פרקי דרבי אליעזר ט)

17 שלג להרים, גשמי גבורה לאילנות, גשמי נחת לפירות, ערפל אפילו לגרעין שתחת העפר יפה לו. (תענית ג־ד)

וואַסער

1 איר וועט שעפּן מיט שמחה וואַסער פון די הילפסקוואַלן.

2 אַלע טייכן שטראָמען צום ים און דער ים ווערט נישט פול.

3 רעגן איז וויכטיקער פאַר דער וועלט פון תחיית המתים.

4 אַז עס פאַלט רעגן ווערט אפילו די פּרוטה אין טאַש געבענטשט.

5 רעגן איז אַזוי וויכטיק פאַר דער וועלט, ווי דער טאָג, אין וועלכן עס זענען באַשאַפן געוואָרן הימל און ערד.

6 דער רעגן־טאָג איז אַזוי חשוב ווי דער טאָג פון מתן־תורה.

7 דער רעגן־טאָג איז אַזוי חשוב ווי דער טאָג פון קבוץ־גלויות.

8 דאָס פאַלן רעגן איז וויכטיקער פון מתן־תורה, ווייל מתן־תורה איז געווען נאָר פאַר יידן און רעגן איז פאַר דער גאַנצער וועלט.

9 רעגנס פאַלן סיי פאַר צדיקים און סיי פאַר רשעים.

10 רעגנס ברענגען פּרנסה.

11 אַז יידן זענען ווערט, פאַלן רעגנס אויף צמחים, אויף ביימער, און די וועלט ווערט געבענטשט.

12 טונקעלע וואָלקנס האָבן אַ סך וואַסער, העלערע וואָלקנס — ווייניק וואַסער.

13 ווען אַ רעגן פאַלט, פאַרמירט ער דעם פּנים פון דער ערד.

14 יעדער טייך האָט זיין שטראָם.

15 ווען די טייכן פליסן איבער דער ערד איז זייער וואַסער גוט, געבענטשט און זיס און ברענגט נוצן דער וועלט.

16 פאַלן די טייכן אַריין אין ים, ווערט זייער וואַסער שלעכט, ביטער און ברענגט נישט קיין נוצן דער וועלט.

17 שניי פאַר בערג, שטאַרקע רעגנס פאַר ביימער, שטילע רעגנס פאַר פּירות; נעפּל איז גוט אַפילו פאַר די קערנער אין דער ערד.

18 שלשה דברים שקולים זה כנגד זה ואלו הם: ארץ ואדם ומטר, ושלשתם משלש אותיות, ללמדך, שאם אין ארץ אין מטר ואם אין מטר אין ארץ, ואם אין שניהם אין אדם. (בראשית רבה יג)

19 הים נוטל בשפע ונותן בשפע. (על־פי ויקרא רבה ד)

18 דריי זאַכן זענען פון גלייכער וואָגיקייט: **ארץ** (ערד), **אדם** (מענטש), **מטר** רעגן). יעדער נאָמען פון זיי באַשטייט פון דריי אותיות. זאָלסט וויסן, אַז אָן ערד איז נישטאָ קיין רעגן, אָן רעגן האָט ווידער די ערד נישט קיין קיום, און אָן זיי ביידע קאָן דער מענטש נישט לעבן.

19 דער ים נעמט אַ סך און גיט אַ סך.

מלאכה ועבודה

1 **אדם לעמל יולד.** (איוב ה׳, 7)

2 **הזורעים בדמעה, ברינה יקצורו.** (תהלים קכו, 5)

3 **הלוך ילך ובכה נושא משך הזרע, בוא־יבוא ברינה נושא אלומותיו.** (תהלים קכו, 6)

4 **יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך.** (תהלים קכח, 2)

5 **עובד אדמתו, ישבע לחם.** (משלי יב, 11)

6 **מתוקה שנת העובד.** (קוהלת ה, 11)

7 **נוצר תאנה, יאכל פריה.** (משלי כז, 18)

8 **אהב את המלאכה ושנא את הרבנות.** (אבות א׳, י׳)

9 **אין הברכה שורה אלא במעשי ידיו של אדם.** (תוספתא ברכות)

10 **אין עניות מן האומנות.** (קידושין פב)

11 **אם אין אדם חורש בימות החמה, מה יאכל בימות הגשמים?** (מדרש משלי)

12 **אף אדם הראשון לא טעם כלום עד שעשה מלאכה.** (אבות דרבי נתן פי״א)

13 **גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא שמים.** (ברכות ח)

14 **היום קצר והמלאכה מרובה.** (אבות ב, כ)

15 **חביבה היא המלאכה מזכות אבות.** (בראשית רבה עד)

16 **אדם רוצה בקב שלו מתשעה קבים של חברו.** (בבא מציעא לח)

17 **גדולה מלאכה שמכבדת את בעליה.** (נדרים מט)

18 **ריבוי מלאכות — מיעוט ברכות.** (פתגם עממי)

מלאכה און אַרבעט

1 אַ מענטש איז צו אַרבעט געבוירן.

2 די וואָס זייען מיט טרערן, וועלן שניידן מיט געזאַנג.

3 עס גייט און וויינט, דער וואָס טראָגט דעם אויסשיט פון זריעה, אָבער טראָגן מיט געזאַנג וועט ער די תבואה־גאַרבן.

4 אַז דו עסט די מי פון דיינע הענט, ווויל און גוט איז צו דיר.

5 ווער עס באַאַרבעט זיין ערד, דער עסט ברויט צו דער זעט.

6 זיס איז דער שלאָף פון דעם וואָס אַרבעט.

7 ווער עס היט דעם פייגנבוים, וועט עסן זיין פרוכט.

8 האָב ליב מלאכה און האָב פיינט רבנות (הערשאַפט).

9 די ברכה רוט נאָר אויף די אַרבעט פון מענטשן.

10 מלאכה ווייס נישט פון קיין אָרעמקייט.

11 אויב דער מענטש אַקערט נישט זומער, וואָס וועט ער עסן ווינטער?

12 אויך אדם הראשון האָט נישט פאַרזוכט קיין שפייז ביז ער האָט נישט געאַרבעט.

13 ווער עס לעבט פון זיין אַרבעט, איז גרעסער פונעם גאָטספאָרכטיקן.

14 דער טאָג איז קורץ און די אַרבעט — אַ סך.

15 מלאכה איז ליבער פון זכות־אבות.

16 אַ מענטש וויל בעסער איין מעסטל שפייז פון אייגענער מי, איידער געשענקטע פון יענעם ניין מעסטלעך.

17 מלאכה איז אַ חשובע זאַך, זי פאַרשאַפט כבוד דעם מענטשן.

18 אַ סך מלאכות — ווייניק ברכות.

19 כשם שחייב אדם ללמד את בנו תורה, כך חייב ללמדו אומנות. (קידושין ל)

20 כל שאינו מלמד את בנו אומנות כאילו מלמדו לסטות. (קידושין כט)

21 כל שאין בידו אומנות למה הוא דומה? — לכרם שאין מוקף גדר. (תוספתא קידושין כט)

22 „ובחרת בחיים" — זו אומנות. (קידושין ל)

23 צריך אדם לעמול ולעשות בשתי ידיו, והקב"ה שולח את ברכתו. (תנחומא, ויצא)

24 קנה לך אומנות עם התורה. (קוהלת רבה ט)

25 שב שני הווא כפנא ואבבא דאומנא לא חלף. (סנהדרין כט)
(שבע שנים היה רעב ועל פתח האומן לא עבר)

26 אי אגרא לא פגרא ואי פגרא לא אגרא. (בבא מציעא סט)
(אם שכר — אין בטלה, ואם בטלה — אין שכר)

27 כל נגר שאין בידו ארגליא (כלי אומנותו) שלו אינו נגר. (שמות רבה א)

19 אַזוי ווי אַ פֿאָטער איז מחויב צו לערנען זיין זון תּורה, אַזוי איז ער מחויב אים צו לערנען אַ פֿאַך.

20 ווער עס לערנט נישט זיין זון קיין פֿאַך, איז ווי ער וואָלט אים געלערנט צו זיין אַ רויבער.

21 ווער עס האָט נישט קיין פֿאַך איז גלייך צו אַ וויינגאָרטן, וואָס פֿאַרמאָגט נישט קיין צוים.

22 „קלייב אויס דאָס לעבן״ — דאָס מיינט, לערן זיך אַ פֿאַך.

23 אַ מענטש דאַרף אַרבעטן מיט ביידע הענט און גאָט וועט אים שיקן זיין ברכה.

24 דערוועגרב זיך אַ פֿאַך צוגלייך מיטן לערנען תּורה.

25 זיבן יאָר איז געווען אַ הונגער און איבערן שוועל פֿון בעל־מלאכה איז ער נישט איבערגעטרעטן.

26 פֿאַר ליידיקגייערייַ צאָלט מען נישט.

27 אַ סטאָליער אָן אַרבעטס־כּלים איז קיין סטאָליער נישט.

מלחמה

1 **בנפול אויבך אל תשמח.** (משלי כד, 17)

2 **המלחמה צודקת בעיני אלה הזקוקים לה למטרותיהם.** (פתגם סופרים)

3 **פחד מלחמה גרוע ממלחמה.** (פתגם סופרים)

4 **מעולם לא היתה מלחמה טובה או שלום רע.** (פתגם עממי)

5 **המלחמה — משתה המות.** (פתגם עממי)

6 **אל יתהלל חוגר כמפתח.** (מלכים—א, כ, 11)

7 **מתוקה המלחמה לאשר לא התנסו בה.** (פתגם עממי)

8 **בתחבולות תעשה לך מלחמה, ותשועה ברוב יועץ.** (משלי כד, 6)

9 **בהיות מלחמה בארץ — אין צדק ואין משפט.** (נחלת אבות)

10 **בעולם הפירוד — שם המלחמה.** (אור תורה)

11 **כאשר יראו שני אנשים נלחמים איש ברעהו, יהיה תמיד המנצח הרע שבהם.** (מ. אבן־עזרא)

12 **לא ברוב חיל נצחון המלחמה.** (מכבים—א ג, 19)

13 **סוס מוכן ליום מלחמה ולה' התשועה.** (משלי כא, 31)

14 **אין דרכה של אשה לעשות מלחמה.** (קידושין ב)

15 **בא להרגך, השכם להרגו.** (ברכות נח)

16 **לא כל חוגר חרב רשאי לקטול.** (רמבם)

מלחמה

1 אַז דיין שונא פֿאַלט, זאָלסטו זיך נישט פֿרייען.

2 די מלחמה איז באַרעכטיקט אין די אויגן פֿון די מענטשן, וואָס נויטיקן זיך אין איר, כדי צו דערגרייכן זייערע צילן.

3 שרעק פֿאַר אַ מלחמה איז ערגער ווי די מלחמה.

4 עס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען קיין גוטע מלחמה אָדער אַ שלעכטער שלום.

5 מלחמה איז דעם טויטס אַ באַל.

6 זאָל זיך נישט רימען דער, וואָס גורט ערשט אָן (זיין שווערד צו גיין אין דער מלחמה), ווי דער, וואָס בינדט שוין אָפּ (זיין שווערד און קערט זיך צוריק פֿון שלאַכט־פֿעלד).

7 די מלחמה איז זיס פֿאַר די, וואָס זענען נאָך מיט איר נישט געפּרוּווט געוואָרן.

8 מיט איינפֿאַל וועסטו פֿירן דיין מלחמה, און הילף קומט דורך אַ סך יועצים (ראַטגעבער).

9 ווען עס ברעכט אויס אַ מלחמה אין לאַנד איז נישטאָ קיין צדק און נישט קיין געזעץ.

10 אין אַ וועלט פֿון אומאייניקייט — דאָרט איז מלחמה.

11 ווען צוויי מענטשן האַלטן מלחמה איינער קעגן צווייטן, וועט תמיד זיגן דער שלעכטער פֿון זיי.

12 נישט אין אַ סך חיילות איז דער זיג פֿון מלחמה.

13 דאָס פֿערד איז געגרייט פֿאַרן טאָג פֿון מלחמה, אָבער די ישועה איז פֿון גאָט.

14 עס איז נישט דער שטייגער פֿון אַ פֿרוי צו דערקלערן מלחמה.

15 קומט ער דיך הרגענען, הרגע אים דו פֿריער.

16 נישט יעדער וואָס גורט אָן אַ שווערד מעג הרגענען.

17 **במלחמת מצוה הכול יוצאין, אפילו חתן מחדרו, וכלה מחופתה.**
(סוטה מד)

חוקי מלחמה בתורה:

18 **מי האיש אשר בנה בית חדש ולא חנכו, ילך וישוב לביתו, פן ימות במלחמה ואיש אחר יחנכנו.** (דברים כ, 5)

19 **מי האיש אשר נטע כרם ולא חללו, ילך וישוב לביתו, פן ימות במלחמה ואיש אחר יחללנו.** (דברים כ, 6)

20 **מי האיש אשר ארש אשה ולא לקחה, ילך וישוב לביתו, פן ימות במלחמה ואיש אחר יקחנה.** (דברים כ, 7)

21 **מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו, ולא ימס את לבב אחיו כלבבו.** (דברים כ, 8)

22 **כי תקרב אל עיר להלחם עליה, וקראת אליה לשלום.** (דברים כ, 10)

23 **כי תצור אל עיר ימים רבים להלחם עליה לתפשה, לא תשחית את עצה לנדוח עליו גרזן כי ממנו תאכל ואותו לא תכרות.** (דברים כ, 19)

24 **רק עץ אשר תדע כי לא עץ מאכל הוא, אותו תשחית וכרת, ובנית מצור על העיר אשר היא עושה עמך מלחמה, עד רדתה.** (דברים כ, 20)

17 **אין אַ מלחמה־מצווה גייען אַלע, אַפילו דער חתן פון זיין צימער און די כלה פון אונטער דער חופה.**

מלחמה־געזעצן אין דער תורה:

18 **ווער (פון די מאָביליזירטע) עס האָט געבויט אַ ניי הויז און האָט עס נאָך נישט באַנייט, זאָל זיך אומקערן צו זיין היים, ווייל טאָמער פאַלט ער אין דער מלחמה און אַ צווייטער וועט עס באַנייען.**

19 **ווער עס האָט געפלאַנצט אַ ווייגאָרטן און האָט נאָך נישט אָנגעהויבן פון אים צו געניסן, זאָל זיך אומקערן צו זיין היים, ווייל טאָמער פאַלט ער אין דער מלחמה און אַ צווייטער וועט (פון גאָרטן) געניסן.**

20 **ווער עס האָט פאַרקנסט אַ ווייב און האָט זי נאָך נישט גענומען, זאָל זיך אומקערן צו זיין היים, ווייל טאָמער פאַלט ער אין דער מלחמה און אַ צווייטער מאַן וועט זי נעמען.**

21 **ווער עס איז שרעקעוודיק און ווייכהאַרציק, זאָל זיך אומקערן צו זיין היים, כדי דאָס האַרץ פון זיינע ברידער זאָל נישט צעגיין אַזוי ווי זיין האַרץ.**

22 **אַז דו ווערסט זיך דערנענטערן צו אַ שטאָט צו האַלטן מלחמה קעגן איר, זאָלסטו זי (צוערשט) רופן צו שלום.**

23 **אַז דו ווערסט באַלאַגערן אַ שטאָט אַ סך טעג צו האַלטן מיט איר מלחמה, כדי זי איינצונעמען, זאָלסטו נישט פאַרניכטן אירע ביימער דורך אויפהייבן אויף זיי אַ האַק, ווייל עסן פון זיי מעגסטו, אָבער זיי אָפּהאַקן טאָרסטו נישט.**

24 **בלויז אַ בוים וואָס דו ווייסט, אַז ער גיט נישט קיין פרוכט צום עסן, אים מעגסטו פאַרניכטן און אָפּהאַקן און בויען באַלאַגערווערק אַרום דער שטאָט, וואָס האַלט מיט דיר מלחמה ביז איר פאַלן.**

מלך ומלכות

1 **אי לך, ארץ, שמלכך נער.** (קוהלת י, 16)

2 **שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר.** (משלי כה, 3)

3 **אל תתהדר לפני מלך ובמקום גדולים אל תעמוד.** (משלי כה, 6)

4 **ברוב עם הדרת מלך.** (משלי יד, 28)

5 **מלך במשפט יעמיד ארץ.** (משלי כט, 4)

6 **מלך שופט באמת דלים — כסאו לעד יכון.** (משלי כט, 14)

7 **רצון מלכים — שפתי צדק.** (משלי טז, 13)

8 **תועבת מלכים עשות רשע, כי בצדקה יכון כסא.** (משלי טז, 12)

9 **ארי נוהם ודוב שוקק — מושל רשע על עם דל.** (משלי כח, 15)

10 **מקרב אחיך תשים עליך מלך.** (דברים יז, 15)

11 **אל תבקש להיות מושל, אם אין לך חיל להשבית זדון.** (בן־סירא)

12 **פי מלך שמור.** (קוהלת ח, 2)

13 **גם במדעך מלך אל תקלל.** (קוהלת י, 20)

14 **אין מלך בלא עם.** (ספר החיים)

15 **אל תתאווה לשולחנם של מלכים.** (אבות ו)

16 **החכם שבמלכים צריך לעצה.** (נחלת אבות)

17 **המלכים שופטי הארץ, והחכמים שופטי המלכים.** (מבחר הפנינים)

מלך און מלכות

1 ווי איז דיר, לאַנד, וואָס דיין מלך איז אַ ייִנגל.

2 ווי דעם הימל אין זיין הייכקייט, ווי די ערד אין איר טיפקייט, אַזוי איז דאָס האַרץ פון מלכים נישט צו דערפאָרשן.

3 זאָלסט זיך נישט אויסצירן פאַרן מלך און אין דעם אָרט פון די מעכ־טיקע זאָלסטו נישט שטיין.

4 אין אַ סך פאָלק איז די פּראַכט פון דעם מלך.

5 מיט גערעכטיקייט האַלט אויף אַ מלך דאָס לאַנד.

6 אַ מלך וואָס משפּט מיט אמת די אָרעמע, וועט זיין טראָן באַשטיין אויף אייביק.

7 דער רצון פון מלכים איז אויפריכטיקע ליפּן (רייד).

8 אַן אומווערדיקייט איז פאַר מלכים צו טון שלעכטס, ווייל אויף גערעכ־טיקייט באַשטייט דער טראָן.

9 ווי אַ ברומיקער לייב און ווי אַ הונגעריקער בער איז דער רשע, וואָס געוועלטיקט איבער אָרעם פאָלק.

10 כּון צווישן דיינע ברידער זאָלסטו מאַכן אַ מלך איבער דיר.

11 זאָלסט נישט וועלן זיין קיין געוועלטיקער, אויב דו האָסט נישט קיין מיליטער אויף אָפּצושטעלן דאָס רשעות (אין לאַנד).

12 היט דעם מלכס באַפעל.

13 אַפילו אין דיין געדאַנק זאָלסטו נישט שעלטן דעם מלך.

14 נישטאָ קיין מלך אָן אַ פאָלק.

15 זאָלסט נישט גלוסטן צום טיש פון מלכים.

16 דער קליגסטער פון די מלכים דאַרף האַלטן מיט ווענען אַן עצה.

17 מלכים זענען די ריכטער פון לאַנד און די חכמים זענען די ריכטער פון די מלכים.

18 **חייב אדם לחלוק כבוד למלכות.** (מכילתא, בוא)

19 **אלמלא מוראה של מלכות איש את רעהו חיים בלעו.** (אבות פרק ג)

20 **כל מלכות שאין לה יועצים, אינה מלכות.** (פרקי דרבי אליעזר ו)

21 **נמשלו המלכויות כשאול וכמוות.** (מדרש זוטא, שיר השירים)

18 אַ מענטש דאַרף אָפּגעבן כבוד דעם מלכות.

19 ווען נישט די מורא פאַרן מלכות, וואָלט איינער דעם אַנדערן איינגע־שלונגען לעבעדיקערהייט.

20 אַ מלכות וואָס האָט נישט קיין ראַטגעבער איז נישט קיין מלכות.

21 (שלעכטע) מלכותן זענען געגליכן צום קבר און טויט.

ממון ועושר

1 **הכסף יענה את הכל.** (קהלת י, 19)

2 **כסף מטהר ממזרים.** (קידושין עא)

3 **התורה חסה על ממונם של ישראל.** (יומא לט)

4 **ממונו של אדם מעמידו על רגליו.** (פסחים קיט)

5 **ממונו של אדם חביב עליו כנפשו.** (ירושלמי סנהדרין ח)

6 **שלא יהא ממונו חביב עליו מגופו.** (סנהדרין עד)

7 **אדם עשוי למשמש בכיסו בכל שעה.** (בבא קמא קיח)

8 **אף־על־פי שיש לו לאדם גזבר נאמן בתוך ביתו, יצור וימנה.** (בבא בתרא ט)

9 **אוהב כסף לא ישבע כסף.** (קוהלת ה, 9)

10 **אוהבי עשיר רבים.** (משלי יד, 20)

11 **כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול.** (בבא בתרא ט)

12 **אל תבטחו בנדיבים.** (תהלים קמו, 3)

13 **אל יתהלל עשיר בעשרו.** (ירמיהו ט, 22)

14 **הַשָּׂבָע לעשיר איננו מניח לו לישון.** (קוהלת ה, 11)

15 **חכם בעיניו איש עשיר.** (משלי כח, 11)

16 **עשיר יענה עזות.** (משלי יח, 23)

17 **עשיר בְּרָשִׁים ימשול.** (משלי כב, 7)

18 **עושר שמור לבעליו לרעתו.** (קוהלת ה, 12)

19 **אל תעמוד על המקח בשעה שאין לך דמים.** (פסחים קיב)

געלט און רייכקייט

1 געלט פֿאַרשאַפֿט אַלץ (אין סאַטירישן זין).

2 געלט איז מטהר ממזרים (געלט כשרט דעם געמיינסטן).

3 די תורה האַלט טייער יידיש געלט.

4 געלט שטעלט אַ מענטשן אויף די פֿיס.

5 געווײנלעך איז געלט ליב דעם מענטש ווי דאָס נפֿש.

6 דאָס געלט זאָל נישט זיין דעם מענטש ליבער פֿון זיין גוף.

7 די טבֿע פֿון אַ מענטשן איז צו טאַפּן זיך ביים טאַש אַלע ווײַלע.

8 אפֿילו עס איז פֿאַראַן אַן ערלעכער קאַסיר אין שטוב, דאַרף מען דאָס געלט היטן און איבערציילן.

9 ווער עס האָט ליב געלט, דער קאָן זיך קיינמאָל דערמיט נישט אָנזעטיקן.

10 אַ סך פֿריינט האָט דער גבֿיר.

11 אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה און דער חשבון ווערט גרויס.

12 איר זאָלט זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף קיין אַדלליט (עשירים).

13 זאָל זיך דער עושר נישט איבערנעמען מיט זיין עשירות.

14 פֿון איבערזעטיקייט קאָן דער גבֿיר נישט שלאָפֿן. געמיינט: רייכקייט פֿאַרשאַפֿט דאגות.

15 אַ גבֿיר האַלט זיך פֿאַר אַ חכם.

16 אַ גבֿיר ענטפֿערט מיט חוצפּה.

17 דער גבֿיר געוועלטיקט איבער די אָרעמע.

18 עשירות ברענגט אַמאָל אומגליק אויף דעם אייגנטימער.

19 זאָלסט זיך נישט דינגען אויף דער סחורה, ווען דו האָסט בכלל קיין געלט נישט כדי זי צו קויפֿן.

20 **כל שהכסף בידו, ידו על עליונה.** (בבא מציעא מד)

21 **מזל מחכים, מזל מעשיר** (שבת קנו)

22 **מי שהניח לו אביו מעות הרבה ורוצה לאבדן... ישתמש בכלי זכוכית וישכור פועלים ואל ישב עמהם.** (בבא מציעא כט)

23 **גלגל הוא שחוזר בעולם.** (שבת קנא)

24 **לא שדי אנש זוזי בכדי.** (כתובות לו)
(אין האדם משליך [מוציא] את כספו הינם)

25 **מבעלי חובך הוי נפרע סובים.** (לפי בבא קמא מו)

26 **אדם בהול על ממונו.** (שבת קיז)

27 **אם לווית — לווית על מנת לפרוע, ואם הלווית — הלווית על מנת לתבוע.** (דרך־ארץ זוטא, ג)

28 **אם ערבת — ערבת על מנת לשלם.** (דרך־ארץ זוטא, ג)

20 ווער עס האָט דאָס געלט, דער האָט די אויבערהאַנט.

21 מזל מאַכט קלוג, מזל מאַכט רייך.

22 ווער עס האָט באַקומען אַ גרויסע געלט־ירושה און וויל זי פֿאַרשווענדן, זאָל זיך באַנוצן בלויז מיט גלעזערנע כלים און דינגען אַרבעטער און נישט זיין מיט זיי ביי דער אַרבעט.

23 מזל און רייכקייט איז ווי אַ ראָד וואָס דרייט זיך איבער דער וועלט (היינט ביי דעם און מאָרגן ביים אַנדערן).

24 אַ מענטש וואַרפֿט נישט סתם אַרויס קיין געלט.

25 פֿאַר אַ חוב נעם צו אַפֿילו קלייען.

26 אַ מענטש שרעקט זיך וועגן זיין געלט.

27 ביים לייען ביי יענעם געלט האָסטו געוווּסט, אַז דו וועסט דאַרפֿן באַצאָלן דעם חוב, ביים אַנטלייען יענעם — אַז דו וועסט דאַרפֿן מאָנען

28 האָסטו ערב געווען (זשירירט) פֿאַר יענעם, דאַרפֿסטו זיין גרייט צו באַצאָלן דעם חוב.

מנהג

1 **אין משנין ממנהג המדינה.** (תוספתא כתובות ו)

2 **אל ישנה אדם ממנהג הבריות.** (דרך־ארץ זוטא ה)

3 **הכול כמנהג המדינה.** (סוכה לח)

4 **מנהג מבטל הלכה.** (ירושלמי יבמות רפי״ב)

5 **לעולם אל ישנה אדם מן המנהג.** (בבא מציעא פה)

6 **מנהג ישראל תורה.** (על פי תוספת מנחות כ)

7 **סדנא דארעא חד הוא.** (קידושין כז)
(**סדן הארץ אחד הוא**).

8 **אזלת לקרתא — הלך בנמוסה.** (בראשית רבה מח)
(**נכנסת לעיר — נהג כמנהגה**)

9 **צא וראה האיך הציבור נוהג ונהוג.** (יבמות ז)

10 **עולם כמנהגו נוהג.** (עבודה זרה נד)

11 **נהרא נהרא ופשטיה.** (חולין יח)
(**נהר נהר וזרמו**)

12 **אי חקלאה מלכא להוי, דקולא מצואריה לא נחת.** (מגילה ז)
(**אם החקלאי יעשה מלך, לא ירד הסל מצוארו**)

מנהג

1 מען פירט זיך תמיד לויט דעם אָנגענומענעם מנהג פון דער מדינה.

2 תמיד דאַרף מען זיך פירן אַזוי ווי די מענטשן אַרום אונז.

3 אַלץ גייט לויט דעם אָנגענומענעם שטייגער לעבן אין דער מדינה.

4 אַן אַלטער מנהג איז מבטל אַ דין.

5 אַ מענטש זאָל קיינמאָל נישט אָפּטרעטן פון לעבנס־שטייגער.

6 דער אָנגענומענער מנהג ביי יידן, איז ווי אַ דין פון דער תורה.

7 דער יסוד פון דער ערד איז אומעטום דער זעלביקער. געמיינט: אַ סך מנהגים זענען אומעטום די זעלביקע.

8 ביסטו געקומען אין שטאָט — פיר זיך אויף לויט אירע מנהגים.

9 גיי און זע ווי דאָס פאָלק איז זיך נוהג, און פיר זיך אויך אַזוי.

10 די וועלט פירט זיך אויף איר שטייגער.

11 יעדער טייך האָט זיין שטראָם. געמיינט: יעדעס אָרט האָט זיין באַזונדער שטייגער־לעבן.

12 אויב אַן ערדאַרבעטער וועט ווערן אַ מלך, וועט ער זיך נישט שיידן מיטן קויש (פון ירקות). געמיינט: אַ מענטש איז צוגעבונדן צו זיין שטייגער־לעבן.

מצוות ועבירות

1 משיב רעה תחת טובה לא תמוש רעה מביתו. (משלי יז, 13)

2 זורע עוולה יקצור און. (משלי כב, 8)

3 איזהו גבור? — הכובש את יצרו. (אבות ד, א)

4 מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך. (עדיות פ"ה)

5 מצווה גוררת מצווה ועבירה גוררת עבירה. (אבות ד)

6 מצווה שבאה לידך אל תחמיצנה. (מכילתא, בא)

7 מעשה אבות סימן לבנים. (סוטה לב)

8 שכר מצווה — מצווה, שכר עבירה — עבירה. (אבות ד)

9 אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות. (סוטה ג)

10 אם התחלת במצווה, הווה גומר אותה. (תנחומא עקב)

11 המתחיל במצווה אומרים לו: „גמור". (על־פי ירושלמי מגילה, כ)

12 מי שקיבל על עצמו לעשות מצווה אין אותה המצווה פוסקת ממנו. (שיר השירים רבה פז)

13 עבר אדם על מצווה קלה, סופו לעבור על מצווה חמורה. (ספרי שופטים)

14 הווה זהיר במצווה קלה כבחמורה. (אבות ב, א)

15 עבירה מטמטמת לבו של אדם. (יומא לט)

16 תחילת עבירה הרהור הלב. (דרך־ארץ זוטא ו)

מצוות און עבירות

1 ווער עס צאָלט אָפּ מיט אַ רעה פאַר אַ טובה, וועט זיך נישט אָפּטון דאָס בייז פון זיין הויז.

2 ווער עס זייט אומרעכט, וועט שניידן אומגליק.

3 ווער איז אַ גיבור? — דער וואָס נעמט איין זיין יצר־הרע.

4 דיינע גוטע מעשים וועלן דיך דערנענטערן צו מענטשן און דיינע שלעכטע מעשים וועלן דיך פון זיי דערווייטערן.

5 איין מצווה ברענגט מיט זיך נאָך איינע און איין עבירה פירט צו נאָך איינער.

6 קומט דיר אונטער צו טון אַ מצווה, זאָלסטו זי נישט פאַרנאַכלעסיקן.

7 די גוטע מעשים פון די עלטערן זענען אַ וועגווייזער פאַר זייערע קינדער.

8 דער שכר פאַר טון אַ מצווה איז די מצווה אַליין, און די שטראָף פאַר באַגיין אַן עבירה איז די עבירה גופא.

9 אַ מענטש באַגייט נישט קיין פאַרברעכן, סיידן עס ווערט אים אָפּגענומען דער שכל.

10 האָסטו אָנגעהויבן צו טון אַ מצווה, פאַרענדיק זי.

11 האָט ווער אָנגעהויבן צו טון אַ מצווה, זאָגט מען אים: „פאַרענדיק זי“.

12 ווער עס האָט איינמאָל גענומען אויף זיך צו טון אַ געוויסע מצווה, וועט זי ביי אים זיך תמיד האַלטן.

13 האָט אַ מענטש עובר געווען אויף אַ קליינער מצווה, וועט ער מיט דער צייט עובר זיין אויך אויף אַ גרויסע.

14 היט אָפּ אַ קליינע מצווה אַזוי ווי אַ גרויסע.

15 עבירה פאַרשטאָפּט (פאַרטעמפּט) דאָס האַרץ פונעם מענטש.

16 דער אָנהויב פון אַן עבירה איז דאָס טראַכטן וועגן איר.

17 **הרהורי עבירה קשים מעבירה.** (יומא כט)

18 **כיוון שבא לידו דבר עבירה פעם ראשונה ושניה ולא חטא, שוב אינו חוטא.** (יומא לח)

19 **כיוון שעבר אדם עבירה ושנה בה, נעשית לו כהיתר.** (יומא פו)

20 **כל העובר עבירה בסתר כאילו דוחק רגלי השכינה.** (חגיגה טז)

21 **אין שליח לדבר עבירה.** (בבא קמא נא)

22 **אוי לו למי שאינו יודע בין טוב לרע.** (סנהדרין קג)

23 **אשרי אדם שהוא גבוה מפשעו ולא פשעו גבוה ממנו.** (בראשית רבה כב)

24 **הווה נרתע מחטא קל, כדי שתרתע מחטא חמור.** (אבות דר׳ נתן לג)

25 **עבירות שבין אדם למקום יום הכיפורים מכפר.** (יומא פה)

26 **עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חבירו.** (יומא פה)

27 **על דאטיפת — אטיפוך, וסוף מטיפיך יטופון.** (אבות ב׳, ז)
(על שטיבעת (את אחרים) — טבעוך, וסוף מטביעיך יטבעו)

28 **במידה שאדם מודד בה, מודדין לו.** (סוטה ח)

29 **איש חייב לחנך את בניו במצוות.** (נזיר כט)

30 **בדרך שאדם רוצה לילך בה, מוליכין אותו.** (מכות י׳)

31 **כל המעשה את חברו לדבר מצווה, מעלה עליו הכתוב כאילו עשה אותה.** (לפי סנהדרין צט)

17 דאָס טראַכטן וועגן דער עבירה איז ערגער ווי די עבירה גופא.

18 אויב אַ מענטש האָט זיך אָפּגעהאַלטן צוויי מאָל פון באַגיין אַ געוויסע עבירה, וועט ער זי שוין מער קיינמאָל נישט באַגיין.

19 אויב אַ מענטש באַגייט אַן עבירה איין מאָל און נאָכאַמאָל, ווערט זי פאַר אים ווי אַ היתר.

20 ווער עס באַגייט אַן עבירה בסתר, איז גלייך ווי ער וואָלט פאַרטריבן די שכינה.

21 נישט פאַראַן קיין שליח צו אַ דבר־עבירה. געמיינט: דער וואָס באַגייט אַ פאַרברעכן ווערט באַשטראָפט, און ער קאָן זיך נישט פאַרופן אויף דעם, אַז ער איז בלויז אַ שליח.

22 וויי איז דעם, וואָס ווייס נישט אונטערצושיידן צווישן גוטס און שלעכטס.

23 ווויל איז דעם, וואָס איז העכער (און שטאַרקער) פון די זינד און שלעכט איז דעם, וואָס די פאַרברעכנס זענען העכער (און שטאַרקער) פון אים.

24 היט זיך אויס פון אַ קליינעם חטא, כדי דו זאָלסט נישט באַגיין אַ גרויסן פאַרברעכן.

25 די חטאים קעגן גאָט איז יום כיפור מכפר.

26 די חטאים וואָס מען באַגייט קעגן מענטשן איז יום כיפור נישט מכפר, איידער מען פאַרגיטיקט די געליטענע.

27 דערפאַר וואָס דו האָסט אַנדערע דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען, און די יעניקע וואָס האָבן דיך דערטרונקען וועלן האָבן דעם זעלביקן סוף. געמיינט: יעדער פאַרברעכער באַקומט זיין שטראָף.

28 אַזוי ווי אַ מענטש באַציט זיך צו אַנדערע, אַזוי באַציט מען זיך צו אים.

29 אַ מענטש דאַרף דערציען זיינע קינדער צו טון מצוות.

30 דעם לעבנסוועג, וואָס דער מענטש קלייבט זיך אויס, אויף דעם פירט מען אים פון הימל.

31 ווער עס ברענגט זיין חבר צו טון אַ דבר מצווה, איז גלייך ווי ער אַליין וואָלט עס געטון.

32 **פרקליטים של אדם: תשובה ומעשים טובים.** (שבת לב)

33 **שליחי מצווה אינם ניזוקין.** (פסחים ח)

34 **שליח מצווה דוחה את השבת.** (במדבר רבה טז)

35 **תכלית חכמה: תשובה ומעשים טובים.** (ברכות יז)

36 **תשובה ומעשים טובים כתריס בפני הפורענות.** (אבות ד׳, יא)

37 **אשרי אדם שמעשיו מרובים מחכמתו.** (תנא דב׳ אליהו רבה פ״יז)

38 **בשעת פטירתו של אדם אין מלווין אותו... אלא תורה ומעשים טובים בלבד.** (אבות ו, 6)

39 **גדולים מעשי צדיקים יותר ממעשי שמים וארץ.** (כתובות ה)

40 **האומר: אין לו אלא תורה, אפילו תורה אין לו.** (יבמות קט)

41 **הפר תורתך משום „עת לעשות לה׳״.** (לפי סוף ברכות)

42 **חביבה מצווה בשעתה.** (פסחים קה)

43 **חביבין מצוות על ישראל.** (שבת לג)

44 **כל העושה דבר עבירה ומתבייש בו, מוחלין לו על כל עוונותיו.** (ברכות יב)

45 **כל העושה דבר עבירה ומתחרט בו, מוחלין לו מיד.** (חגיגה ה)

46 **העושה מצווה אחת, קונה לו פרקליט אחד.** (אבות ד)

47 **כל העושה מצווה אחת, מטיבין לו.** (קידושין לט)

48 **עוסק במצווה פטור מן המצווה.** (סוכה כה)

49 **זריזין מקדימים למצוות.** (ראש השנה לב)

32 די פּאַרטיידיקער פון מענטש זענען: תשובה און גוטע מעשים.

33 שליחים צו אַ דבר מצווה ווערן (אין וועג) נישט געשעדיקט.

34 אַ שליח צו אַ פּאַלקס־ענין (אין אַ סכנה־צייט) מעג פּאַרשטערן שבת.

35 דער ציל פון חכמה: תשובה־טון און גוטע מעשים.

36 תשובה־טון און גוטע מעשים באַשיצן פון אומגליקן.

37 ווייל איז דעם, וואָס זיינע גוטע מעשים זענען מער פון זיין חכמה.

38 גייט אַ מענטש פון דער וועלט אַוועק, באַגלייטן אים נאָר תורה און גוטע מעשים.

39 די מעשים פון צדיקים זענען גרעסער ווי דאָס באַשאַפן הימל און ערד.

40 ווער עס זאָגט אַז פּאַר אים איז גענוג אַז ער לערנט תורה, איז אַ באַוויז, אַז אויך קיין תורה פּאַרמאָגט ער נישט.

41 פּאַרשטער באַדיי דאָס לערנען תורה, ווען מען דאַרף פּאַרטיידיקן יידישע ענינים.

42 ליב איז די מצווה אין דער ריכטיקער צייט.

43 יידן האָבן ליב מצוות.

44 ווער עס איז באַגאַנגען אַן עבירה און שעמט זיך דערמיט, איז מען אים מוחל אַלע זיינע זינד.

45 ווער עס טוט אַן עבירה און האָט דערנאָך חרטה, איז מען אים באַלד מוחל.

46 ווער עס טוט אַ מצווה, דער דערוואָרבט פּאַר זיך אַ פּאַרטיידיקער.

47 ווער עס טוט אַ מצווה, דעם טוט מען גוטס.

48 ווער עס איז עוסק אין איין מצווה איז פּטור זיך צו פּאַרנעמען (אין דער זעלביקער צייט) מיט אַן אַנדערער מצווה.

49 פּלייסיקע (שטאַרק פרומע) פּעדערן זיך צו טון מצוות.

50 **כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא.** (סנהדרין לז)

51 **כל המאבד נפש אחת מישראל כאילו איבד עולם מלא.** (סנהדרין לז)

52 **כל שרוח הבריות נוחה הימנו — רוח המקום נוחה הימנו.** (אבות ג)

53 **כל שמעשיו מרובים מחכמתו, חכמתו מתקיימת.** (אבות פ"ג, מ"ט)

54 **מונע בר יקבוהו לאום.** (משלי יא, 26)

55 **נבחר שם מעושר רב.** (משלי כב, 1)

56 **במעלליו יתנכר נער.** (משלי כ, 11)

57 **אם אין אדם עושה טוב, אל יבטח במעשה אבותיו.** (מדרש תהלים מו)

58 **אם עשית מצווה אל תבקש מתן שכרה מיד ליד.** (שמות רבה מד)

59 **אל יעשה אדם עוול אפילו לנכרי.** (ספר חסידים)

60 **כשם שאתה צריך להיות נוהג באמונה עם ישראל, כך אתה צריך להתנהג עם הנכרי.** (ספר חסידים)

61 **אפילו חשב אדם לעשות מצווה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה.** (שבת סג)

62 **מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה.** (קידושין מ)

63 **בור ששתית ממנו, אל תזרוק בו אבן.** (במדבר רבה כב)

64 **הוקשו מלוי בריבית לשופכי דמים.** (בבא מציעא סא)

65 **לא נתנו מצוות לישראל אלא לחיות בהן.** (תוספתא דשבת טז)

50 ווער עס דערהאַלט ביים לעבן איין ייד, איז גלייך ווי ער וואָלט געראַ־טעוועט אַ גאַנצע וועלט.

51 ווער עס ברענגט אום איין ייד, איז גלייך ווי ער וואָלט אומגעברענגט אַ גאַנצע וועלט.

52 פון וועמען מענטשן האָבן הנאה, פון דעם איז אויך גאָט צופרידן.

53 ביי דעם, וואָס זיינע גוטע מעשים שטייגן איבער די חכמה, האָט די חכמה אַ קיום.

54 דער וואָס האַלט זיך אָפּ צו פאַרקויפן תבואה (אין אַ הונגער־יאָר), דעם שעלט דאָס פאָלק.

55 אַ גוטער נאָמען איז בעסער פון גרויס עשירות.

56 שוין אַ ייִנגל ווערט דערקענט לויט זיינע מעשים.

57 אַ מענטש דאַרף אַליין טון גוטס און נישט זיך שטיצן בלויז אויף די מעשים פון זיינע עלטערן.

58 אויב דו האָסט געטון אַ מצווה, פאַרלאַנג נישט דעם שכר באַלד אויף דער האַנט.

59 מען טאָר נישט טון קיין עוולה אויך דעם נישט־יידן.

60 דו דאַרפסט באַגיין זיך ערלעך מיט אַ נישט־יידן, גלייך ווי מיט אַ יידן.

61 אויב איינער האָט באַשלאָסן אין האַרצן צו טון אַ געוויסע מצווה און צוליב אַ סיבה האָט ער זיין באַשלוס נישט אויסגעפירט, ווערט אים פאַררעכנט, ווי ער וואָלט די מצווה געטון.

62 אַ גוטע מחשבה פאַררעכנט גאָט ווי אַ גוטן טאָט.

63 וואַרף נישט קיין שטיין אין ברונעם, וואָס דו האָסט זיין וואַסער געטרונקען.

64 פראַצענטניקעס זענען געגליכן צו בלוטפאַרגיסער.

65 מצוות זענען געגעבן געוואָרן יידן, כדי צו פאַרבעסערן און צו פאַר־שענערן דאָס לעבן.

66 מי שבאה עבירה לידו ולא עשה אותה, מצווה גדולה עשה.
(מדרש חזית ד)

67 מרובה גזילת המת מגזילת החי, שהגוזל את החי יכול לפייסו ולהחזיר לו את הגזילה והגוזל את המת אינו יכול לפייסו ולהחזיר לו. (שמחות ט)

68 גיראה בגיריה מקטל. (פסחים כח)
(החצץ [העושה חצים] נהרג בחצו)

69 יש נאה דורש ואין נאה מקיים. (חגיגה יד)

70 יש קונה עולמו בשעה אחת. (עבודה זרה י)

71 יש בני אדם ששמותיהם נאים ומעשיהם כעורים, ויש ששמותיהם כעורים ומעשיהם נאים. (תנחומא, שמות)

66 ווער עס האַלט זיך אָפּ פון באַגיין אַן עבירה, טוט ער דערמיט אַליין אַ מצווה.

67 גזלנען ביי אַ טויטן איז ערגער ווי ביי אַ לעבעדיקן, ווייל דעם לעבעדיקן קאָן מען איבערבעטן און אים צוריקגעבן די גזילה, אָבער דעם טויטן קאָן מען נישט פאַרגיטיקן.

68 דער פיילן־מאַכער ווערט געהרגעט פון זיין אייגענער פייל.

69 פאַראַן איינער וואָס פּרעדיקט זייער שיין, אָבער ער איז נישט שיין מקיים.

70 פאַראַן אַ מענטש וואָס מיט אַ גוטן טאַט דערווערבט ער זיך אייביקייט אין איין שעה.

71 פאַראַן מענטשן, וואָס זייערע נעמען זענען שיינע (באַרימטע), אָבער זייערע מעשים זענען מיאוסע; עס זענען דאָ ווידער מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין שיינע נעמען און טוען פיינע מעשים.

משוררים, סופרים וספרים

1 **התפקיד האמיתי של המשורר האמיתי הוא לא רק לחשוף את נפשו לקוראים, כי־אם בראש וראשונה לגלות להם את נפשם הם.** (ד. שמעוני)

2 **נקל לפעמים למשורר להכריז, כי הוא בעצמו נזדקן, מאשר להודות, כי איזה שיר שלו נתישן.** (ד. שמעוני)

3 **לפעמים בית של שיר יפה יותר מבית של זהב.** (מ. אבן־עזרא)

4 **שמש אחת במרום ושיר יחיד ללב ואין שני.** (ח. נ. ביאליק)

5 **הטוב שבשירים הוא מה שדעת בני־עליה נוחה הימנה וההמון מבין אותה.** (מ. אבן־עזרא)

6 **בשירה אור וקסמים וחלומות לוקחים לב.** (ש. טשרניחובסקי)

7 **יקרה שבזכותו של בית אחד יתקיים כל השיר.** (מ. אבן־עזרא)

8 **כל האומר שירה בעולם הזה, זוכה ואומרה בעולם הבא.** (סנהדרין צא)

9 **קנאת סופרים תרבה חכמה.** (בבא בתרא כא)

10 **חכמת סופר תרבה חכמה.** (בן־סירא)

11 **עטרת סופרים עשויה מקוצים.** (אחד העם)

12 **חובת הסופר להיות פיו ולבו שווים, להגיד בפיו את אשר ירחש לבבו.** (מ. ל. ליליינבלום)

13 **אשרי הסופר שהלביש בגדים יפים לנשמות המחשבה.** (ר. בריינין)

14 **אשרי הסופר, הבורא מלים ובטויים, שהיו לקנין הרבים ושהעשיר בהם את לשון עמו.** (ר. בריינין).

דיכטער, שרייבער און ווערק

1 די אייגנטלעכע אויפגאַבע פון דעם אמתן דיכטער איז נישט נאָר אויפֿצודעקן זיין נשמה פאַר די לייענער, נאָר צום אַלעם ערשטן — צו אַנטפּלעקן פאַר זיי זייערע אייגענע נשמות.

2 עס איז אַמאָל לייכטער דעם דיכטער אויסצורופן, אַז ער אַליין האָט זיך געעלטערט, איידער מודה צו זיין, אַז וועלכעס ליד זיינס איז שוין פאַרעלטערט.

3 אַמאָל איז אַ בית (סטראָפע) פון אַ ליד שענער פון אַ גאָלדענעם בית (שטוב).

4 איין זון אין הימל — איין ליד פאַרן האַרץ און נישט קיין צווייטס.

5 דאָס בעסטע ליד איז דאָס, וואָס די פיינשמעקער זענען פון אים צופרידן און דער המון פאַרשטייט עס.

6 אין דיכטונג — ליכט, צויבער און טרוימען פאַנגען דאָס האַרץ.

7 עס געשעט, אַז אין זכות פון איין סטראָפע האַלט זיך דאָס גאַנצע געדיכט.

8 ווער עס זאָגט שירה אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין זי צו זאָגן אויף יענער וועלט.

9 קנאה פון סופרים מערט (פאַרגרעסערט) חכמה.

10 הכמה פונעם סופר מערט (פאַרגרעסערט) חכמה.

11 די קרוין פון סופרים איז געמאַכט פון דערנער.

12 דער חוב פון אַ שרייבער איז, אַז זיין מויל מיט זיין האַרץ זאָלן שטימען, ער זאָל זאָגן מיטן מויל, וואָס דאָס האַרץ טראַכט.

13 גליקלעך איז דער שרייבער, וואָס האָט אָנגעטון די נשמות פון געדאַנק אין שיינע קליידער.

14 גליקלעך איז דער שרייבער, וועלכער שאַפט ווערטער און אויסדריקן, וואָס ווערן אַ קנין פון אַ סך מענטשן און באַרייכערן זיין פאָלקס־לשון.

15 **יש משורר הקונה עולמו בלב קוראו בשיר אחד.** (י. ח. ברנר)

16 **לשון המשורר דומה לארץ, שלא תוציא פרחים, אלא אם־כן ירד המטר עליה בתחילה.** (מ. אבן־עזרא)

17 **השירה הכנה נקלטת גם במוח.** (ד. שמעוני)

18 **בני, הזהר עשות ספרים הרבה אין קץ.** (קוהלת יב, 12)

19 **ספר טוב הוא ספר המעורר בקורא את ההרגשה שהוא עצמו יכול היה לכתוב אותו.** (פתגם סופרים)

20 **ספר הוא חבר שאינו בוגד לעולם.** (פתגם סופרים)

21 **הספר הוא החבר היותר נעים.** (מ. אבן־עזרא)

22 **אם רע הספר — אין דבר בעולם שיועיל לו, אם טוב הוא — אין מלך שיוכל להשמידו.** (פתגם סופרים)

23 **בכל עת יהי ספרך בחיקך.** (רב האי גאון)

24 **הספר הוא רע המפתח את כשרונותיך, הוא נר בחושך ותענוג בגלמודך, הוא נותן ואינו לוקח.** (מ. אבן־עזרא)

25 **שמרנו אלפי שנים על הספר, והספר שמר עלינו.** (חזון ודרך)

26 **הספרים הם גרתיקי החכמות המרוקמות מפניני המלים.** (מ. אבן־עזרא)

27 **ספרים אינם עשויים לפקדון, אלא שילמדו בהם.** (ספר חסידים)

28 **שים ספרים חבריך.** (י. אבן־תיבון)

29 **אין חכם בלי ספרים.** (גבול בנימין)

30 **חכם בלי ספרים כאומן בלא כלים.** (פתגם עממי)

31 **חדר בלי ספרים כבית בלי חלונות.** (פתגם סופרים)

15 פאַראַן אַ דיכטער, וואָס קויפט זיך אייביקייט אין האַרץ פונעם לייענער מיט איין־איינציק ליד.

16 דעם דיכטערס לשון איז געגליכן צו דער ערד, וואָס גיט נישט אַרויס קיין בלומען, סיידן עס פאַלט פריער אויף איר רעגן.

17 אמתע פּאָעזיע נעמט מען אויף אויך מיטן מוח.

18 מיין זון, זיי געוואָרנט, צו מאַכן אַ סך ספרים איז נישטאָ קיין סוף (דערצו).

19 אַ גוט בוך איז דאָס בוך, וואָס וועקט אין דעם לייענער דאָס געפיל, אַז ער אַליין וואָלט עס געקאָנט אָנשרייבן.

20 דאָס בוך איז אַ חבר, וואָס פאַרראַט נישט קיינמאָל.

21 דאָס בוך איז דער ליבסטער חבר.

22 אויב דאָס בוך איז שלעכט — איז נישטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט וואָס זאָל אים העלפן, אויב דאָס בוך איז גוט — קאָן נישט קיין שום מלך עס אומברענגען.

23 אין יעטוועדער צייט זאָל דער ספר זיך געפינען אין דיין שויס.

24 דער ספר איז אַ פריינד, וואָס אַנטוויקלט דיינע פעיקייטן; ער איז ווי אַ ליכט אין דער פינצטער און פאַרשאַפט דיר פאַרגעניגן אין דיין איינזאַמקייט; ער גיט דיר אַ סך און נעמט פון דיר גאָרנישט.

25 טויזנטער יאָרן האָבן מיר געהיט דעם ספר און דער ספר האָט אונדז אָפּגעהיט.

26 ספרים זענען הילעס פון הכמה, אויסגעהאָפטענע מיט ווערטער־פערל.

27 ביכער דינען נישט פאַר אַ פיקדון, נאָר מען זאָל פון זיי לערנען.

28 מאַך די ספרים פאַר דיינע חברים.

29 נישטאָ קיין חכם אָן ספרים.

30 אַ חכם אָן ספרים איז ווי אַ בעל־מלאכה אָן כלים.

31 אַ צימער אָן ספרים איז ווי אַ שטוב אָן פענצטער.

32 **הדר בלי ספרים כגוף בלי נשמה.** (פתגם סופרים)

33 **הספרים מושלים בעולם.** (פתגם סופרים)

34 **הזהר בדברי סופרים.** (עירובין כא)

32 אַ צימער אָן ספרים איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה.

33 ביכער געוועלטיקן אין דער וועלט.

34 זיי געוואָרנט מיט די רייד פון שרייבער (האַלט זיי טייער).

משפט

1 אזהרה לבית־דין שלא יהא רך לזה וקשה לזה. (כתובות מו)

2 שלא יהא אחד עומד ואחד יושב. (שבועות ל)

3 אזהרה לציבור שתהא אימת דיין עליהם. (סנהדרין ח)

4 אין בית־דין שקול. (סנהדרין ב)

5 אין קטיגור נעשה סניגור. (ברכות נט)

6 אוי לזה שנעשה סניגורו קטיגורו. (ויקרא רבה ל)

7 המשפט הוא סיבת השלום. (בחיי)

8 אל תהי דן יחידי. (אבות ד, ח)

9 אין מרחמים בדין. (כתובות מ)

10 דינא דמלכותא דינא. (נדרים כח)
(דין המלכות דין הוא)

11 אזהרה לדיין שיסבול עם הציבור. (סנהדרין זו)

12 הפקר בית־הדין הפקר. (גיטין ל״ו)

13 הרוצה שיתחכם (שיחכים) יעסוק בדיני ממנות. (ברכות סג)

14 דין של פרוטה כדין של מאה מנה. (סנהדרין ח)

15 כל דיין שדן דין אמת לאמיתו משרה שכינה בישראל. (סנהדרין ז)

16 דל לא תהדר בריבו. (שמות כג, 3)

17 לא תטה משפט אביונך בריבו. (שמות כג, 6)

18 ושוחד לא תקח, כי השוחד יעור פקחים ויסלף דברי צדיקים.
(שמות כג, 8)

משפט

1 אַ וואָרנונג פאַרן בית־דין, אַז ער זאָל נישט זיין מילד צו איינעם פון די בעלי־דין און שטרענג צום אַנדערן.

2 ביידע בעלי־דינים דאַרפן שטיין אָדער זיצן און נישט איינער זאָל שטיין און דער אַנדערער זאָל זיצן.

3 אַן אָנזאָג פאַר קהל, אַז ער זאָל זיך באַציען מיט יראת־הכבוד צום דיין.

4 די צאָל פון ריכטער טאָר נישט זיין גראָדיק.

5 אַ באַשולדיקער קאָן נישט זיין קיין פאַרטיידיקער.

6 ווי איז דעם, וואָס זיין פאַרטיידיקער איז געוואָרן זיין באַשולדיקער.

7 משפט (געזעץ) פירט צו שלום.

8 זאָלסט נישט משפטן איינער אַליין.

9 מען משפט נישט לויט רחמנות־געפילן.

10 דאָס געזעץ פון דער רעגירונג איז מחייב אַלעמען.

11 אַן אָנזאָג פאַרן דיין, אַז ער זאָל זיך מיטבאַטייליקן אין די צרות פון קהל.

12 דאָס בית־דין האָט רעכט צו דערקלערן אַ זאַך אַלס הפקר.

13 ווער עס וויל קלוג ווערן, דער זאָל זיך באַשעפטיקן מיט געלט־תביעות.

14 דער דין פון איין פרוטה איז ווי פון הונדערט.

15 ווען דער דיין גיט אַרויס אַן אמתן פסק־דין, מאַכט ער רוען די שכינה ביי יידן.

16 זאָלסט נישט שאַנעווען צוליב אָרעמקייט דעם בעל־דין אין זיין משפט.

17 זאָלסט נישט פאַרדרייען דעם משפט פונעם אביון אין זיין שטרייט.

18 און שוחד זאָלסטו נישט נעמען, ווייל שוחד מאַכט בלינד זעענדיקע און פאַרדרייט די ווערטער פון גערעכטיקע.

19 **אל תשת ידך עם רשע להיות עד חמס.** (שמות כג, 1)

20 **לא תהיה אחרי רבים לרעות.** (שמות כג, 2)

21 **„ושוחד לא תקח" — איני צריך לומר שוחד ממון, אלא אפילו שוחד דברים נמי (גם) אסור.** (כתובות קה)

22 **אם ראית דור שצרות רבות באות עליו, צא ובדוק בדייני ישראל.** (שבת קלט)

23 **המוציא מחבירו עליו הראיה.** (בבא מציעא ב)

24 **חרב באה לעולם על ענוי הדין ועל עוות הדין.** (אבות ה)

25 **שתיקה כהודאה דמיא (דומה).** (יבמות פח)

26 **„לא ראינו" — אינו ראיה.** (כתובות כג)

27 **לא תעשו עול במשפט.** (ויקרא יט, 15)

28 **בצדק תשפוט עמיתך.** (ויקרא יט, 15)

29 **שמרו משפט ועשו צדקה.** (ישעיה נו, 1)

30 **עד צדק ישוב משפט.** (תהלים צד, 15)

31 **עד שקרים לא ינקה.** (משלי יט, 9)

32 **אבני ביתו וקורות ביתו של אדם מעידין בו.** (תענית יא)

33 **אדם נאמן על עצמו יותר ממאה איש.** (כריתות יב)

34 **אין אדם חוטא ולא לו.** (בבא מציעא ה)

35 **אין אדם מעיד על עצמו.** (כתובות פב)

36 **אין אדם משים עצמו רשע.** (יבמות כה)

19 זאָלסט נישט מאַכן איין האַנט מיט דעם רשע צו זיין אַן עדות אויף אומרעכט.

20 זאָלסט נישט נאָכגיין נאָך אַ רבים צום שלעכטן.

21 „און שוחד זאָלסטו נישט נעמען". געמיינט: נישט נאָר פון געלט־שוחד, נאָר אויך פון רייד־שוחד זאָלסטו זיך אויסהיטן.

22 זעסטו אַ דור וואָס האָט אויסצושטיין אַ סך צרות, קוק נאָך די אויפֿפירונג פון די דיינים.

23 ווער עס מאָנט ביי יענעם, דער דאַרף ברענגען באַווייזן.

24 מלחמה קומט אויף דער וועלט פאַרן אָפּשלעפּן דעם דין און פאַרן פאַרדרייען (פעלשן) דעם משפט.

25 ווען דער בעל־דין שווייגט, איז גלייך ווי ער איז זיך מודה.

26 „מיר האָבן נישט געזען" — איז נישט קיין באַוויז. געמיינט: די טענה פון אַ מענטשן, אַז ער האָט נישט געזען איז נישט קיין באַוויז, אַז די זאַך איז נישט געשען.

27 איר זאָלט נישט באַגיין קיין עוולה אין משפט.

28 זאָלסט משפטן דיין פריינט מיט צדק.

29 היט דעם משפט־אמת און טוט דין־צדק.

30 צום צדק וועט זיך קערן דער משפט (משפט וועט זיין באַזירט אויף צדק).

31 אַ פאַלשן עדות וועט נישט געשענקט ווערן.

32 שטיינער און באַלקנס פון שטוב זאָגן עדות אויפן מענטשן.

33 אַ מענטש איז באַגלויבט, ווען ער זאָגט אויף זיך מער ווי הונדערט אַנדערע עדות.

34 אַ מענטש זינדיקט נישט, אויב ער האָט נישט דערפון קיין נוצן.

35 אַ מענטש זאָגט נישט עדות אויף זיך אַליין.

36 אַ מענטש מאַכט זיך נישט אַליין פאַר קיין רשע.

37 אין אדם נתפס בשעת צערו. (בבא בתרא טז)

38 אין אדם רואה חובה לעצמו. (שבת קיט)

39 אין אדם רשאי לחבל בעצמו. (בבא קמא צ)

40 אין בית דין גוזרין על הציבור דברים שאין יכולין לעמוד בהן. (תוספתא דסוטה טו)

41 אין בית דין גוזרין גזירה על הציבור, אלא אם כן רוב ציבור יכולין לעמוד בה. (בבא קמא עט)

42 גזירה שבית דין גוזרין ואין רוב ציבור מקבלין עליהם אינה גזירה. (ירושלמי שבת א)

43 אין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו, אלא אם כן גדול ממנו בחכמה ובמנין. (מגילה ב)

44 אין מושיבין בסנהדרין, אלא בעלי חכמה וזקנה ומראה וקומה... ויודעים בשבעים לשון, שלא תהא סנהדרין שומעת מפי המתורגמן. (סנהדרין יז)

45 אין מושיבין בסנהדרין אלא מי שיודע לטהר את השרץ מן התורה. (סנהדרין יז)

46 אין מושיבין בסנהדרין זקן וסריס ומי שאין לו בנים. (סנהדרין לו)

47 אין עונשין את האדם עד שמזהירין אותו. (ספרי, שופטים)

48 אלמלא מוראה של מלכות, איש את רעהו חיים בלעו. (אבות ג)

49 בית דין לא ישמע דברי בעל דין קודם שיבוא בעל דין חברו. (סנהדרין ז)

50 הודאת בעל דין כמאה עדים דמי. (קידושין סה)

51 הוו מתונים בדין. (אבות א)

37 מען באַשולדיקט נישט קיין מענטשן פאַר נישט פאַסיקע רייד, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין אַ צייט פון צער און יסורים.

38 אַ מענטש באַשולדיקט נישט זיך אַליין.

39 אַ מענטש טאָר נישט שעדיקן זיין גוף.

40 אַ בית־דין טאָר נישט גוזר זיין אויף קהל זאַכן, וועלכע מען איז נישט אימשטאַנד אויסצופירן.

41 בית־דין טאָר נישט גוזר זיין אויף קהל קיין גזירה, אויב די מערהייט קאָן זי נישט אָננעמען.

42 אויב בית־דין לייגט אַרויף אויפן ציבור אַ גזירה און די מערהייט נעמט זי נישט אָן, ווערט זי בטל.

43 אַ בית־דין קאָן נישט מבטל מאַכן דעם פסק פון אַן אַנדערן בית־דין. אויב ער איז נישט גרעסער פון אים אין חכמה און אין צאָל.

44 מען נעמט אויף אַלס חברים אין סנהדרין נאָר מענטשן רייפע אין עלטער און אין חכמה, מיט אַ שיינעם אויסזען און ווקס... מענטשן וואָס פאַרשטייען זיבעציק (אַ סך) לשונות, כדי זיי זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו אַן איבערזעצער.

45 מען נעמט אויף אין סנהדרין נאָר אַזאַ תלמיד חכם, וואָס קאָן אויפ־ווייזן פון דער תורה ווי אַזוי מטהר זיין אַ טמאדיקן שרץ. געמיינט וואָס וועט זוכן אַ זכות אויפן באַשולדיקטן.

46 מען טאָר נישט אויפנעמען אַלס חברים אין סנהדרין קיין צו אַלטן מענטש, קיין סריס און נישט קיין קינדערלאָזן מאַן (ווייל די אַלע ווייסן נישט פון קיין „צער גידול בנים" און עס פעלט זיי רחמנות).

47 מען באַשטראָפט נישט קיין מענטשן, סיידן מען וואָרנט אים פריער.

48 ווען נישט די מורא פאַרן מלכות־געזעץ, וואָלט איינער דעם אַנדערן איינגעשלונגען לעבעדיקערהייט.

49 בית־דין טאָר נישט אויסהערן באַזונדער איין בעל־דין פריער, איידער דער אַנדערער איז געקומען מיט זיינע טענות.

50 אַז דער בעל־דין איז זיך מודה, איז גלייך ווי הונדערט עדות.

51 שופטים, זייט געלאַסן ביים באַטראַכטן אַ דין.

52 **הוי מרבה לחקור את העדים והוי זהיר בדבריך, שמא מתוכם ילמדו לשקר.** (אבות א, ט)

53 **לא שביק איניש היתירא ועביד איסורא.** (תמורה כז)
(אין האדם מניח דבר המותר ועושה דבר האסור)

54 **סהדי שקרי אאוגרייהו זילי.** (סנהדרין כט)
(עדי שקר בזויים על שוכרם)

55 **סנהדרין ההורגת אחת בשבוע (בשמיטה) נקראת חבלנית.** (מכות ז)

56 **אין אדם מצוי לשקר בשעת מיתה.** (ירושלמי בבא קמא פ"ט)

57 **אין אפיטרופוס לעריות.** (כתובות יג)

58 **אין עד נעשה דיין.** (ראש השנה כו)

59 **אית דינא ואית דיינא.** (ויקרא רבה ל)
(יש דין ויש דיין)

60 **ברי ושמא — ברי עדיף.** (כתובות יב)

61 **דברים שבלב אינם דברים.** (קידושין מט)

62 **לא תהא אוסר לאחרים ומתיר לעצמך.** (שמות רבה כו)

52 זאָלסט אַ סך פאַרשן די עדות, זיי פאַרזיכטיק מיט דיינע רייד, ווייל טאָמער וועלן זיי פון דיינע ווערטער לערנען צו זאָגן ליגן.

53 אַ מענטש טוט נישט אַ זאַך באיסור, אויב ער קאָן דאָס זעלביקע טון בהיתר.

54 פאַלשע עדות זענען מיאוס אויך אין די אויגן פון די, וואָס האָבן זיי געדונגען.

55 אַ סנהדרין, וואָס גיט אַרויס אַ טויט־אורטייל איין מאָל אין זיבן יאָר, הייסט אַ סאַבאָטאַזש־סנהדרין (אַ שעדיקער).

56 אַ מענטש זאָגט נישט קיין ליגן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

57 מען באַשטימט נישט קיין אויפזעער אויף געשלעכט־לעבן (ווייל דער אַפּיטרופּוס אַליין קאָן געשטרויכלט ווערן).

58 אַן עדות קאָן נישט אין דער זעלביקער צייט זיין אַ דיין.

59 פאַראַן אַ געזעץ און פאַראַן אַ שופט.

60 מען נעמט בעסער אָן דאָס וואָס איז געוויס, איידער דאָס וואָס איז אַ ספק.

61 זאַכן וואָס מען האָט בלויז אין זינען, ווערן נישט גערעכנט (קיינער ווערט נישט באַשטראָפט פאַר זיינע געדאַנקען).

62 זאָלסט נישט פאַרבאָטן אַנדערע און דערלויבן זיך אַליין צו טון.

נדיב וכילי

1 **הרגל עצמך בנדיבות ומאס בכילות.** (איגרת מוסר)

2 **רבים יחלו פני נדיב.** (משלי יט, 6)

3 **אדם נעלה הוא נדבן בחכמתו, כמו שהעבים הם נדבנים בגשמיהם.** (מ. אבן־עזרא)

4 **אין הנדיב מקנא.** (תיקון מידות הנפש)

5 **אין עשיר מנדיב.** (ספר הרמזים)

6 **מתנת הנדיב מהירה.** (י. גירונדי)

7 **הנדיב השלם הוא אשר נותן תדיר מעט או רב קודם שישאלו ממנו.** (ארחות צדיקים)

8 **בחיי הכילי אוצרותיו קבורים, ובהיקברו — המה מן הארץ כעשב יציצו.** (ספר המידות)

9 **הכילי דואג על הונו כשלו, וממנו לא יאכל כאילו היה לזר.** (ספר המידות)

10 **כשור אבוס איש כילי: חלבו יתן רק בהילקח חייו.** (משלי אגור)

11 **לא הכילי אדון העושר, אבל העושר אדון הכילי.** (בכורי העתים)

12 **כלב שומר אמונים כילי: את הון יורשיו יטור.** (משלי יהושע)

13 **ברח מן הכילי השוטה.** (מבחר הפנינים)

14 **כאשר כל עוד שירד המטר על החול יתקשה, כן כל עוד שיתעשר הכילי ירבה כיליותו.** (צמח צדיק)

15 **כילי יצבור ומפזר יזרה, ושניהם ללא הועיל.** (משלי יהושע)

נדבן און קאַרגער

1 געוווין זיך איין צו זיין ברייטהאַרציק און פאַרמיאוס די קאַרגשאַפט.

2 אַ סך (מענטשן) זוכן די לייטזעליקייט פון דעם נדבן.

3 דער דערהויבענער (בעסערער) מענטש איז ברייטהאַרציק מיט זיין חכמה, אזוי ווי די וואָלקנס זענען ברייטהאַרציק מיט זייערע רעגנס.

4 דער ברייטהאַרציקער איז נישט מקנא קיינעם.

5 נישטאָ קיין רייכערער פון דעם ברייטהאַרציקן.

6 דער גאָב (געשאַנק) פון נדבן איז אַ געשווינדער (אַ באַלדיקער).

7 דער פולשטענדיקער נדבן איז דער, וואָס גיט שטענדיק — ווייניק אָדער מער — נאָך איידער מען פאַרלאַנגט פון אים.

8 ביים לעבן פון דעם קאַרגן זענען זיינע אוצרות באַגראָבן, ווען מען באַגראָבט אים, שפּראָצן די אוצרות ווי גראָז פון דער ערד.

9 דער קאַרגער זאָרגט פאַרן פאַרמעגן ווי פאַר זיין אייגנס און געניסט נישט פון אים, ווי עס וואָלט געהערט צו אַ פרעמדן.

10 ווי אַ געשטאָפּטער (פעטער) אָקס איז דער קאַרגער: ער גיט זיין פעטס, ווען מען נעמט אָפּ ביי אים דאָס לעבן.

11 נישט דער קאַרגער איז דער האַר פון זיין רייכקייט, נאָר די רייכקייט איז דער האַר פון דעם קאַרגן.

12 דער קאַרגער איז אַ געטרייער הונט, ער היט דאָס פאַרמעגן פון זיינע יורשים.

13 אַנטלויף פון דעם קאַרגן שוטה.

14 וואָס מער עס גייט רעגן, אַלץ האַרטער ווערט דער זאַמד; וואָס רייכער עס ווערט דער קאַרגער, אַלץ גרעסער ווערט זיין קאַרגשאַפט.

15 דער קאַרגער זאַמלט, דער פאַרשווענדער צעזייט, ביידע ברענגען נישט קיין נוצן.

16 **רעה חולה עלי ארץ, אם כילי יוליד בן מפזר.** (ספר המידות)

17 **כילות וחוסר כל, משקל אחד להנה.** (הצופה לבית ישראל)

16 אַ שלעכטע קראַנקייט אויף דער ערד, אויב ביי אַ קאַרגן ווערט געבוירן אָ זון אַ פאַרשווענדער.

17 קאַרגשאַפט און אָרעמקייט האָבן די זעלביקע וואָגיקייט (ביידע זענען גלייך).

נימוסים

1 **דרך ארץ קדמה לתורה.** (תנא דבי אליהו רבה א)

2 **אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו.** (פסחים ג)

3 **אל תיכנס לחצר חברך ליטול את שלך שלא ברשות.** (בבא קמא כז)

4 **אל תדבר בפני מי שגדול ממך בחכמה.** (דרך ארץ זוטא פ"ב)

5 **אל תיכנס לביתך פתאום וכל־שכן לבית חברך.** (פסחים קיב)

6 **אין הקטן רשאי לישב עד שיאמר לו הגדול: שב.** (ירוש' כתובות פ"א)

7 **במקום שאין אנשים השתדל להיות איש.** (לפי אבות ב' ה')

8 **אין אורח מכניס אורח.** (בבא בתרא צח)

9 **גדולה דרך־ארץ שהיא שקולה כנגד כל התורה.** (מדרש גדול וגדולה פ"כ)

10 **לא יהא אדם נכנס לתוך דברי חברו.** (ספרי, בהעלותך)

11 **לא יכנס אדם לבית חברו אלא אם כן אומר לו: — היכנס!** (פסיקתא זוטרתא, ויקרא)

12 **לא ירוק אדם בפני חברו.** (חגיגה ה')

13 **לעולם יספר אדם בלשון נקיה.** (פסחים ג')

14 **הדיוט קופץ בראש.** (מגילה יב)

15 **הרחק מן הכעור ומן הדומה לו.** (חולין מד)

16 **יהללך זר ולא פיך.** (משלי כז, 2)

17 **צריך אדם ליתן שלום לחברו בפה מלא.** (תנחומא, נשא)

העפלעכקייט

1 פריער דרך־ארץ און דערנאָך תורה.

2 דער מענטש זאָל נישט אַרויסברענגען פון מויל קיין מיאוס וואָרט.

3 אַן אַ דערלויבעניש זאָלסטו נישט אַריינגיין אין אַנדערנס הויף, אפילו אָפּצונעמען דיין אייגענע זאַך.

4 אין קעגנוואָרט פון אַ מער־געלערנטן פון דיר, זיי נישט דער ערשטער צום רעדן.

5 זאָג אַן וועגן דיין אַנקום אין דיין אייגן הויז און אוודאי אין חברס הויז.

6 דער יינגערער טאָר זיך נישט זעצן פריער, איידער דער עלטערער פאַרבעט אים דערצו.

7 דאָרט ווו עס זענען נישטאָ קיין ווערדיקע מענטשן — באַמי זיך דו צו זיין אַ מענטש.

8 אַן אורח פאַרבעט נישט נאָך איינעם מיט זיך.

9 גוטע אויפפירונג באַשטייט קעגן דער גאַנצער תורה.

10. אַ מענטש זאָל זיך קיינמאָל נישט אַריינרייסן אין מיטן די רייד פון דעם אַנדערן.

11 אַ מענטש זאָל נישט אַריינגיין אין הויז פונעם אַנדערן, סיידן יענער פאַרבעט אים.

12 שפּיי נישט אין יענעמס קעגנוואָרט.

13 אַ מענטש זאָל תמיד דערציילן אין אַ ציכטיקער שפּראַך.

14 דער גראָבער יונג שטופּט זיך תמיד פאָרויס (בראש).

15 דערווייטער זיך פון העסלעכקייט און דאָסגלייכן.

16 זאָל דיך לויבן אַן אַנדערער און נישט דיין אייגן מויל.

17 באַגריס דיין חבר מיטן פולן מויל.

18 **מקצת שבחו של אדם אומרים בפניו וכולו שלא בפניו.** (עירובין יח)

19 **צריך אדם לצאת ידי הבריות כדרך שהוא צריך לצאת ידי המקום.** (שקלים ט׳)

20 **אם בא אדם מן הדרך שואלין לו שלום.** (רבה ותנחומא, פנחס)

21 **אין דיבור אלא נחת.** (שבת סג)

22 **דברי חכמים בנחת נשמעים.** (קוהלת ט, 17)

23 **חך ערב ירבה אוהב.** (בן־סירא ה, 4)

24 **המגביה ידו על חברו נקרא רשע.** (סנהדרין נח)

25 **הוה מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות.** (אבות א׳, טו)

26 **הוה מקדים בשלום כל האדם.** (אבות ד, כ׳)

27 **כל שרוח הבריות נוחה הימנו — רוח המקום נוחה הימנו.** (אבות ג)

28 **אל תשיב דבר בטרם תשמע ובתוך שיחה אל תדבר.** (בן־סירא יא, 19)

29 **משיב דבר בטרם ישמע איולת היא לו וכלימה.** (משלי יח, 13)

18 אַ ביסל לויבווערטער מעג מען זאָגן אַ מענטשן אין די אויגן, אינגאַנצן אָבער — בלויז אונטער די אויגן.

19 אַ מענטש דאַרף יוצא זיין פאַר מענטשן אַזוי גוט ווי פאַר גאָט.

20 ווען אַ מענטש קומט פון וועג, באַגריסט מען אים און מען פרעגט, וואָס ער מאַכט.

21 רעדן זאָל מען תמיד געלאַסן.

22 געלאַסענע רייד פון חכמים ווערן גערן אויסגעהערט.

23 אָנגענעמע רייד פאַרגרעסערן די צאָל פריינט.

24 ווער עס הייבט אויף זיין האַנט אויף זיין חבר, דער הייסט אַ רשע.

25 נעם אויף יעטוועדן מענטש מיט אַ פריינטלעכן פנים.

26 באַגריס דו דער ערשטער יעדן מענטש.

27 פון ווען מען מענטשן האָבן הנאה, פון דעם איז גאָט צופרידן.

28 הער פריער אויס און דערנאָך ענטפער, און אין מיטן יענעמס רייד רייס זיך נישט אַריין.

29 ווער עס ענטפערט איידער ער האָט אויסגעהערט (די פראַגע), באַגייט אַ נאַרישקייט און פאַרשאַפט זיך חרפה.

נקיון וסדר

1 **אסור לדור בעיר שאין בה מרחץ.** (ירושלמי סוף קידושין)

2 **„ותענוגות בני האדם" — אלו בריכות ומרחצאות.** (גיטין סח)

3 **סיכה ורחיצה אינן נכנסות לגוף והגוף נהנה מהן.** (ברכות נז)

4 **מי שאכל בלי נטילת ידים כאלו אכל טומאה.** (ברכות יג)

5 **כל המזלזל בנטילת ידים נעקר מן העולם.** (סוטה ד)

6 **רוחץ אדם פניו, ידיו ורגליו בכל יום.** (אבות דרבי נתן)

7 **רחץ בחמין ולא נשתטף בצונן דומה לברזל שהכניסוהו לאור ולא הכניסוהו לצונן.** (שבת מא)

8 **טובה טיפת צונן שחרית ורחיצת ידים ורגלים בחמין ערבית מכל קלורין שבעולם.** (שבת קח)

9 **שלש זיעות הן יפות לגוף: זיעת חולי, זיעת מרחץ וזיעת מלאכה. זיעת חולי מרפא, זיעת מרחץ — אין לך כיוצא בה.** (אבות דרבי נתן לא)

10 **זוהמת הראש מביא לידי עיורון, זוהמת הבגדים מביא לידי שעמום, זוהמת הגוף מביאה לידי שחין ואבעבועות.** (לפי נדרים פא)

11 **בגוף טהור תשכון נשמה טהורה.** (פתגם עממי)

12 **אין אדם שותה בכוס אלא אם־כן בודקו.** (כתובות עה)

13 **נקיות מביאה לידי טהרה.** (ירוש' שבת פ"א)

ריינקייט און אָרדענונג

1 מען טאָר נישט וווינען אין אַ שטאָט, אין וועלכער עס איז נישטאָ קיין באָד.

2 „די פאַרגעניגנס פון מענטשן" — דאָס זענען וואַסער־באַסיינען און בעדער.

3 שמירעכץ און וואַסער פון וואַשן דרינגען נישט אַריין אין גוף (אינעווייניק), און דאָך האָט דער גאַנצער אָרגאַניזם דערפון הנאה.

4 ווער עס וואַשט נישט די הענט פאַרן עסן, איז גלייך ווי ער עסט טמאדיקע שפייז.

5 ווער עס שעצט גרינג דאָס וואַשן די הענט (פאַרן עסן), דער גייט אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט.

6 אַ מענטש דאַרף וואַשן יעדן טאָג זיין פּנים, די הענט און די פיס.

7 ווער עס וואַשט זיך מיט וואַרעמע וואַסער און שווענקט זיך דערנאָך נישט אָפּ מיט קאַלטע וואַסער, איז זיין גוף גלייך צו אייזן, וואָס מען טוט עס אַריין אין פייער און מען טונקט עס נישט אייַן דערנאָך אין קאַלטע וואַסער (דאָס אייזן ווערט נישט געהאַרטעוועט).

8 דאָס וואַשן זיך אינדערפרי מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער און אין אָוונט וואַשן די הענט און די פיס מיט וואַרעם וואַסער איז בעסער פאַרן גוף פון אַלע שמירעכצן־רפואות אין דער וועלט.

9 דרייערליי שווייסן זענען געזונט פאַרן גוף: דאָס שוויצן אין אַ קרענק, אין באָד און ביי דער אַרבעט. דאָס שוויצן אין אַ קראַנקייט היילט, דאָס שוויצן אין אַ באָד — נישטאָ זיין גלייכן צום געזונט.

10 אומריינקייט פון קאָפּ ברענגט צו בלינדקייט, אומריינקייט פון קליידער פירט צו נידערגעשלאָגנקייט און שמוציקייט פון גוף פאַראורזאַכט הויט־קראַנקייטן.

11 אין אַ ריינעם גוף וווינט אַ ריינע נשמה.

12 פאַרן טרינקען דאַרף אַ מענטש זען, צי דאָס גלאָז איז ריין.

13 זויבערקייט (פון דעם גוף) ברענגט צו ריינקייט (פון דער נשמה).

14 **לא ישתה אדם מים לא מן הנהרות ולא מן האגמים בלילה.** (פסחים קיב)

15 **אסור לאדם ליתן פרוטות לתוך הפה, תבשיל תחת המיטה ופת תחת בית־השחי.** (ירוש׳ תרומות פ״ח)

16 **שלשה משקים אסורה משום גילוי: המים והיין והחלב.** (תרומות ח׳, ד׳)

17 **לא ישוך אדם מפרוסה ויתננה לחברו.** (דרך ארץ ט)

18 **לא ישתה אדם מן הכוס ויתננה לחברו מפני סכנת נפשות.** (דרך ארץ ט)

19 **שטוף ושתה, שטוף והנח.** (תמיד כז)

20 **אל תבשל בקדירה שבשל בה חברך.** (פסחים קיג)

21 **כבודו של אדם כסותו.** (שבת קיג)

22 **תוציא תמיד על בגדיך יותר מעל אכילתך.** (מוסר אב)

23 **כל המבזה את הבגדים, אף אינו נהנה מהם.** (ברכות סב)

24 **שתיתם את היין — החזירו את הקנקן למקומו.** (בראשית רבה פה)

25 **סדר ההוצאה — חצי הפרנסה.** (מבחר הפנינים)

14 מען טאָר נישט טרינקען ביי נאַכט (אין דער פינצטער) וואַסער פון טייכן און פון באַסיינען.

15 מען טאָר נישט האַלטן קיין פּרוטות אין מויל, געקעכטס אונטערן בעט און ברויט אונטער דער פּאַכווע.

16 דריי געטראַנקען טאָר מען נישט האַלטן אָפן: וואַסער, וויין און מילך.

17 אַ מענטש זאָל נישט אַ ביס געבן פון ברויט און דערנאָך עס געבן דעם אַנדערן.

18 אַ מענטש זאָל נישט טרינקען פון גלאָז און עס גלייך געבן דעם אַנדערן (איידער ער שווענקט עס אויס), צוליב סכנה פאַרן געזונט.

19 שווענק אויס דאָס גלאָז פאַרן און נאָכן טרינקען.

20 קאָך נישט אין דעם זעלביקן טאָפּ, אין וועלכן דיין חבר האָט געקאָכט.

21 אַ בגד גיט צו כבוד דעם מענטשן.

22 גיב אויס מער געלט אויף אָנטועכץ איידער אויפן עסן.

23 ווער עס פאַרנאַכלעסיקט זיינע קליידער, דער האָט פון זיי נישט קיין הנאה.

24 האָסטו אויסגעטרונקען דעם וויין, שטעל צוריק דעם קרוג אויף זיין אָרט.

25 אָרדענונג אין די הוצאות איז אַ האַלבע פּרנסה.

נישואין

1 **הנושא אשה הוגנת, אליהו נושקו והקב"ה אוהבו.** (דרך ארץ רבה פרק ה)

2 **אין ראוי להשיא אשה, אם לא לדעתה ורצונה.** (תועלתיות הרלב"ג)

3 **עלמה לאיש זקן — אגוז קשה לשן רעה.** (ספר המידות)

4 **„אל תחלל בתך להזנותה" — זה המשיא את בתו לזקן.** (סנהדרין עו)

5 **הנושא אשה לשם ממון — ירח נכנס וירח יוצא והממון כלה.**
(אוצר המדרשים)

6 **חתן אינו נכנס לחופה עד שהכלה נותנת לו רשות.** (ויקרא רבה פרק ט)

7 **חתן דומה למלך.** (פרקי דרבי אליעזר פרק טז)

8 **החתן מיסב בראש.** (מועד קטן כח)

9 **לא טוב היות האדם לבדו.** (בראשית ב, 18)

10 **אין שלימות האדם אלא עם נישואין.** (בחיי)

11 **בן עשרים שנה ולא נשא אשה, כל ימיו בהרהור עבירה.** (קידושין כט)

12 **כל הנושא אשה כשרה, כאלו קיים כל התורה.** (ילקוט רות)

13 **כיון שנשא אדם אשה, עוונותיו מתפקקין.** (יבמות סג)

14 **הרבה נושאים נשים ומצליחים, ויחידים נכשלים.** (במדבר רבה פרק ט)

15 **אין לאשה מנוחה עד שתנשא.** (א. אבן־עזרא)

16 **בתך בגרה — בוא והשיאה.** (ויקרא רבה פרק כא)

17 **לא תקח אשה חשובה ממך, שמא לא תתקבל עליה.** (רש"י, יבמות סג)

חתונה

1 ווער עס נעמט אַן אָרעמטלעכע פרוי, דעם קושט אליהו הנביא און גאָט האָט אים ליב.

2 מען טאָר נישט חתונה מאַכן אַ פרוי, אויב עס איז נישט לויט איר דעה און ווילן.

3 אַ יונגע פרוי פאַר אַן אַלטן מאַן — אַ האַרטע נוס פאַר אַ שלעכטן צאָן.

4 „זאָלסט נישט פאַרשוועכן דיין טאָכטער צו זנות‟, געמיינט דעם, וואָס מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַר אַן אַלטן מאַן.

5 ווער עס נעמט אַ פרוי צוליב איר געלט — אַ חודש קומט, אַ חודש גייט אַוועק — און דאָס געלט ענדיקט זיך.

6 דער חתן גייט נישט צו דער חופה ביז די כלה גיט אים רשות.

7 אַ חתן איז גלייך צו אַ מלך.

8 אַ חתן זיצט אויבנאָן.

9 עס איז נישט גוט דער מענטש זאָל זיין אַליין.

10 נישטאָ קיין שלימות ביים מענטש אָן חתונה־האָבן.

11 ווען אַ מענטש ווערט אַלט צוואַנציק יאָר און האָט נישט גענומען קיין פרוי, וועט ער אַלע זיינע טעג האָבן אַ הרהור עבירה.

12 ווער עס נעמט אַן ערלעכע פרוי, איז גלייך ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה.

13 ווי נאָר אַ מענטש נעמט אַ פרוי, ווערן זיינע זינד צעטרייסלט.

14 אַ סך מענער האָבן חתונה און זענען מצליח און נאָר יחידים פאַלן דורך.

15 די פרוי האָט נישט קיין מנוחה ביז זי האָט חתונה.

16 איז דיין טאָכטער אַ בוגרת — קום, מאַך זי חתונה.

17 זאָלסט נישט נעמען אַ פרוי וואָס איז חשובער פון דיר, טאָמער וועסטו איר נישט געפעלן ווערן.

18 **כל הנהנה מסעודת חתן ומשמחו, כאילו בנה אחת מחרבות ירושלים.** (ברכות ו)

19 **כל המשמח את החתן כאילו קבל תורה מהר סיני.** (ארחות חיים)

20 **בנוהג שבעולם, כלה מקשטים ומבשמים אותה ואחר־כך מכניסים אותה לחופה.** (שמות רבה פרק כג)

21 **כלה שעיניה יפות, אין כל גופה צריך בדיקה.** (תענית כד)

22 **אי־אפשר לאיש בלא אשה, ואי־אפשר לאשה בלא איש, ואי־אפשר לשניהם בלא שכינה.** (ירושלמי, ברכות פרק ט)

23 **השא את בנך לכשתרצה, את בתך כשתוכל.** (פתגם עממי)

18 ווער עס געניסט פון חתנס סעודה און איז דעם חתן משמח, איז גלייך ווי ער וואָלט אויפגעבויט איינע פון די ירושלים־חורבות.

19 ווער עס איז משמח דעם חתן, איז ווי ער וואָלט מקבל געווען די תורה פון באַרג סיני.

20 דער שטייגער איז: מען צירט אויס די כלה, מען פערפומירט זי, און דערנאָך פירט מען זי צו דער חופה.

21 אַ כלה וואָס האָט שיינע אויגן, דאַרף מען איר גוף נישט בודק זיין.

22 אַ מאַן קאָן נישט זיין אָן אַ פרוי, אַ פרוי קאָן נישט זיין אָן אַ מאַן, ביידע, ווידער, קאָנען נישט זיין אָן דער שכינה.

23 מאַך חתונה דיין זון ווען דו וועסט וועלן, און דיין טאָכטער, ווי נאָר דו וועסט קענען.

סוד ולשון הרע

1 **הולך רכיל מגלה סוד.** (משלי יא, 13)

2 **נאמן רוח מכסה דבר.** (משלי יא, 13)

3 **סוד אחר אל תגל.** (משלי כה, 9)

4 **עוף השמים יוליך את הקול.** (קוהלת י, 20)

5 **אזנים לכותל.** (ויקרא רבה לב)

6 **אזנים ליער.** (מדרש אגדה, ויצא)

7 **בשדה שיש בו הרים אל תדבר דברי סודות.** (לפי בראשית רבה עד)

8 **גלה סודך לאחד מאלף.** (יבמות סג)

9 **עמי הארץ — אין מגלין להם סוד.** (לפי פסחים מט)

10 **נכנס יין, יצא סוד.** (עירובין סה)
הערה: „יין" בגימטריה סוד (70).

11 **מוציא דיבה הוא כסיל.** (משלי י', 18)

12 **נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה.** (תהלים לד, 14)

13 **כל המספר לשון הרע אמר הקב"ה: „אין אני והוא יכולין לדור בעולם".** (ערכין טו)

14 **כל המספר לשון הרע כאלו כפר בעיקר.** (ערכין טו)

15 **כל המספר לשון הרע מגדיל עוונותיו עד לשמים.** (ערכין טו)

16 **כל המספר לשון הרע נגעין באין עליו.** (ערכין טו)

17 **כל המספר לשון הרע ראוי להשליכו לכלבים.** (פסחים קיח)

סוד און לשון־הרע

1 דער רכילות־טרייבער גיט אויס יענעמס סודות.

2 אַ טרייער מענטש היט אָפּ יענעמס סודות.

3 יענעמס סוד זאָלסטו נישט אויסגעבן.

4 אַ פויגל פון הימל וועט איבערטראָגן דעם קול (די ידיעה).

5 ווענט האָבן אויערן.

6 אַ וואַלד האָט אויערן.

7 אין אַ פעלד מיט בערג זאָלסטו נישט רעדן קיין סודות (ווייל עס קאָן דאָרט ווער אונטערהערן — הינטער אַ באַרג).

8 אַנטפּלעק דיין סוד נאָר צו איינעם פון טויזנט מענטשן.

9 קיין עם־הארץ טרויט מען נישט אָן קיין סוד.

10 טרינקט מען וויין, אַנטפּלעקט זיך דער סוד („וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז ביי אַ שיכורן אויף דער צונג").
באַמערקונג דער אותיות־באַטרעף (גימטריה) פון וואָרט „יין" (70) איז דער זעלביקער ווי פון „סוד" (70).

11 ווער עס טרייבט רכילות, דער איז אַ נאַר.

12 היט אויס דיין צונג פון רעדן שלעכטס, און דיינע ליפּן פון פאַלשע רייד.

13 ווער עס רעדט לשון־הרע, אויף דעם זאָגט גאָט: „איך און ער קענען נישט וווינען צוזאַמען אויף דער וועלט".

14 ווער עס רעדט לשון־הרע, איז גלייך ווי ער לייקנט אין גאָט.

15 ווער עס רעדט לשון־הרע, דערגרייכן די זינד זיינע ביזן הימל.

16 ווער עס רעדט לשון־הרע, אויף דעם קומען אַלערליי פּלאָגן.

17 ווער עס רעדט לשון־הרע, איז ווערט מען זאָל אים וואַרפן פאַר די הינט.

18 **כל המספר לשון הרע ראוי לסוקלו באבן.** (ערכין טו)

19 **„מות וחיים ביד לשון" לומר לך מה יד ממיתה אף לשון ממיתה.** (ערכין טו)

20 **אלמלא לא קבל דוד לשון הרע, לא נחלקה מלכות בית־דוד.** (שבת נו)

21 **לא תלך רכיל בעמיך.** (ויקרא יט, 16)

22 **כך דרכם של מספרי לשון־הרע: פותחים בטובה ומשלימים ברעה.** (תנחומא הקדום, שלח)

23 **כל לשון־הרע שאין בו דבר אמת בתחילתו אין מתקיים בסופו.** (סוטה לה)

24 **אם הרגלת לשונך לדבר באחיך שאינו בן אומתך, סוף בבן אומתך תתן דופי.** (דברים רבה פרשה ו)

25 **מי שאומר לשון הרע חוטא בשמים ובארץ.** (ירושלמי, פאה א')

26 **אם לא יתקבל כל הסיפור, יתקבל חציו.** (לפי בראשית רבה נו)

27 **כל דבר שנאמר בפני בעליו, אין בו משום לשון־הרע.** (לפי ערכין טו)

28 **כל דבר שנאמר בפני שלשה אנשים אין בו משום לשון־הרע.** (לפי בבא־בתרא לט)

18 ווער עס רעדט לשון־הרע, פאַרדינט מען זאָל אים פאַרשטיינען.

19 „טויט און לעבן אין האַנט פון צונג", דאָס מיינט: אַזוי ווי די האַנט קאָן טויטן, אַזוי קאָן די צונג טויטן.

20 ווען דוד המלך וואָלט נישט אָנגענומען לשון־הרע־רייד (פון מפיבושת קעגן ציבא), וואָלט נישט געשפּאָלטן געוואָרן דאָס מלכות בית־דוד.

21 זאָלסט נישט טרייבן קיין רכילות צווישן דיין פאָלק.

22 אַזוי איז דער שטייגער פון די וואָס רעדן לשון־הרע: זיי הייבן אָן מיט גוטס און פאַרענדיקן מיט שלעכטס.

23 אויב עס איז נישט פאַראַן אַ ביסל אמת אין אָנהויב פון די לשון־הרע־רייד, ווערן זיי זיך נישט אָנגענומען.

24 אויב דו האָסט זיך צוגעוווינט צו באַרעדן דיין ברודער נישט־ייִד, וועסטו צום סוף אויך באַשמוצן דיין ברודער־ייִד.

25 ווער עס רעדט לשון־הרע, דער זינדיקט קעגן הימל און ערד.

26 אויב עס וועט זיך נישט צונעמען דאָס גאַנצע רכילות, וועט זיך צונעמען אַ העלפט.

27 אויב דער פאָרוווּרף ווערט געמאַכט דעם בעל־דבר אין די אויגן, הייסט עס נישט קיין לשון־הרע.

28 אויב מען דערציילט אַ זאַך, וואָס איז דורכן בעל־דבר געזאָגט געוואָרן פאַר דריי מענטשן, הייסט עס נישט קיין לשון־הרע (ווייל וואָס מען רעדט פאַר דריי איז עס ממילא נישט קיין סוד).

עבודת אדמה

1 עתידים כל בעלי אומנויות שיעמדו על הקרקע. (יבמות סג)

2 טוב מי שיש לו גינה, מזבלה ומעדרה ומתפרנס ממנה. (ויקרא רבה ג)

3 כל אדם שאין לו קרקע אינו אדם, שנאמר: „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם". (יבמות סג)

4 הלוקח תבואה מן השוק למה הוא דומה? — לתינוק שמתה אמו ומחזירים אותו על פתח מיניקות אחרות ואינו שבע. (אבות דרבי נתן לא)

5 הזורעים בדמעה ברנה יקצורו. (תהלים קכו, 5)

6 אם אין אדם חורש בימות החמה, מה יאכל בימות הגשמים? (מדרש משלי)

7 נוצר תאנה, יאכל פריה. (משלי כז, 18)

8 הקוצים הללו אינם מתנכשים ולא נזרעים ומאליהם הם יוצאים ומתמרים ועולים; החיטים הללו כמה צער וכמה יגיע עד שלא יעלו. (בראשית רבה מה)

9 אף־על־פי שתמצאו אותה מלאה כל טוב, לא תאמרו: נשב ולא נטע, אלא הוו זהירים בנטיעות. (תנחומא, קדושים)

10 כל עיר שאין בה ירק אין תלמיד חכם רשאי לדור בה. (עירובין נה)

11 קרקע אינה נגזלת. (סוכה ל)

12 בזעת אפיך תאכל לחם. (בראשית ג, 19)

13 עובד אדמתו ישבע לחם. (משלי יב, 11)

14 אם עושה אדם עצמו כעבד לאדמה ישבע לחם, ואם לאו לא ישבע לחם. (סנהדרין נח)

ערד-אַרבעט

1 אין דער צוקונפט וועלן אַלע בעלי־מלאכות זיך אויך באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט.

2 ווייל איז דעם וואָס האָט אַ גאָרטן ; ער באַמיסטיקט אים, גראָבט אים אַרום און ציט פון אים זיין חיונה.

3 אַן ערד איז דער מענטש נישט פולווערטיק, ווי עס שטייט געשריבן : „די הימלען זענען פאַר גאָט און די ערד איז פאַר מענטשן".

4 ווער עס קויפט תבואה אין מאַרק, צו וואָס איז ער גלייך ? — צו אַ קליין קינד, וואָס זיין מוטער איז געשטאָרבן און מען פירט עס אַרום צו זויגערינס און דאָס קינד איז קיינמאָל נישט זאַט.

5 די וואָס זייען (תבואה) מיט טרערן, וועלן שניידן מיט געזאַנג.

6 ווער עס אַקערט נישט זומער, וואָס וועט ער עסן ווינטער ?

7 ווער עס היט דעם פייגנבוים, דער וועט עסן זיינע פירות.

8 דערנער ווערן נישט געיעטעט און נישט פאַרזייט, און פון זיך אַליין גייען זיי אויף און וואַקסן גאָר הויך ; ווייץ אָבער, וויפל זאָרג און אַרבעט פאָדערט זיך ביז עס וואַקסט אויף !

9 ווען אפילו איר וועט געפינען אין לאַנד אַלדאָס גוטס, זאָלט איר נישט זאָגן : „מיר וועלן זיצן ליידיק און נישט מער פלאַנצן", נאָר איר זאָלט כסדר פלאַנצן נייע ביימער.

10 אין אַ שטאָט, ווו עס איז נישטאָ קיין גרינס, טאָר קיין תלמיד חכם אין איר נישט וווינען.

11 ערד קאָן מען נישט אָוועקרויבן.

12 מיטן שווייס פון דיין פּנים וועסטו עסן ברויט.

13 ווער עס באַאַרבעט זיין ערד, עסט ברויט צו דער זעט.

14 אויב מען איז איבערגעגעבן דער ערד ווי אַ קנעכט, עסט מען ברויט צו דער זעט, אויב נישט, גיט די ערד נישט איר תבואה.

עולם

1 האדם נברא לעולם ולא העולם לו. (מלאכת מחשבת, וירא)

2 אם יש עולם — אין משפט בלא צדק, ואם יש משפט בלא צדק — אין עולם מתקיים. (מדרש „שכל טוב", וירא)

3 אין העולם הפקר. (פתגם עממי)

4 כל אחד חייב לומר: בשבילי נברא העולם. (סנהדרין לז)

5 כל העולם כולו שלך הוא, כל מה שאתה רוצה בעולמך — עשה. (סנהדרין לח)

6 על שלשה דברים העולם עומד: על התורה, על העבודה ועל גמילות חסדים. (אבות א)

7 על שלשה דברים העולם קיים: על הדין ועל האמת ועל השלום. (אבות א)

8 כל מה שברא הקב"ה בעולמו, זכר ונקבה בראם. (בבא בתרא עד)

9 אין שום דבר נעשה בעולם לבטלה חס־ושלום. (ר' נחמן מברסלב)

10 בכל עסקי עולם הזה יש בהם תכלית פנימית. (ישראל בעש"ט)

11 כל מה שיש בעולם יש בתוכו חכמה. (אור האמת מד)

12 יש דברים נפלאים וחכמות עליונות ונוראות אפילו בזה העולם. (ר' נחמן מברסלב)

13 עולם לסולם הוא דומה: זה עולה וזה יורד. (תנחומא, מטות)

14 אם אין בעולם מה שאתה מבקש, בקש מה שנמצא. (מ. אבן־עזרא)

וועלט

1 דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דער וועלט און נישט די וועלט פאַר אים.

2 איז דאָ אַ וועלט — איז נישטאָ קיין משפט אָן צדק, איז פאַראַן דין אָן צדק — קאָן די וועלט נישט האָבן קיין קיום.

3 די וועלט איז נישט הפקר.

4 יעדער איינער דאַרף זאָגן: „פון מיינעטוועגן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. געמיינט: יעדער מענטש טראָגט דעם אחריות פאַר דעם סדר אין דער וועלט.

5 די וועלט איז אין גאַנצן דיינע, וואָס דו ווילסט טו אין איר. געמיינט: דער מענטש האָט די בחירה צו טאָן גוטע אָדער שלעכטע מעשים.

6 אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף תורה, אויף אַרבעט און אויף גמילות־חסדים (קעגנזייטיקער הילף).

7 אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף געזעץ, אויף אמת און אויף שלום.

8 אַלע באַשעפענישן אויף דער וועלט האָט גאָט באַשאַפן זכר און נקבה.

9 קיין שום זאַך געשעט נישט אויף דער וועלט אומזיסט, חס־ושלום.

10 אין די אַלע ענינים פון דער וועלט איז פאַראַן אַן אינעווייניקסטער תכלית.

11 אין יעדער זאַך אויף דער וועלט איז פאַראַן חכמה.

12 ווונדערבאַרע זאַכן און העכערע, פּראַקטיקע חכמות זענען פאַראַן אויך אויף דער וועלט.

13 די וועלט איז געגליכן צו אַ לייטער: איינער גייט אַרויף און דער אַנדערער גייט אַראָפּ.

14 אויב עס איז נישטאָ אויף דער וועלט דאָס וואָס דו ווילסט, באַגער דאָס וואָס עס איז פאַראַן.

15 **הגבור הוא מי שימאס בעולם הזה, והחלש הוא מי שיכבד אותו.**
(מ. אבן־עזרא)

16 **כל המקבל עליו תענוגי עולם־הזה, מונעין ממנו תענוגי העולם הבא.**
(אבות דרבי נתן כח)

17 **העולם הזה דומה לפרוזדור בפני העולם הבא.** (אבות ד)

18 **לולא המשתגעים נשאר העולם חרב.** (רמב״ם)

15 אַ גיבור איז דער וואָס פאַראַכטעט עולם־הזה און שוואַך איז דער יעני־קער, וואָס שעצט זי.

16 ווער עס יאָגט זיך נאָך די פאַרגעניגנס פון עולם־הזה, פון דעם ווערן אָפּגעהאַלטן די תענוגים פון עולם הבא.

17 די וועלט איז ווי אַ קאָרידאָר צו יענער־וועלט.

18 ווען נישט די „משוגעים" (צו בויען און צו שאַפן) וואָלט די וועלט פאַרבליבן וויסט.

עוני, יסורים וצרות

1 **אנחה שוברת חצי גופו של אדם.** (ברכות נח)

2 **דיה לצרה בשעתה.** (ברכות ט)

3 **חברך מית — אשר, איתעשר — לא תאשר.** (גיטין ל)
([אם אמרו לך] חברך מת — תאמין, חברך נתעשר — אל תאמן)

4 **חולה שמת לו מת אין מודיעין אותו.** (מועד קטן כו)

5 **יסורין ממרקין כל עוונותיו של אדם.** (ברכות ה)

6 **צרות מכהין (מכהות) את העיניים.** (פס׳ זוטרתי, בראשית)

7 **צרת רבים חצי נחמה.** (מימרה עממית)

8 **צרות האחרונות משכחות את הראשונות.** (תוספתא, ברכות א׳ יג)

9 **אין לך צרה הבאה על אדם שאין לאחרים בה רווח.** (בראשית רבה לח)

10 **לא תקום פעמיים צרה.** (על־פי נחום א׳, 9)

11 **שומר פיו ולשונו, שומר מצרות נפשו.** (משלי כא, 23)

12 **אין לך מיתה קשה יותר ממיתת רעב.** (מכילתא בשלח)

13 **רעב קשה מחרב.** (בבא בתרא ח)

14 **אין בעולם קשה מן העניות.** (שמות, רבה לא)

15 **בנות ישראל נאות הן, אלא שהעניות מנולתן.** (נדרים סו)

16 **עשרה קבים יסורים ירדו לעולם, תשעה נטלו ישראל ואחד — כל העולם כולו.** (מדבר יהודה)

17 **סומא חשוב כמת.** (לפי עבודה זרה ה).

18 **עני חשוב כמת.** (לפי נדרים סו)

אָרעמקייט, יסורים און צרות

1 אַ זיפץ צעברעכט אַ האַלבן גוף פון דעם מענטש.

2 גענוג צו זאָרגן בשעת די צרה קומט.

3 דערציילט מען אויף דיין חבר אַז ער איז געשטאָרבן — גלויב; אַז ער איז רייך געוואָרן — גלויב נישט.

4 מען גיט נישט צוּוויסן אַ קראַנקן וועגן טויט פון זיינעם אַ נאָענטן.

5 יסורים לייטערן דעם מענטשן פון זיינע זינד.

6 צרות פאַרנעפּלען די אויגן.

7 אַ צרה וואָס קומט אויפן כלל איז אַ האַלבע טרייסט.

8 די שפּעטערדיקע צרות מאַכן פאַרגעסן די פריערדיקע.

9 נישט פאַראַן קיין צרה, וואָס קומט אויף אַ מענטשן, אַז אַנדערע זאָלן פון איר נישט געניסן. געמיינט: געוויסע מענטשן קומען אויף פון יענעמס אומגליק.

10 אַ צרה וואָס איז איינמאָל געקומען אויפן מענטשן, וועט נישט קומען אויף אים נאָכאַמאָל.

11 ווער עס היט זיין מויל און צונג, דער היט זיך אויס פון צרות.

12 נישט פאַראַן קיין מער שווערער טויט, ווי פון הונגער.

13 הונגער איז ערגער פון שווערד.

14 נישט פאַראַן קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט ווי אָרעמקייט.

15 יידישע טעכטער זענען שיינע, נאָר די אָרעמקייט מאַכט זיי מיאוס.

16 צען מעסטלעך יסורים זענען אַראָפּ אויף דער וועלט, ניין פון זיי האָבן גענומען יידן און איין מעסטל די גאַנצע וועלט.

17 אַ בלינדער איז גלייך צו אַ געשטאָרבענעם.

18 אַן אָרעמאַן איז גלייך צו אַ געשטאָרבענעם.

19 עניות כמיתה. (נדרים ז)

20 קשה עניות בתוך ביתו של אדם יותר מחמישים מכות. (בבא בתרא קטז)

21 עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו. (לפי עירובין מא)

22 לועג לרש חרף עושהו. (משלי יז, 5)

23 הזהרו בבני עניים, שמהם תצא תורה. (נדרים פא)

24 עניי עירך ועניי עיר אחרת —— עניי עירך קודמים. (בבא מציעא עא)

25 אין הקבצנים פושטים את הרגל. (פתגם עממי)

26 הקבצן אינו ברֵרן. (פתגם עממי)

27 אין הקבצנים יראים ממהפכה. (פתגם עממי)

28 העניים מבקשים בשר לקיבתם, והעשירים — קיבה לבשרם. (פתגם עממי)

29 כל הסימנים בטלים, חוץ מסימן דלות. (פתגם עממי)

30 אל תתיאש מן הפורענות. (אבות א)

31 אין לך אדם בלא יסורים. (בראשית רבה, צב)

32 כל צרה שהיא של יחיד — צרה, ושאינה של יחיד — אינה צרה. (דברים רבה, ב)

33 כי את אשר יאהב ה׳ יוכיח וכאב את בן ירצה. (משלי ג, 12)

34 חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה. (ברכות נד)

35 אין יסורין באים על האדם אלא לטובתו. (תנא דבי אליהו רבה יג)

36 טובת יום תשכיח הרעה, ורעת יום תשכיח טוב. (בן־סירא)

19 אָרעמקייט איז ווי דער טויט.

20 אָרעמקייט אין הויז איז ערגער פון פופציק מכות.

21 אָרעמקייט פירט אַראָפּ דעם מענטשן פונעם קלאָרן געדאַנק און דער־ווייטערט אים פון באַשעפער.

22 ווער עס שפּעט אָפּ פונעם אָרעמאַן, לעסטערט דעם באַשעפער.

23 האַלט טייער די קינדער פון די אָרעמעלייט, ווייל פון זיי קומט די תורה.

24 פריער זאָרג פאַר די אָרעמעלייט פון דיין שטאָט און דערנאָך פאַר די פון אַנדערע שטעט.

25 קבצנים באַנקראָטירן נישט.

26 אַ קבצן איז נישט קיין איבערקלייבער.

27 קבצנים שרעקן זיך נישט פאַר קיין איבערקערעניש (רעוואָלוציע).

28 אָרעמעלייט זוכן פלייש פאַרן מאָגן און רייכע — אַ מאָגן פאַרן פלייש.

29 אַלע סימנים וועלן מיט דער צייט בטל ווערן, נאָר דער סימן דלות וועט בלייבן.

30 פאַל נישט אַריין אין יאוש, ווען עס קומט אָן אויף דיר אַ צרה.

31 נישטאָ קיין מענטש אָן יסורים.

32 אַ צרה וואָס קומט אויף אַ יחיד, איז אַ צרה און אויב נישט אויף אַ יחיד, איז נישט קיין צרה (זע: „צרת רבים").

33 וועמען גאָט האָט ליב, דעם שטראָפט ער, ווי אַ פאָטער דעם זון, וואָס ער האָט ליב.

34 אַ מענטש דאַרף דאַנקען (גאָט) פאַר שלעכטס אַזוי ווי פאַר גוטס.

35 יסורים קומען אויפן מענטשן נאָר פון זיין טובה וועגן.

36 גוטס פון היינט מאַכט פאַרגעסן דאָס שלעכטס פון נעכטן. און שלעכטס פון מאָרגן מאַכט פאַרגעסן דאָס גוטס פון היינט.

37 **חבל על דאבדין ולא משתכחין.** (סנהדרין קיא)

38 **אל תנחם את חברך בשעה שמתו מוטל לפניו.** (לפי אבות ד)

39 **טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה.** (קוהלת ז, 2)

40 **משנכנס אב ממעטין בשמחה.** (תענית כט)

41 **באו מים עד נפש.** (תהלים סט, 2)

42 **דל מרעהו יפרד.** (משלי יט, 4)

43 **חכמת המסכן בזויה ודבריו אינם נשמעים.** (קוהלת ט, 16)

44 **תחנונים ידבר רש ועשיר יענה עזות.** (משלי יח, 23)

45 **זוזא לעללא לא שכיחא, לתיליתא שכיחא.** (חגיגה ה)
(זוז לתבואה אינו מצוי ולצרה מצוי)

46 **חסרון כיס קשה מכולם.** (קוהלת רבה ז׳)

47 **הקב״ה מקדים הרטיה ואחר־כך הוא מכה.** (מדרש חזית ד)

48 **אם רואה אדם שיסורין באים עליו יפשפש במעשיו.** (ברכות ה׳)

49 **אפילו חרב חדה מונחת לו על צוארו של אדם, אל ימנע עצמו מן הרחמים.** (ברכות י)

50 **ארבעה חשובים כמתים: עני ומצורע וסומא ומי שאין לו בנים.** (נדרים סד)

51 **כל שהקב״ה חפץ בו, מדכאו ביסורים.** (ברכות ה׳)

52 **מי שאינו לא חיגר ולא סומא ולא פיסח ועושה עצמו כאחד מהם, אינו מת מן הזקנה עד שיהיה כאחד מהם** (פאה ח)

37 אַ שאָד די, וואָס זענען אַוועק פון דער וועלט און זענען נישט צום פאַרגעסן (אַנגענומענער שפּרוך נאָך געשטאָרבענע).

38 טרייסט נישט דיין חבר, ווען דער מת ליגט נאָך פאַר זיינע אויגן.

39 גלייכער צו גיין מנחם־אָבל זיין, איידער צו נעמען אַנטייל אין אַ פריילעכער סעודה.

40 אַז עס קומט אָן דער חודש אב, מאַכט מען ווייניקער שמחות.

41 דאָס וואָסער איז געקומען ביזן נפש (עס פאַרפעלט אָטעם).

42 דער אָרעמאַן ווערט געשיידט (אָפּגעזונדערט) פון זיין בעסטן פריינד.

43 די חכמה פונעם אָרעמאַן ווערט פאַראַכט און זיינע (קלוגע) ווערטער ווערן נישט געהערט.

44 תחנונים רעדט דער אָרעמאַן, אָבער דער רייכער ענטפערט עזותדיק.

45 אויף צו קויפן תבואה איז נישטאָ קיין געלט, אָבער אַז עס טרעפט אַ צרה, איז שוין פאַראַן (פאַרן טייוול איז אייביק דאָ).

46 אָרעמקייט איז ערגער פון אַלץ (חסרון־כיס איז דער ערגסטער פון אַלע חסרונות).

47 גאָט גיט פריער דעם פלאַסטער און דערנאָך שלאָגט ער (שיקט די רפואה פאַר דער מכה).

48 אויב אַ מענטש זעט, אַז עס קומען אויף אים יסורים, זאָל ער בודק זיין זיינע מעשים.

49 אַפילו ווען אַ שאַרפער שווערד ליגט אויפן האַלדז פון אַ מענטש, זאָל ער נישט אויפהערן האָפן אויף הילף.

50 פאַר פיר מענטשן איז דאָס לעבן קיין לעבן נישט: אַן אָרעמאַן, אַ קרעציקער, אַ בלינדער און אַ קינדערלאָזער.

51 וועמען גאָט האָט ליב, אויף דעם ברענגט ער יסורים.

52 ווער עס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ לאָמען, פאַר אַ בלינדן אָדער פאַר אַ הינקנדיקן (כדי צו געניסן פון צדקה), וועט נישט אויסלעבן זיינע יאָרן, ביז ער וועט ווערן ווי איינער פון זיי.

53 **צרה שישראל ואומות העולם שותפין בה אינה צרה, של ישראל לעצמן צרה.** (ילקוט דברים)

54 **אוכל דג מבאיש, לוקה ונותן מאה מנה.** (מכילתא, בשלח)

55 **דאגה הורגת גבורים שבגבורים.** (לפי סנהדרין ק)

56 **גלות מכפרת על הכול.** (סנהדרין לז)

57 **בתר עניא אזלא עניותא.** (בבא קמא צב)
(אחר העני הולכת העניות)

53 אַ צרה וואָס רירט אָן סיי יידן און סיי אַנדערע פעלקער, איז נישט שרעקלעך, די אמתע צרה איז די, וואָס קומט בלויז אויף יידן.

54 פֿאַרשטונקענע פיש געגעסן, געקריגן געשמיסן און באַצאָלט הונדערט פונט קנס.

55 דאגות לייגן אָוועק דעם גרעסטן גיבור.

56 גלות איז מכפּר אויף אַלע זינד.

57 דעם אָרעמאַן גייט נאָך די אָרעמקייט.

עם ישראל וגאולה

1 **ישראל קדושים הם.** (שבת פו)

2 **ישראל מצווין על קידוש השם.** (ירוש׳ סנהדרין כא)

3 **ישראל אף־על־פי שחטא ישראל הוא.** (ע״פ סנהדרין מד)

4 **ישראל אחד חוטא וכולם נענשים.** (מכילתא, יתרו)

5 **יאה עניותא לישראל.** (ע״פ חגיגה ט)

6 **ישראל עשויים דיש לכל באי עולם.** (פסיקתא רבתי יא)

7 ישראל באומות כלב באברים: רוב חליים מכולם ורוב בריאות מכולם. (ר׳ יהודה הלוי, כוזרי)

8 **כל בני ישראל יש להם דרך ארץ.** (כלה א)

9 **כל המצר לישראל נעשה ראש.** (גיטין נו)

10 **כל הגולה כמדורת האש.** (ראש השנה כב)

11 **כל המרחם על הבריות בידוע שהוא מזרעו של אברהם אבינו.** (ביצה לב)

12 **כל העוזר לישראל כאלו עזר לשכינה.** (תנחומא הישן, ויחי)

13 **כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא.** (סנהדרין צ)

14 **אבן מאסו הבונים היתה לראש פנה.** (תהלים קיח, 22)

15 **אתה בחרתנו מכל העמים.** (תפילה)

16 **בזכות תורה וישראל ינצל העולם.** (ויקרא רבה)

17 **בזמן שישראל בחבורה אחת, אפילו עובדי עבודה זרה, אין מידת הדין נוגעת בהם.** (תנחומא, שופטים יח)

יידיש פאָלק און גאולה

1 יידן זענען הייליק.

2 יידן האָבן באַקומען אַן אָנזאָג צו גיין אויף קידוש השם.

3 ווען אַ ייד זינדיקט, בלייבט ער אַלץ אַ ייד.

4 ווען איין ייד זינדיקט, ווערן אַלע באַשטראָפט.

5 אָרעמקייט (באַשיידנקייט) איז שיין פאַר יידן.

6 יידן ווערן געדראָשן (געטראָטן) פון אַלעמען אין דער וועלט.

7 יידן צווישן פעלקער זענען ווי דאָס האַרץ צווישן די גלידער. זענען די אברים געזונט, איז דאָס האַרץ שטאַרק; זענען זיי אָבער קראַנק, איז אויך דאָס האַרץ שוואַך.

8 אַלע יידן פאַרמאָגן דרך־ארץ.

9 ווער עס דריקט יידן, ווערט ביי די שונאים דערהויבן.

10 דער גלות איז ווי אַ ברענענדיקער שייטער.

11 ווער עס האָט רחמנות אויף מענטשן, דער שטאַמט פון יידן.

12 ווער עס העלפט יידן, איז ווי ער וואָלט געהאָלפן, כביכול, די שכינה.

13 אַלע יידן האָבן אַ חלק עולם־הבא.

14 דער שטיין, וואָס די בויער האָבן פאַראַכט, איז געוואָרן צום הויפּט־ווינקל פון בנין. ווערט באַנוצט אין זין: יידן וועלן ווערן אַן אָנגעזען פאָלק צווישן פעלקער.

15 דו (גאָט) האָסט אונז אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער.

16 אין זכות פון תורה און יידן וועט די וועלט אָפּגעראַטעוועט ווערן.

17 ווען יידן האַלטן זיך צוזאַמען, אפילו זיי דינען עבודה־זרה, באַציט זיך נישט גאָט צו זיי מיט מידת הדין (מיט האַרבקייט).

18 בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, מלאכתן נעשית על־ידי אחרים. (ברכות לה)

19 גדולה היא הכבשה שעומדת בין שבעים זאבים. (אסתר רבה פו)

20 גלות מכפרת על הכול. (סנהדרין לז)

21 הנח להם לישראל; אם אין נביאים הם, בני נביאים הם. (פסחים סו)

22 מי יתן כל העם ה׳ נביאים. (במדבר יא, 29)

23 נמשלו ישראל לזית... מה השמן הזה אין מתערב, כך ישראל אין מתערבים באומות העולם. (לפי שיר השירים א)

24 נמשלו ישראל לתפוח... מה תפוח זה פריו קודם לעליו, אף ישראל הקדימו „נעשה" ל„נשמע". (לפי שבת פח)

25 נמשלו ישראל לשושנה... מה שושנה זו ניכרת בין העשבין, כך ישראל ניכרים בין האומות. (לפי ויקרא רבה פ"כג)

26 כל ישראל חברים. (ירוש׳ חגיגה פ"ג)

27 כל ישראל בני מלכים הם. (שבת סג)

28 כל ישראל ערבים זה בזה. (שבועות לט)

29 כמה חביבים ישראל לפני הקב"ה, שבכל מקום שגלו שכינה עמהם. (מגילה כט)

30 כמה נאין מעשיהן של אומה זו. (שבת לג)

31 כשפורענות באה לעולם אין מרגיש בה תחילה אלא יעקב. (איכה רבה ב)

32 לא קבלו ישראל את התורה אלא כדי שלא תהא אומה ולשון שולטת בהם. (עבודה זרה ה)

33 אוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם. (ברכות ג)

34 אוי לו לאב שהגלה את בניו. (ברכות ג)

18 ווען יידן טוען דעם ווילן פון גאָט, ווערט זייער אַרבעט געמאַכט דורך אַנדערע.

19 גרויס איז דער כוח פון שעפּעלע (יידיש פאָלק), וואָס האַלט אויס צווישן זיבעציק וועלף (שונאים).

20 דער גלות איז מכפּר אויף אַלץ.

21 לאָז צורו די יידן; אויב זיי אַליין זענען נישט קיין נביאים, זענען זיי אָבער קינדער פון נביאים.

22 הלוואי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק זיין נביאים.

23 יידן זענען געגליכן צו אַן איילבירטבוים. ווי בוימל קאָן זיך נישט אויסמישן מיט אַנדערע פליסיקייטן, אַזוי קאָנען יידן נישט אַסי־מילירן זיך מיט אַנדערע פעלקער.

24 יידן זענען געגליכן צו אַן עפּלבוים. ווי ביים עפּלבוים קומט די פרוכט זיינע פאַר די בלעטער, אַזוי האָבן אויך יידן בשעת מתן־תורה אויס־געזופן „נעשה" (מיר וועלן טון) פאַר „נשמע" (מיר וועלן הערן).

25 יידן זענען געגליכן צו אַ רויז. ווי די רויז זעט זיך אָן צווישן אַלע אַרומיקע גראָזן, אַזוי זעען זיך אויך אָן יידן צווישן אַנדערע פעלקער.

26 אַלע יידן זענען חברים.

27 אַלע יידן זענען פּרינצן.

28 אַלע יידן זענען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן אַנדערן.

29 יידן זענען ליב ביי גאָט, אין יעדן גלות איז די שכינה מיט זיי.

30 ווי שיין זענען די מעשים פון דער יידישער אומה.

31 ווען צרות קומען אויף דער וועלט, פילן זיי יידן די ערשטע.

32 יידן האָבן באַקומען די תורה, כדי קיין שום פאָלק זאָל נישט הערשן איבער זיי.

33 וויי צו די קינדער, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון טאַטנס טיש.

34 וויי צום פאָטער, וואָס האָט פאַרטריבן זיינע קינדער.

35 **אין מזל לישראל.** (שבת קנו)

36 **אי אתה יכול לעמוד על אפיה של אומה זו: נתבעין לעגל ונותנין, נתבעין למשכן ונותנין.** (שקלים ב)

37 **אפילו מחיצה של ברזל אינה מפסקת בין ישראל לאביהם שבשמים.** (סוטה לח)

38 **אפילו ריקנים שבך מלאים מצוות כרימון.** (ברכות נז)

39 **עמא פזיזא שהקדימו „נעשה" ל„נשמע".** (לפי שבת פח)

40 **עתידים ישראל שידברו בלשון אחת.** (אוצר מדרשים עמ' 71)

41 **מלכות באה ומלכות הולכת וישראל לעולם קיימים.** (דרך־ארץ רבה)

42 **אומה זו משולה לעפר ומשולה לכוכבים: כשהם יורדים — יורדים עד עפר, וכשהם עולים — עולים עד לכוכבים.** (מגילה טז)

43 **כל ישראל אחים הם.** (תנחומא, נשא)

44 **שיחתם של ישראל תורה היא.** (מדרש תהלים פה)

45 **שלשה סימנים יש באומה זו: רחמנים, בישנים וגומלי חסדים.** (יבמות עט)

46 **כנסת ישראל נמשלה ליונה.** (ברכות נג)

47 **חביבים ישראל שנקראו בנים למקום.** (אבות ג)

48 **חביבים ישראל שניתן להם כלי חמדה.** (אבות ג)

49 **חביבין מצוות על ישראל.** (שבת לג)

50 **צדקה עשה הקב"ה עם ישראל, שפיזרן לבין האומות.** (פסחים פז)

51 **הן עם לבדד ישכון.** (במדבר כג, 9)

35 יידן זענען נישט אָפּהענגיק פון מזלות.

36 שוועד פעסטצושטעלן דעם כאַראַקטער פון דער דאָזיקער אומה: מאָנט מען ביי זיי גאָלד אויפן עגל — גיבן זיי, מאָנט מען ביי זיי אויפן משכן — גיבן זיי אויך.

37 אפילו אַן אײַזערנע מחיצה קאָן נישט אָפּטיילן יידן פון זייער פאָטער אין הימל.

38 אַפילו די לייכטזיניקע ביי יידן זענען פול מיט מצוות, ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך.

39 אַן אייליק פאָלק זענען יידן. זיי האָבן בשעת מתן־תורה אויסגערופן פריער „נעשה" (מיר וועלן טון) פאַר „נשמע" (מיר וועלן הערן).

40 יידן וועלן אין דער צוקונפט רעדן אויף איין שפּראַך.

41 אַ מלכות (קעניגרייך) גייט אַוועק און אַ מלכות קומט־אָן, און יידן פאַר־בלייבן תמיד.

42 יידן זענען געגליכן צו ערד און צו שטערן. אַז זיי פאַלן — איז נידעריק צו דער ערד, אַז זיי ווערן דערהויבן — איז הויך ביז די שטערן.

43 אַלע יידן זענען ברידער.

44 אויך פון געוויינלעכן שמועס פון יידן קאָן מען לערנען.

45 דריי כאַראַקטער־שטריכן פאַרמאָגן יידן: זיי זענען באַרמהאַרציקע, שעמעוודיקע און בעלי־טובות.

46 יידן זענען געגליכן צו אַ טויב.

47 יידן זענען באַליבט, זיי ווערן אָנגערופן גאָטס קינדער.

48 יידן זענען באַליבט ביי גאָט, ער האָט זיי געגעבן אַ טייערע כלי (די תורה).

49 יידן האָבן ליב צו טון מצוות.

50 אַ צדקה האָט גאָט געטון מיט די יידן, וואָס ער האָט זיי צעשפּרייט צווישן אַ סך אומות (כדי יידן זאָלן ברענגען די פעלקער גאָטס וואָרט).

51 אַ פאָלק וואָס רוט באַזונדער און רעכנט זיך נישט צווישן די אומות (מישט זיך נישט אויס מיט אַנדערע פעלקער).

52 **מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ?** (שמואל־ב, ז, 23)

53 **עם קשה עורף הוא.** (שמות לב, 9)

54 **אין ישראל נפדה אלא בצדקה.** (שבת קלט)

55 **אין לך כל שבט ושבט מישראל שלא יצאו ממנו נביאים.** (סוכה כז)

56 **אמר הקב"ה: ישראל אצלי הם תמימים כיונים, אבל אצל אומות העולם הם ערומים כנחשים.** (מדרש חזית ב)

57 **בזמן שישראל בירידה התחתונה הם עולים.** (תנחומא, שמות)

58 **אין ישראל נגאלים עד שיהיו כולם אגודה אחת.** (תנחומא, נצבים)

59 **גאולתן של ישראל בתחילה באה קימעא קימעא, כל שהיא הולכת היא רבה והולכת.** (ירושלמי ברכות א)

60 **הכופר בעבודה זרה נקרא יהודי.** (מגילה יג)

61 **או יהודי או צלוב.** (שמות רבה מב)

62 **אי אפשר לישראל בלא תורה.** (מכילתא, בשלח)

63 **ישראל ואוריתא (והתורה) חד הוא.** (פתגם סופרים)

64 **נצח ישראל לא ישקר.** (שמואל—א טו, 29)

65 **אין בן־דוד בא אלא בדור שכולו זכאי או כולו חייב.** (סנהדרין צח)

66 **אין בן־דוד בא עד שיכלו גסי הרוח מישראל.** (סנהדרין צח)

67 **אין בן־דוד בא עד שיתיאשו מן הגאולה.** (סנהדרין צז)

68 **אין בן־דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס.** (סנהדרין צז)

52 וואָסער איינציקע אומה אויף דער ערד איז אַזוי ווי דיין פֿאָלק ישראל?

53 אַ האַרטנעקיק (עקשנותדיק) פֿאָלק איז עס.

54 יידן וועלן נישט אויסגעלייזט ווערן, נאָר דורך צדקה (גערעכטיקייט).

55 נישט געווען ביי יידן קיין שבט, וואָס האָט נישט אַרויסגעגעבן פֿון זיך קיין נביאים.

56 גאָט זאָגט: ביי מיר זענען יידן תמימותדיקע ווי טויבן, אָבער ביי די אומות העולם האַלט מען זיי פֿאַר דורכגעטריבן קלוגע, ווי שלאַנגען.

57 ווען עס קומען צרות אויף יידן און זיי פֿאַלן נידעריק, דעמאָלט שטייגן זיי הויך גייסטיק און מאָראַליש.

58 יידן וועלן פֿריער נישט ווערן אויסגעלייזט ביז זיי וועלן זיך אַלע נישט האַלטן צוזאַמען ווי איין בינטל.

59 די גאולה פֿון יידן אין אָנהויב קומט ביסלעכוויז און דערנאָך שטאַרקט זי זיך אַלעמאָל מער.

60 ווער עס לייקנט אין געצנדינערײ, דער הייסט אַ ייד.

61 אָדער זיין אַ ייד, אָדער ווערן געקרייצט. געמיינט: אַ ייד דאַרף זיין גרייט צו שטאַרבן אויף קידוש השם.

62 יידן האָבן נישט קיין קיום (אַלס פֿאָלק) אָן דער תורה.

63 יידן און תורה זענען איינס.

64 דער אייביקער פֿון ישראל וועט נישט ליגנערן (דער שר פֿון דער יידישער אומה וועט נישט אַנטוישן).

65 משיח וועט זיך אַנטפּלעקן נאָר אין אַ דור וואָס איז פֿולשטענדיק גוט אָדער אינגאַנצן שלעכט.

66 משיח וועט קומען דעמאָלט, ווען עס וועלן ביי יידן נישט זיין מער קיין גראָבע און פֿרעכע יונגען.

67 משיח וועט קומען דעמאָלט, ווען אַלע וועלן זיך שוין האָבן מיאש געווען אין דער גאולה.

68 משיח וועט קומען דעמאָלט, ווען עס וועט ביי קיינעם נישט זיין מער קיין פּרוטה אין טאַש.

69 **דור שבן־דוד בא העזות תרבה.** (סנהדרין צז)

70 **דור שבן־דוד בא תלמידי חכמים מתמעטים.** (סנהדרין צז)

71 **כל הנביאים כולם לא נתנבאו אלא לימות המשיח.** (ברכות לד)

69 משיח וועט קומען אין אַ דור, וואָס זיין חוצפּה וועט זיין גרויס.

70 אין דעם דור, וואָס משיח וועט קומען, וועלן זיין ווייניק תלמידי חכמים.

71 אַלע נביאים האָבן נבואה געזאָגט נאָר אויף משיחס צייטן.

ענווה וגאווה

1 **אל תאמר: „אני ואפסי עוד".** (לפי ישעיהו מז, 8)

2 **יהללך זר ולא פיך.** (משלי כז, 2)

3 **גאוות אדם תשפילנו ושפל רוח יתמוך כבוד.** (משלי כט, 23)

4 **אל תהי חכם בעינך.** (משלי ג, 7)

5 **קול אילני סרק יותר נשמע מקול אילני פרי.** (רש"י ישעיה)

6 **אוי לה לגדולה שמקברת את בעליה.** (תנא דבי אליהו יב)

7 **אוי לה לרבנות שמקברת את בעליה.** (פסחים פז)

8 **אסתרא בלגינא קיש קיש קריא.** (בבא מציעא פה)
(אסתרא [מטבע] אחד בתוך כד ריק מקשקש)

9 **ענווה מביאה לידי יראת חטא.** (עבודה זרה כ)

10 **דע, מה למעלה ממך.** (אבות ב)

11 **דע, מאין באת.** (אבות, ג)

12 **הגדולה מקצרת ימים.** (ירושלמי ברכות פ"א)

13 **גדולה ענווה שבה נשתבח משה רבנו.** (מדרש „גדול וגדולה")

14 **הדר חכמה — ענווה.** (דרך ארץ זוטא)

15 **כל הרודף אחר הכבוד, הכבוד בורח ממנו, וכל הבורח מן הכבוד, הכבוד רודף אחריו.** (תנחומא, ויקרא)

16 **כל מי שרודף אחר שררה, שררה בורחת ממנו.** (תנחומא הישן, ויקרא ג)

17 **כל הבורח מן הגדולה, הגדולה מחזרת אחריו.** (עירובין יג)

18 **כל מי שגדול מחברו, נמוך ממנו.** (בראשית רבה, נח)

באַשיידנקייט און גאווה

1 זאָלסט נישט זאָגן: „איך, און חוץ מיר איז נישטאָ מער״.

2 זאָל דיך לויבן אַן אַנדערער און נישט דיין אייגן מויל.

3 די גאווה פון אַ מענטשן דערנידעריקט אים, און דער באַשיידענער וועט קריגן כבוד.

4 זאָלסט נישט זיין אַ חכם אין דיינע אויגן.

5 ביימער וואָס טראָגן נישט קיין פרוכט, רוישן מער.

6 ווי צו דער גדלות, וואָס באַגראָבט איר באַזיצער.

7 ווי צו דער הערשאַפט־מאַניע, וואָס באַגראָבט אירע באַזיצערס.

8 איין „אסתרא״ (נאָמען פון אַ מטבע) אין אַ ליידיקן קרוג קלאַפּט שטאַרק. געמיינט: אַ מענטש אָן וויסן מאַכט אַ טומל.

9 באַשיידנקייט פאַרמיידט זינד.

10 וויס, וואָס איז העכער פון דיר.

11 וויס, פון וואַנען דו שטאַמסט.

12 גדלות פאַרקירצט די יאָרן פון מענטשן.

13 באַשיידנקייט איז אַ גרויסע זאַך, זי איז געווען דער לויב־קראַנץ פון משה רבנו.

14 באַשיידנקייט באַשיינט די חכמה.

15 כבוד אַנטלויפט פון דעם, וואָס יאָגט זיך נאָך אים און לויפט נאָך דעם מענטש, וואָס זוכט אים נישט.

16 הערשאַפט אַנטלויפט פון דעם, וואָס יאָגט זיך נאָך איר.

17 גרויסקייט גייט צו דעם, וואָס אַנטלויפט פון איר.

18 ווער עס האַלט זיך גרעסער פון אַנדערן, דער איז אייגנטלעך נידעריקער פון אים.

19 **למה נברא [האדם] באחרונה? — כדי שלא תזוח דעתו עליו.** (תוספ׳ סנהדרין ח)

20 **לא מקומו של אדם מכבדו, אלא אדם מכבד את מקומו.** (תענית כא)

21 **לעולם יהא אדם ענוותן כהלל.** (שבת ל)

22 מה מים מניחים מקום גבוה והולכים למקום נמוך, אף דברי תורה אינם מתקיימים אלא במי שדעתו שפלה. (תענית ז)

23 נוח לעלות לבימה וקשה לירד. (ילקוט תורה רמז)

24 **מרגלית, כל מקום שהיא, מרגלית שמה.** (מגילה טו)

25 **ענווה סיג לחכמה.** (כלה רבתי ג)

26 **הוי זנב לאריות ואל תהא ראש לשועלים.** (אבות א, ד)

27 **כל מקום שאתה מוצא גבורתו של הקב״ה, אתה מוצא ענוותנותו.** (מגילה לא)

28 **אל יתהלל עשיר בעשרו.** (ירמיהו ט, 22)

29 **אל יתהלל חכם בחכמתו.** (ירמיהו ט, 22)

30 **אל יתהלל הגבור בגבורתו.** (ירמיהו ט, 22)

31 **אל יתהלל חוגר כמפתח.** (מלכים—א כ, 11)

32 **במקום גדולים אל תעמוד.** (משלי כה, 6)

33 **גבר יהיר ולא ינווה.** (חבקוק ב, 5)

34 **את צנועים חכמה.** (משלי יא, 2)

35 **לפני כבוד ענווה.** (משלי טו, 33)

36 **לפני שבר גאון.** (משלי טז, 18)

19 פאַרוואָס איז דער מענטש באַשאַפן געוואָרן צום סוף? — כדי ער זאָל זיך נישט איבערנעמען.

20 גישט דאָס אָרט מאַכט גרויס דעם מענטשן, נאָר דער מענטש גיט צו כבוד דעם אָרט.

21 תמיד זאָל אַ מענטש זיין באַשיידן ווי הלל.

22 ווי וואַסער פליסט נאָר אין די נידעריקע ערטער, אַזוי אויך האַלט זיך אויף די תורה נאָר ביי באַשיידענע מענטשן.

23 אַנגענעם איז דאָס אַרויפשטייגן אויף דער (געזעלשאַפטלעכער) בינע, שווער אָבער איז דאָס אַראָפשטייגן.

24 אַ פערל בלייבט אומעטום די זעלביקע.

25 באַשיידנקייט איז אַ צוים פאַר חכמה.

26 בעסער זיי דער עק ביי לייבן, איידער דער קאָפּ ביי פוקסן.

27 אומעטום אין דער תורה, וווּ עס ווערט דערמאָנט די גבורה פון גאָט, געפינסטו זיין באַשיידנקייט.

28 זאָל זיך נישט איבערנעמען דער עושר מיט זיין עשירות.

29 זאָל זיך נישט רימען דער חכם מיט זיין חכמה.

30 זאָל זיך נישט איבערנעמען דער גיבור מיט זיין גבורה.

31 זאָל דער, וואָס גורט ערשט אָן זיין שווערד (צו גיין אין מלחמה) זיך נישט איבערנעמען ווי דער, וואָס בינדט זיין שווערד אָפּ (נאָכן צוריק־קומען פון דער מלחמה).

32 אין דעם אָרט פון גרויסע לייט זאָלסטו נישט שטיין.

33 דער בעל־גאווה וועט נישט אָנהאַלטן.

34 ביי די באַשיידענע איז חכמה.

35 באַשיידנקייט פירט צו כבוד.

36 גאווה פירט צו מפּלה.

37 אדם נברא בערב שבת... שאם תזוח דעתו עליו, אומר לו: יתוש קדמך במעשה בראשית. (סנהדרין לח)

38 אל תבקש גדולה לעצמך ואל תחמוד כבוד. (אבות ו)

39 אל תהי רץ אחר שררה. (פסיקתא רבתי כב)

40 אפילו אתה מושלם בכל המעלות, אם אין בך ענווה אתה חסר. (כלה רבתי ג)

41 הוי אוהב את הענווה, כדי שתמלא שנותיך. (דרך ארץ זוטא פ״ט)

42 תורה מניחה את מי שדעתו גבוהה עליו ומדבקת במי שדעתו נמוכה עליו. (מדרש חזית א)

43 האי מאן דיהיר, אפילו אאינשי ביתיה לא מיקבל. (בבא בתרא צח)
(אדם יהיר איננו מקובל אף על בני ביתו)

44 האי מאן דיהיר, בעל מום הוא. (מגילה כט)
(הגאוותן הוא בעל מום)

45 אחרון אחרון חביב. (בראשית רבה עח)

46 בשכר צניעות שהיתה בה ברחל זכתה ויצא ממנה שאול. (מגילה יג)

47 בשכר צניעות שהיתה בו בשאול זכה ויצאה ממנו אסתר. (מגילה יג)

48 כל המתיהר אם חכם הוא חכמתו מסתלקת ממנו. (פסחים סו)

49 כל המתיהר נופל בגיהנום. (עבודה זרה יח)

50 דל גאה — אין הדעת סובלתו. (על־פי פסחים קיג)

51 מפני מה מת יוסף קודם לאחיו? — מפני שהנהיג עצמו ברבנות. (ברכות נה)

52 בהדר לבושך אל תתפאר, ובכבוד אל תתהלל. (בן־סירא)

37 דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן ערב שבת (צום לעצטן), אַז אויב ער וועט זיך איבערנעמען, וועט מען אים זאָגן: דער קליינינקער יתוש (קאָמאַר, מיק) איז געקומען אויף דער וועלט פאַר דיר.

38 זוך נישט קיין גדלות און באַגער נישט קיין כבוד.

39 יאָג זיך נישט נאָך קיין הערשאַפט.

40 אפילו דו פאַרמאָגסט אַלע מעלות, נאָר אויב דו האָסט נישט קיין באַשיידנקייט, פעלט דיר דאָס וויכטיקסטע.

41 זאָלסט ליב האָבן עניוות, כדי דו זאָלסט אויסלעבן דיינע יאָרן.

42 תורה דערווייטערט זיך פון דעם בעל־גאווה און באַהעפט זיך צום ענוו.

43 אַ בעל־גאווה איז נישט באַליבט אפילו ביי זיינע שטוב־מענטשן.

44 דער ריכטיקער קאַליקע איז דער בעל־גאווה.

45 דער לעצטער איז דער ליבסטער (צום סוף קומט דאָס בעסטע).

46 פאַר איר באַשיידנקייט האָט רחל זוכה געווען, אַז פון איר איז אַרויס־געקומען שאול המלך.

47 פאַר זיין באַשיידנקייט האָט שאול זוכה געווען, אַז פון אים איז אַרויס־געקומען אסתר המלכה.

48 דער חכם וואָס האַלט זיך גרויס, טראָגט זיך אָפּ פון אים די חכמה.

49 דער וואָס האַלט זיך גרויס, גייט אין גיהנום.

50 אַן אָרעמאַן אַ בעל־גאווה קאָן דער שכל נישט פאַרנעמען.

51 פאַרוואָס איז יוסף געשטאָרבן פאַר זיינע עלטערע ברידער? — ווייל ער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ געוועלטיקער (הערשער).

52 מיט דיינע פראַכט־קליידער נעם זיך נישט איבער, און מיטן כבוד זאָלסטו זיך נישט רימען.

עצה

1 **שומע לעצה חכם.** (משלי יב, 15)

2 **מים עמוקים עצה בלב איש, ואיש תבונה ידלנה.** (משלי כ, 5)

3 **בלא עצה אל תפעל דבר.** (בן־סירא)

4 **באין תחבולות יפול עם, ותשועה ברוב יועץ.** (משלי יא, 14)

5 **כל מי שנוטל עצה מן הזקנים אינו נכשל.** (שמות רבה, ג)

6 **מרבה עצה, מרבה תבונה.** (אבות ב)

7 **אין לך מתנה יקרה מעצה טובה.** (פתגם סופרים)

8 **הטוב שבסוסים צריך לרסן, והפיקח שבאנשים צריך לשאול עצה.** (מנחם המאירי)

9 **העצה הטובה היא מנוחה לך ועמל ליועץ.** (מ. אבן־עזרא)

10 **קל יותר ליתן עצה לאחר מלעצמו.** (נחמן מברסלב)

11 **אין משען חזק כמו לבקש עצה.** (ספר המפואר)

12 **אין טוב העצה ברוב היועצים.** (עקידת יצחק)

13 **העצה ביד העצל כאבוקה ביד העיור.** (עקידת יצחק)

14 **התיעץ עם מי שתבטח באהבתו וחכמתו.** (מוסר אב)

15 **הדעתן שבאנשים צריך לשאול עצה.** (עמנואל הרומי)

16 **אמיץ־הלב ישאל עצה מפי חכמים ולא יסוג אחור מדבריהם.** (מ. אבן־עזרא)

עצה

1 דער חכם פֿאַרנעמט אַן עצה.

2 ווי וואַסער אין אַ טיפֿן ברונעם איז די עצה אין מענטשנס האַרץ, אָבער אַ פֿאַרשטענדיקער שעפּט זי פֿון דאָרט אַרויס.

3 זאָלסט גאָרנישט טון, איידער דו פֿרעגסט אַן עצה.

4 אָן תחבולות (קלוגער פֿירונג) פֿאַלט אַ פֿאָלק און הילף קומט דורך אַ סך יועצים (עצה־געבער).

5 ווער ס'האַלט זיך אַן עצה מיט אַלטע לייט, דער פֿאַלט גישט דורי״.

6 מער עצות, מער פֿאַרשטאַנד.

7 נישטאָ נאָך אַזאַ טייערע מתּנה ווי אַ גוטע עצה.

8 דאָס בעסטע פֿערד דאַרף האָבן אַ צוים (אין מויל) און דער קליגסטער מענטש דאַרף פֿרעגן אַן עצה.

9 אַ גוטע עצה איז פֿאַר דיר אַ מנוחה און אַ מי פֿאַר דעם יועץ (עצה־געבער).

10 עס איז גרינגער צו געבן יענעם אַן עצה, ווי זיך אַליין.

11 נישטאָ נאָך אַזאַ שטאַרקער אָנשפּאַר, ווי האַלטן זיך מיט וועמען אַן עצה.

12 נישט גוט זיך האַלטן אַן עצה מיט אַ סך עצה־געבערס (ווייל יעדער פֿון זיי זאָגט אַנדערש).

13 אַן עצה אין דער האַנט פֿון אַ פּוילן, איז ווי אַ פֿלאַקער אין דער האַנט פֿון אַ בלינדן.

14 האַלט זיך אַן עצה מיט דעם, וואָס דו ביסט זיכער אין זיין פּריינט־שאַפֿט און אין זיין חכמה.

15 דער קענער (קלוגער) דאַרף אויך פֿרעגן אַן עצה.

16 דער מוטיקער דאַרף פֿרעגן אַן עצה ביי חכמים און נישט אָפּטרעטן פֿון זייערע רייד.

17 **אין דבר שיתן איש ברוח גדיבה כעצה.** (משלי יהושע)

18 **עצה טובה לא תסולא בפז.** (פתגם סופרים)

19 **זכור את עצת אוהבך, גם אם לא ישרה בעיניך.** (פתגם סופרים)

20 **הכעסן שונא יועצים.** (פתגם סופרים)

21 **אין בר־מזל נזקק ליועצים.** (פתגם עממי)

22 **עצה טובה אינה מאחרת לעולם.** (פתגם עממי)

23 **גם השוטה מסוגל פעם להשיא עצה נאמנה.** (פתגם עממי)

17 נישטאָ נאָך אַ זאַך, וואָס אַ מענטש זאָל געבן מיט אַזאַ ברייט האַרץ, ווי אַן עצה.

18 אַ גוטע עצה איז נישט אָפּצוּוועגן (אָפּצושאַצן) מיט גאָלד.

19 געדענק דיין פריינטס עצה, אפילו ווען זי געפעלט דיר נישט.

20 דער כעסן האָט פיינט עצה־געבער.

21 אַ בר־מזל נויטיקט זיך נישט אין עצה־געבער.

22 אַ גוטע עצה פאַרשפּעטיקט קיינמאָל נישט.

23 אויך אַ שוטה איז מסוגל אַמאָל צו געבן אַ ריכטיקע עצה.

צדיק ורשע

1 **אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים.** (תהלים א, 1)

2 **אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא.** (קוהלת ז, 20)

3 אור **זרוע לצדיק.** (תהלים צז, 11)

4 אין שלום... **לרשעים.** (ישעיה נז, 21)

5 **באורח רשעים אל תבוא.** (משלי ד, 14)

6 **זורע עוולה, יקצר און.** (משלי כב, 8)

7 **זכר צדיק לברכה ושם רשעים ירקב.** (משלי י, 7)

8 **לא יאונה לצדיק כל און.** (משלי יב, 21)

9 **פי צדיק יהגה חכמה.** (תהלים לז, 30)

10 שבע **יפול צדיק וקם.** (משלי כד, 16)

11 **עם הקוץ לוקה הכרוב.** (לפי בבא קמא צב)

12 **אוי לרשע ואוי לשכנו.** (סוכה נו)

13 **כל זמן שהרשעים בעולם, חרון אף בעולם.** (סנהדרין קיא)

14 **כנוס לרשעים, רע להם ורע לעולם.** (סנהדרין עא)

15 **נוח לרשעים שיהיו סומים, שעיניהם מביאים רעה לעולם.** (במדבר רבה ב)

16 איזהו גבור? — **הכובש את יצרו.** (אבות ד, א)

17 במקום שאדם רוצה **לילך בה, מוליכים אותו.** (מכות י׳)

צדיק און רשע

1 ווויל איז דעם מענטש, וואָס האָט זיך נישט צוגעהערט צו דער עצה פון רשעים.

2 נישט פאַראַן קיין צדיק אויף דער ערד, וואָס זאָל טון נאָר גוטס און קיינמאָל נישט זינדיקן.

3 דאָס ליכט באַלייכט די טריט פון צדיק.

4 פאַר די רשעים איז נישטאָ קיין שלום.

5 אין וועג פון די רשעים זאָלסטו נישט גיין.

6 ווער עס זייט אומרעכט, דער וועט שניידן אומגליק.

7 דער אָנדענק פון צדיק וועט זיין געבענטשט (נאָך זיין טויט) און דער נאָמען פון רשעים וועט פאַרפוילט ווערן (צוזאַמען מיט זיי אין קבר).

8 דעם צדיק וועט נישט געשען קיין אומגליק.

9 דעם צדיקס מויל רעדט חכמה.

10 זיבן מאָל וועט דער צדיק פאַלן און דאָך וועט ער אויפשטיין (און זיגן).

11 מיטן דאָרן ווערט אויך דאָס קרויט אויסגעריסן. געמיינט: צוליבן רשע ליידט זיין שכן.

12 וויי צום רשע און וויי צו זיין שכן.

13 כל זמן עס לעבן רשעים, וועט זיין צאָרן און בייזקייט אויף דער וועלט.

14 דער צוגויפקום פון די רשעים ברענגט שלעכטס פאַר זיי און פאַר דער וועלט.

15 בעסער, אַז די רשעים זאָלן בלינד ווערן, ווייל זייערע אויגן ברענגען צרות דער וועלט.

16 ווער איז אַ גיבור? — דער וואָס נעמט איין זיין יצר־הרע.

17 אין דעם וועג, וואָס אַ מענטש נעמט זיך פאָר צו גיין, פירט מען אים.

18 **הקב"ה מדקדק עם סביביו כחוט השערה.** (יבמות קכא)

19 **הרשעים ברשות לבם, הצדיקים לבם ברשותם.** (בראשית רבה לד)

20 **אשרי אדם שהוא עומד בנסיונו.** (שמות רבה לא)

21 **במקום שבעלי תשובה עומדים, צדיקים גמורים אינם עומדים.** (ברכות לד)

22 **טוב לצדיק וטוב לשכנו.** (סוכה נו)

23 **פזור לרשעים הנאה להם והנאה לעולם** (סנהדרין עא)

24 **צדיק בא לעולם, טובה באה לעולם.** (סנהדרין קיג)

25 **יין ושינה לרשעים, הנאה להם והנאה לעולם.** (סנהדרין עא)

26 **צדיקים במיתתם קרויים חיים.** (ברכות יח)

27 **רשעים בחייהם קרויים מתים.** (ברכות יט)

28 **צדיק אבד, לדורו אבד.** (מגילה טו)

29 **גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם.** (חולין ז)

30 **אין עושים נפשות לצדיקים, דבריהם הם הם זכרונם.** (ירושלמי שקלים פ"ב)

31 **בטוב צדיקים תעלוץ קריה, ובאבוד רשעים רנה.** (משלי יא, 10)

32 **צדיקים הן שלהם הן ולאו שלהם לאו.** (רות רבה ז)

33 **צדיקים אומרים מעט ועושים הרבה.** (בבא מציעא פז)

34 **רשעים אומרים הרבה ואפילו מעט אינם עושים.** (בבא מציעא פז)

35 **מיתתם של רשעים הנאה להם והנאה לעולם.** (סנהדרין עא)

18 מיט צדיקים איז גאָט מדקדק אויף אַ האָר.

19 די רשעים זענען באַהערשט פון זייערע געפילן, און די צדיקים זענען זיי גובר.

20 גליקלעך איז דער מענטש, וואָס שטייט ביי אַ נסיון.

21 צו דער הויכער מדרגה פון בעלי־תשובה קאָנען אמתע צדיקים נישט דערגרייכן.

22 וויל איז דעם צדיק און גוט איז זיין שכן.

23 די צעוואָרפנקייט פון די רשעים איז גוט פאַר זיי און גוט פאַר דער וועלט.

24 אַז דער צדיק קומט אויף דער וועלט, קומט אַ טובה פאַר אַלעמען.

25 ווייַן און שלאָף פאַר רשעים — גוט איז זיי און וויל איז דער וועלט.

26 צדיקים, אויך נאָכן טויט ווירקן אויף דער געזעלשאַפט ווי ביים לעבן.

27 רשעים זענען שוין ביים לעבן ווי אָפּגעשטאָרבן פאַר דער געזעלשאַפט.

28 דער טויט פון צדיק איז אַן אבידה פאַרן דור.

29 די צדיקים זענען נאָכן טויט גרעסער (און ווירקן מער אויף דער געזעלשאַפט) ווי ביי זייער לעבן.

30 צדיקים נויטיקן זיך נישט אין קיין מצבות, זייערע רייד (און מעשים) פאַראייביקן זייער אָנדענק.

31 אַז די צדיקים איז גוט, פרייט זיך די שטאָט, און אַז די רשעים גייען אונטער איז אַ געזאַנג.

32 דער „יאָ" פון די צדיקים איז אַ „יאָ" און דער „ניין" זייערער איז אַ „ניין".

33 צדיקים רעדן ווייניק און טוען אַ סך גוטע מעשים.

34 רשעים זאָגן צו אַ סך און אפילו ווייניק גוטס טוען זיי נישט.

35 אַז די רשעים שטאַרבן, איז גוט פאַר זיי און גוט פאַר דער וועלט.

36 לעולם ידבק אדם בטובים. (בבא בתרא קט)

37 אדם עובר עבירה בסתר והקב"ה מכריז עליו בגלוי. (סוטה ג)

38 המגביה ידו על חברו, אף־על־פי שלא הכהו, נקרא רשע. (סנהדרין נח)

39 אסור לספר בשבחם של רשעים. (סוטה מב)

40 הבא לטהר מסייעין אותו. (יומא לח)

41 הבא לטמא פותחין לו. (יומא לח)

42 הכול בידי שמים חוץ מיראת שמים. (ברכות לג)

43 שקט לרשעים רע להם ורע לעולם. (סנהדרין עא)

44 כל זמן שהצדיק בעיר — הוא זיוה, הוא שבחה, הוא הדרה, יצא משם — פנה זיוה, פנה שבחה, פנה הדרה. (בראשית רבה סח)

45 גדולים צדיקים יותר ממלאכי השרת. (סנהדרין צב)

46 הצדיקים דומים בעולם כעמודים בתוך הבית. (סדר אליהו זוטא ה)

47 חס הקב"ה על כבודם של צדיקים יותר מכבודו. (פסיקתא דרב כהנא)

48 איש בליעל כורה רעה. (משלי טז, 27)

49 אל תשת ידך עם רשע. (שמות כג, 1)

50 אנשי דמים ומרמה לא יחצו ימיהם. (תהלים נה, 24)

51 בבוא רשע בא גם בוז. (משלי יח, 3)

52 בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל. (תהלים ז, 16)

53 בפועל כפיו נוקש רשע. (תהלים ט, 17)

54 כורה שחת בה יפול וגולל אבן אליו תשוב. (משלי כו, 27)

36 תמיד זאָל אַ מענטש זיך באַהעפטן נאָר צו גוטע לייט.

37 אַ מענטש טוט אַן עבירה בסתר און גאָט רופט אויס זיין בושה אָפן פאַר אַלעמען.

38 ווער עס הייבט נאָר אויף אַ האַנט אויפן חבר, הגם ער האָט אים נישט געשלאָגן, הייסט ער שוין אַ רשע.

39 מען טאָר נישט וועגן רשעים זאָגן לויב־ווערטער.

40 ווער עס גייט זיך מטהר זיין, העלפט מען אים דערצו (פון הימל).

41 ווער עס גייט זיך מטמא זיין, מאַכט מען אים פריי דעם וועג.

42 אַלץ הענגט אָפּ פון הימל חוץ יראת שמים (פרומקייט).

43 רויקייט פאַר רשעים איז שלעכט פאַר זיי און שלעכט פאַר דער וועלט.

44 ווען דער צדיק איז אין שטאָט איז ער איר ליכט, איר לויב און איר פּראַכט, פאַרלאָזט ער דאָס אָרט, איז אַוועק דאָס ליכט, דער לויב און די פּראַכט.

45 צדיקים שטייען העכער פון מלאכים.

46 די צדיקים זענען פאַר דער וועלט ווי זיילן פאַר אַ הויז.

47 דער כבוד פון צדיקים איז ביי גאָט טייערער ווי זיין אייגענער.

48 אַ נידערטרעכטיקער מענטש גראָבט שלעכטס (פאַר יענעם).

49 זאָלסט נישט מאַכן איין האַנט מיטן רשע.

50 רוצחים און אָפּנאַרער וועלן נישט אויסלעבן די העלפט יאָרן זייערע.

51 קומט דער רשע, קומט פאַראַכטונג.

52 ווער עס גראָבט אַ גרוב און הוילט אים אויס (פאַר יענעם), פאַלט אין דעם גרוב, וואָס ער האָט געמאַכט.

53 אין דעם ווערק פון זיינע אייגענע הענט ווערט געשטרויכלט דער רשע.

54 ווער עס גראָבט אַ גרוב (פאַר יענעם), וועט אין אים אַליין אַריינפאַלן. ווער עס קייקלט אַ שטיין (אויף יענעם), וועט אים אַליין צוריק באַקומען.

55 **מרשעים יצא רשע.** (שמואל א׳ כד, 13)

56 **אורח לצדיק מישרים.** (ישעיה כו, 7)

57 **אל תהי צדיק הרבה.** (קוהלת ז, 16)

58 כעבור סופה ואין רשע, **וצדיק יסוד עולם.** (משלי י׳, 25)

59 **צדיק באמונתו יחיה.** (חבקוק ב׳, 4)

60 **צדיק חונן ונותן.** (תהלים לז, 21)

61 **צדיק כתמר יפרח, כארז בלבנון ישגה.** (תהלים צב, 13)

62 **אשרי אדם מפחד תמיד.** (משלי כח, 14)

63 **צדק צדק תרדוף.** (דברים טז, 20)

64 **תאוות צדיקים אך טוב.** (משלי יא, 23)

65 **אפילו נכרי יכול להיות צדיק.** (במדבר רבה, ח)

66 **אפילו צדיק גמור כל ימיו ומרד באחרונה, איבד את הראשונות.** (קידושין מ)

67 **אפילו רשע גמור כל ימיו ועשה תשובה באחרונה, אין מזכירין לו שוב רשעו.** (קידושין מ)

68 **בזמן שהרשעים בצרה הם מכניעין עצמם, עברה הצרה הם חוזרים לקלקולם.** (תנחומא, וארא)

69 **המקום מצטער על דמם של רשעים שנשפך, קל וחומר על דמם של צדיקים.** (סנהדרין ו)

70 **רשעים אפילו על פתחו של גיהנום אינם חוזרים בתשובה.** (עירובין יט)

71 **טוביה חטא וזיגוד מינגד?** (פסחים קיג)
(**טוביה חטא וזיגוד לקה?**)

55 פון שלעכטע קומט אַרויס שלעכטס.

56 דער וועג פונעם צדיק איז אַ גלייכער.

57 זאָלסט נישט זיין צופיל (צו גרויסער) צדיק.

58 ווי אַ שטורם גייט אַריבער (געשווינד), אַזוי איז דער רשע נישטאָ, אָבער דער צדיק איז ווי אַן אייביקער יסוד.

59 דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה.

60 דער צדיק האָט רחמנות און גיט הילף (דעם וואָס נויטיקט זיך אין איר).

61 דער צדיק וועט בליען ווי אַ טייטלבוים, ווי אַ צעדערבוים אין לבנון וועט ער וואַקסן.

62 ווייל איז דעם מענטש וואָס שרעקט זיך תמיד (פאַר זינד).

63 נאָך גערעכטיקייט זאָלסטו זיך יאָגן (שטרעב תמיד צו צדק).

64 דער באַגער פונעם צדיק איז רק צו טון גוטס.

65 אויך אַ נישט־ייד קאָן דערגרייכן די מדרגה פון אַ צדיק.

66 ווער עס איז געווען אַ צדיק אַ סך יאָרן און צום סוף ווידערגעשפעניקט, האָט ער פאַרלוירן די פריערדיקע זכויות.

67 ווער עס איז געווען אַ רשע אַ סך יאָרן און שפּעטער געטון תשובה, דערמאָנט מען אים נישט זיינע פריערדיקע שלעכטע מעשים.

68 אַז עס קומט אַ צרה אויף די רשעים, גיבן זיי זיך אונטער, ווי גיך אָבער די צרה גייט אַוועק, זינדיקן זיי ווידער.

69 גאָט באַדויערט דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון רשעים און נאָכמער — פון די צדיקים.

70 רשעים, אַפילו אויפן שוועל פון גיהנום טוען נישט קיין תשובה.

71 טוביה האָט געזינדיקט און זיגוד ווערט געשלאָגן? געמיינט: קיינער דאַרף נישט ליידן פאַר יענעמס זינד.

72 **יהא אדם מן הנרדפים ולא מן הרודפים.** (בבא קמא צג)

73 **יש קונה עולמו בשעה אחת.** (עבודה זרה י׳)

74 **יש נאה דורש ואין נאה מקיים, נאה מקיים ואין נאה דורש.** (חגיגה יד)

75 **פירותיו של צדיק, מעשיו הטובים.** (תנחומא נח)

76 **גר שנתגייר כקטן שנולד דמי.** (יבמות כב)

72 בעסער צו זיין אַ פאַרפאָלגטער, איידער אַ פאַרפאָלגער (בעסער אַליין צו ליידן עוולות, איידער צו טון עוולות אַנדערע מענטשן).

73 עס געשעט, אַז איינער דערווערבט זיך (מיט אַ שיינעם טאַט) זיין אייביקייט אין איין שעה.

74 פאַראַן אַ מענטש, וואָס פרעדיקט שיין פאַר אַנדערע און איז נישט מקיים אַליין, פאַראַן אָבער איינער וואָס טוט גוטע מעשים און האַלט נישט קיין שיינע דרשות פאַר אַנדערע.

75 די פירות פון צדיק זענען זיינע גוטע מעשים.

76 ווער עס האָט זיך מגייר געווען איז ריין פון זינד, ווי אַ קינד וואָס איז נאָר וואָס געבוירן געוואָרן.

צדק סוציאלי

1 **צדק, צדק תרדוף.** (דברים טז, 20)

2 **תורה אחת ומשפט אחד יהיה לכם ולגר הגר אתכם.** (במדבר טו, 16)

3 **חוקה אחת לכם ולגר הגר.** (במדבר טו, 15)

4 **כאזרח מכם יהיה לכם הגר הגר אתכם.** (ויקרא יט, 34)

5 **וגר לא תונה ולא תלחצנו, כי גרים הייתם בארץ מצרים.** (שמות כב, 20)

6 **כל אלמנה ויתום לא תענון.** (שמות כב, 21)

7 **לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר.** (ויקרא יט, 13)

8 **מאזני צדק, אבני צדק, איפת צדק והין צדק יהיה לכם.** (ויקרא יט, 36)

9 **לא יהיה לך בביתך איפה ואיפה, גדולה וקטנה.** (דברים כה, 14)

10 **והארץ לא תמכר לצמיתות, כי לי הארץ.** (ויקרא כה, 23)

11 **בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחוזתו.** (ויקרא כה, 13)

12 **כי ימכר לך אחיך העברי או העבריה ועבדך שש שנים ובשנה השביעית תשלחנו חפשי מעמך.** (דברים טו, 12)

13 **וכי תשלחנו חפשי מעמך לא תשלחנו ריקם.** (דברים טו, 13)

14 **העניק תעניק לו מצאנך ומגרנך ומיקבך.** (דברים טו, 14)

סאָציאַלע גערעכטיקייט

1 נאָך גערעכטיקייט זאָלסטו זיך יאָגן.

2 איין תורה און איין דין זאָל זיין פאַר אייך און פאַרן פרעמדן, וואָס האַלט זיך אויף ביי אייך.

3 איין געזעץ זאָל זיין פאַר אייך און פאַרן פרעמדן, וואָס האַלט זיך אויף ביי אייך.

4 אַזוי ווי אַן איינגעבוירענער (בירגער) זאָל אייך זיין דער פרעמדער, וואָס האַלט זיך אויף ביי אייך.

5 אַ פרעמדן זאָלסטו נישט קריוודען און נישט דריקן, ווייל פרעמדע זענט איר געווען אין לאַנד מצרים.

6 אַן אַלמנה און אַ יתום זאָלט איר נישט פייניקן.

7 זאָלסט נישט פאַרהאַלטן דעם לוין פון אַ געדונגענעם אַרבעטער ביז אין דער פרי.

8 אַ ריכטיקע וואָגשאָל, ריכטיקע געוויכטער, אַ ריכטיקע איפה און הין (מאָס און מעסטל) זאָלן ביי אייך זיין.

9 זאָלסט נישט האָבן אין דיין הויז צווייערליי איפהס (מאָסן), אַ גרעסערע און אַ קלענערע.

10 און די ערד זאָל נישט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק, ווייל צו מיר (צו גאָט) געהערט זי.

11 אין יובל־יאָר זאָלט איר אייך אומקערן איטלעכער צו זיין פריערדיקן ערד־אייגנטום.

12 אַז דיין ברודער, אַ ייד, אָדער אַ יידישע פרוי, וועט זיך פאַרקויפן צו דיר זאָלן ער דינען זעקס יאָר, און אויפן זיבעטן זאָלסטו אים אַרויסלאָזן פריי פון דיר.

13 און ווען דו באַפרייסט אים (דעם קנעכט), זאָלסטו אים נישט אַרויסלאָזן מיט ליידיקן.

14 באַשענקען זאָלסטו אים (דעם באַפרייטן קנעכט) מיט אַ טייל פון דיינע שאָף, פון דיין תבואה־שייער און פון דיין וויין־קעלטער.

15 **ובקוצרכם את קציר ארצכם לא תכלה פאת שדך בקוצרך ולקט קצירך לא תלקט, לעני ולגר תעזוב אותם.** (ויקרא כג, 22)

16 **כי תקצור קצירך בשדך ושכחת עומר בשדה, לא תשוב לקחתו; לגר, ליתום ולאלמנה יהיה.** (דברים כד, 19)

17 **צדק ושלום נשקו.** (תהלים פה, 11)

18 **צדקה תרומם גוי.** (משלי יד, 34)

19 **כל המגדל יתום בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו.** (סנהדרין יט)

20 **כל הכובש שכר שכיר כאילו נוטל נפשו ממנו.** (בבא מציעא קיב)

15 אַז איר שניידט די תבואה, זאָלט איר נישט דערענדיקן דעם עק פון דעם פעלד ביים שניידן, דעם נאָכקלייב פון שניט (אַראָפּגעפאַלענע זאַנגען) זאָלסטו נישט צונויפנעמען; פאַרן אָרעמאַן און פאַרן פרעמדן זאָלסטו זיי איבערלאָזן.

16 אַז דו וועסט שניידן די תבואה אין דיין פעלד און וועסט פאַרגעסן דאָרט אַ גאַרב, זאָלסטו זיך נישט אומקערן אים צו נעמען; פאַרן פרעמדן, פאַרן יתום און פאַר דער אַלמנה זאָל עס זיין.

17 גערעכטיקייט און שלום האָבן זיך צעקושט (צדק און שלום גייען צוזאַמען).

18 גערעכטיקייט דערהייבט אַ פאָלק.

19 ווער עס דערציט אַ יתום ביי זיך אין הויז, איז גלייך ווי ער וואָלט אים געבוירן.

20 ווער עס פאַרהאַלט דעם שכר פונעם לוינאַרבעטער, איז גלייך ווי ער וואָלט ביי אים אַוועקגענומען דאָס לעבן.

צדקה וגמילות חסדים

1 צדקה תציל ממות. (משלי י', 2)

2 וחי אחיך עמך. (ויקרא כה, 36)

3 לא תקפוץ את ידך מאחיך האביון. (דברים טו, 7)

4 מרבה צדקה — מרבה שלום. (אבות ב, ז)

5 כל העושה צדקה יש לו שכר. (בן־סירא)

6 שקולה צדקה כנגד כל המצוות. (בבא בתרא, ט)

7 חסד לעולם לא ימוט, וצדקה לעולם תיכון. (בן סירא)

8 יש קונה עולמו בשעה אחת. (עבודה זרה י')

9 שלח לחמך על פני המים, כי ברוב הימים תמצאנו. (קוהלת יא, 1)

10 גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה. (בבא בתרא י')

11 אין בודקים למזונות. (בבא בתרא ט)

12 גדול העושה צדקה בסתר יותר ממשה רבינו. (בבא בתרא ט)

13 גדולה צדקה שמארכת ימיו ושנותיו של אדם. (תנא דבי אליהו זוטא פ"א)

14 מי שנותן למצווה, אינו מחסר נכסיו. (שמות רבה פ"לו)

15 אין משנים מצדקה לצדקה. (עירובין ז)

16 פוסקים צדקה לעניים בשבת. (שבת קנ)

17 צדקה — כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול. (בבא בתרא ט)

18 צדקה וגמילות חסדים שקולות כנגד כל המצוות. (ירושלמי פאה, א)

19 אדם מדליק נר מנר — הנר דולק וחבירו אינו חסר. (במדבר רבה יג)

צדקה און גמילות חסדים

1 צדקה איז מציל פון טויט.

2 זאָל דיין ברודער לעבן מיט דיר צוגלייך.

3 זאָלסט נישט פאַרמאַכן דיין האַנט פאַר דיין ברודער דעם אביון.

4 ווער עס גיט אַ סך צדקה, דער שטאַרקט דעם שלום.

5 ווער עס גיט צדקה, דער וועט באַקומען באַלוינונג.

6 צדקה באַשטייט קעגן אַלע מצוות.

7 חסד וועט קיינמאָל זיך נישט איינברעכן און צדקה שטייט תמיד ביי.

8 אַ מענטש דערווערבט אַמאָל אייביקייט אין איין שעה.

9 שיק דיין ברויט ווייט איבער די וואַסערן, נאָך יאָרן וועסטו אים געפינען.

10 צדקה איז אַ גרויסע זאַך, זי דערנענטערט די גאולה.

11 מען קאָנטראָלירט נישט דעם, וואָס בעט עסן.

12 ווער עס גיט צדקה בסתר, איז גרעסער פון משה רבינו.

13 צדקה איז אַ גרויסע זאַך, זי פאַרלענגערט דאָס לעבן פון מענטשן.

14 ווער עס גיט אויף אַ דבר־מצווה, דער וועט נישט אָרעם ווערן.

15 מען ענדערט נישט איין צדקה־זאַך אויף אַן אַנדער צדקה־זאַך. געמיינט: מען נוצט אויס דאָס געלט נאָר אויף דער צדקה־זאַך, אויף וועלכער עס איז געגעבן געוואָרן.

16 מען באַשטימט צדקה פאַר אָרעמעלייט אויך אום שבת.

17 צדקה — אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה און דער חשבון איז גרויס.

18 צדקה און גמילות־חסדים באַשטייען קעגן אַלע מצוות.

19 אַ מענטש צינדט אָן אַ ליכט פון אַ ליכט; דאָס ליכט ברענט און דעם אַנדערן איז גאָר נישט אָפּגעקומען.

20 **אדם** מריח באתרוג — הוא נהנה **והאתרוג אינו חסר כלום.**
(במדבר רבה יג)

21 **בשלשה** דברים גדולה גמילות חסדים יותר מן הצדקה: **צדקה בממונו, גמילות חסדים בין בגופו בין בממונו; צדקה לעניים, גמילות חסדים בין לעניים בין לעשירים; צדקה לחיים, גמילות חסדים בין לחיים בין למתים.** (סוכה מט)

22 **חביבה** גמילות חסדים יותר מן הצדקה. (ירושלמי פאה, פ״א)

23 **כל המקיים** נפש אחת בישראל **כאילו קיים עולם מלא.** (סנהדרין לז)

24 **כל** שרוח הבריות נוחה הימנו — **רוח המקום נוחה הימנו.** (אבות ג׳, י׳)

25 **כל** מי שאינו מרחם על הבריות, בידוע שאינו **מזרעו של אברהם אבינו.**
(ביצה לב)

26 **גדול** המלווה יותר מן העושה **צדקה.** (שבת סג)

27 **מי** שיש לו מזון ב׳ סעודות **לא יטול מן התמחוי.** (שבת קיח)

28 **מפרנסין** עניי נכרים **עם עניי ישראל.** (גיטין סא)

29 **אפילו** עני המתפרנס מן הצדקה **יעשה צדקה.** (גיטין ז)

30 **אוטם** אזנו מזעקת דל, **גם הוא יקרא ולא יענה.** (משלי כא, 13)

31 **אל** תאמר לרעך: „לך ושוב ומחר אתן״ **ויש אתך.** (משלי ג׳, 28)

32 **אפס כי לא** יהיה **בך אביון.** (דברים טו, 4)

33 **פרוס** לרעב **לחמך** ועניים מרודים **תביא בית.** (ישעיה נח, 7)

34 **אדם** נותן פרוטה **לעני זוכה** ומקבל **פני שכינה.** (בבא בתרא י׳)

20 אַ מענטש שמעקט דעם אתרוג; ער האָט הנאה און דעם אתרוג איז גאָרנישט אָפּגעקומען.

21 מיט דריי זאַכן שטייט גמילות־חסדים העכער פון צדקה: צדקה טוט מען נאָר מיט געלט, גמילות־חסדים — סיי מיטן גוף און סיי מיט געלט; צדקה גיט מען נאָר אָרעמעלייט, גמילות־חסדים טוט מען מיט אָרעמע און מיט רייכע; צדקה איז נאָר פאַר לעבעדיקע, גמילות־חסדים איז סיי פאַר לעבעדיקע און סיי פאַר טויטע.

22 גמילות־חסדים איז ליבער פון צדקה.

23 ווער עס האַלט אויף איין יידן, איז גלייך ווי ער וואָלט אויפגעהאַלטן אַ גאַנצע וועלט.

24 פון וועמען מענטשן האָבן הנאה, פון דעם איז אויך גאָט צופרידן.

25 ווער עס האָט נישט קיין רחמנות אויף מענטשן, דער שטאַמט נישט פון אברהם אבינוס קינדער.

26 ווער עס אַנטלייט יענעם אַן אומפּראָצענטיקע הלוואה, איז גרעסער פון דעם, וואָס גיט צדקה.

27 ווער עס פאַרמאָגט אויף צוויי סעודות, דער זאָל נישט געניסן פון דער צדקה־קיך.

28 מען גיט עסן פרעמדע (נישט־יידישע) אָרעמעלייט צוגלייך מיט יידישע.

29 אַפילו אַן אָרעמאַן, וואָס לעבט אַליין פון שטיצע, דאַרף אויך געבן צדקה.

30 דער וואָס פאַרשטאָפּט זיין אויער פאַר דעם אָרעמאַנס געשריי, וועט ער אויך רופן און נישט געענטפערט ווערן.

31 זאָלסט נישט זאָגן צו דיין חבר: „גיי און קום ווידער, מאָרגן וועל איך דיר געבן", ווען דו האָסט די זאַך ביי דיר.

32 עס וועט נישט זיין ביי דיר קיין אביון.

33 ברעך אָפּ פון דיין ברויט פאַרן הונגעריקן, און פאַרוואָגלטע אָרעמע זאָלסטו אַריינברענגען אין שטוב.

34 אַ מענטש גיט אַן אָרעמאַן אַ פּרוטה און איז זוכה מקבל צו זיין די שכינה.

35 **אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים.** (ברכות ה)

36 **אין ישראל נפדה אלא בצדקה.** (שבת קלט)

37 **אין לו ואינו רוצה להתפרנס נותנים לו לשם הלואה.** (כתובות סז)

38 **אין ממחין ביד עניי גויים בלקט ובשכחה ובפאה מפני דרכי שלום.** (גיטין נט)

39 **חביבה לפני הקב"ה גמילות חסדים יותר מזבחים ומעולות על גבי המזבח שנאמר: „כי חסד חפצתי ולא זבח".** (ירושלמי פאה)

40 **העוסק בתורה ובגמילות חסדים מוחלין לו על כל עוונותיו.** (ברכות ח)

41 **גדול העושה צדקה יותר מן המביא קרבנות.** (סוכה מט)

42 **„וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך, והחזקת בו"** (ויקרא כה) **— אל תניחהו לנפול. הא למה זה דומה, למשא על גבי חמור, עודנו במקומו אחד תופש בו ומעמידו, נפל לארץ חמישה אין מעמידין אותו.** (ספרא, בהר)

43 **כיון שנצרך אדם לבריות, פניו משתנות.** (ברכות ו)

44 **מי שאינו צריך ליטול (מן הצדקה) ונוטל, אינו נפטר מן העולם עד שיצטרך לבריות.** (פאה ח)

35 אַן איינגעשלאָסענער אין תּפיסה קאָן זיך פון איר אַליין נישט באַפרייען. געמיינט: ווען איינער געפינט זיך אין אַ צרה, דאַרף מען אים העלפן.

36 יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן נאָר אין זכות פון צדקה.

37 אַן אָרעמאַן וואָס וויל זיך נישט אויסהאַלטן פון צדקה, גיט מען אים הילף אין פאָרם פון אַ הלוואה.

38 מען האַלט נישט אָפּ די נישט־יידישע אָרעמעלייט פון קלייבן אין תבואה־פעלד, אין שניטצייט, די אַראָפּגעפאַלענע זאַנגען, פאַרגעסענע בינטלעך תבואה און געניסן פון איבערגעלאָזענעם תבואה־חלק אין עק פון פעלד — צוליב שלום.

39 ביי גאָט איז גמילות־חסדים ליבער פון קרבנות אויפן מזבח, ווי עס שטייט געשריבן: „חסד וויל איך און פאַרלאַנג נישט קיין קרבנות״.

40 ווער עס איז עוסק אין תורה און גמילות־חסדים, דעם איז מען מוחל זיינע זינד.

41 ווער עס גיט צדקה, איז גרעסער פון דעם וואָס ברענגט קרבנות.

42 „אַז דיין ברודער וועט אָרעם ווערן, זאָלסטו אים אויפהאַלטן״ — לאָז אים נישט פאַלן. דאָס איז גלייך צו אַן אייזל וואָס איז איבערגעלאָדן מיט משא. כל־זמן ער שטייט נאָך אויפן אָרט קאָן אים איינער העלפן, איז ער שוין געפאַלן, קאָנען אַפילו פינף מענטשן אים נישט אויפשטעלן.

43 ווי נאָר איינער קומט אָן צו מענטשן, באַקומט זיין פּנים אַן אַנדער אויסזען.

44 ווער עס דאַרף נישט נעמען צדקה און נעמט דאָך, דער וועט נישט אויסלעבן זיינע יאָרן, ביז ער וועט נישט אָנקומען צו מענטשן.

ציבור

1 **פרנס לפי דורו.** (ערכין יז)

2 **דור לפי פרנס.** (ערכין יז)

3 **ירובעל בדורו כמשה בדורו.** (ראש השנה כה)

4 **יפתח בדורו כשמואל בדורו.** (ראש השנה כה)

5 **כדור כן הנשיא, כנשיא כן הדור.** (ירושלמי סנהדרין פ"ב)

6 **דבר אחד לדור ואין שני דברין לדור.** (סנהדרין ח)

7 **דור דור ודורשיו, דור דור וחכמיו.** (סנהדרין לה)

8 **הכול הולך אחר הראש.** (פרקי דרבי אליעזר מב)

9 **וי לדור שגבוריו ירודין.** (ילקוט שמעוני רות)

10 **אוי לו לדור שאבד מנהיגו ואוי לה לספינה שאבד קברניטה.** (בבא בתרא צא)

11 **אוי לו לדור ששופט את שופטיו, אוי לו לדור ששופטיו צריכין להישפט.** (בראשית רבה מב)

12 **אין גוזרין גזירה על הציבור, אלא אם כן רוב ציבור יכולין לעמוד בה.** (בבא קמא עט)

13 **אין מטריחין את הציבור יותר מדי.** (תענית יד)

14 **אין ציבור עני.** (פתגם עממי)

15 **לית ציבור כוליה מעתיר, לית ציבור כוליה מעני.** (ירושלמי גיטין פ"ג)
(אין הציבור כולו עשיר, ואין הציבור כולו עני)

16 **אין נביא בעירו.** (ר"ש אלגזי „אהבת עולם")

17 **אל תפרוש מן הציבור.** (אבות ב, ה)

18 **לעולם אל יוציא אדם את עצמו מן הכלל.** (ברכות מט)

ציבור

1 וואָס פאַר אַ דור, אַזאַ פרנס.

2 וואָס פאַר אַ פרנס, אַזאַ דור.

3 ירובעל (גדעון) איז געווען אָנגענומען אין זיין דור ווי משה רבינו אין זיינעם.

4 יפתח איז געווען אַזוי אָנגענומען אין זיין דור, ווי שמואל אין זיינעם.

5 וואָס פאַר אַ דור, אַזאַ נשיא; וואָס פאַר אַ נשיא, אַזאַ דור.

6 נאָר איין מנהיג שטייט בראש פון דור און נישט קיין צוויי.

7 יעדער דור און זיינע למדנים, יעדע תקופה און אירע חכמים.

8 אַלץ גייט נאָך דעם קאָפּ.

9 ווי דעם דור, וואָס זיינע גבורים זענען נידעריק געפאַלן.

10 ווי צום דור, וואָס האָט פאַרלוירן זיין מנהיג, און אַ בראָך צו דער שיף, וואָס האָט פאַרלוירן איר שיפסקאַפּיטאַן.

11 ווי צום דור, וואָס משפט זיינע שופטים (מנהיגים); ווי צום דור, וואָס זיינע שופטים דאַרפן געמשפט ווערן.

12 מען איז נישט גוזר קיין גזירה אויפן ציבור, סיידן דער רוב פון קהל קאָן זי אויפנעמען און פאַרטראָגן.

13 מען טאָר נישט דעם קהל צופיל מטריח זיין.

14 נישטאָ קיין אָרעמער קהל.

15 אַ קהל באַשטייט נישט בלויז פון רייכע און נישט בלויז פון אָרעמעלייט.

16 קיינער איז נישט אָנערקענט פאַר אַ נביא אין זיין אייגענער שטאָט.

17 זאָלסט זיך קיינמאָל נישט אָפּטיילן פון קהל.

18 אַ מענטש זאָל זיך קיינמאָל נישט אַרויסנעמען פון כלל.

19 **לעולם תהא אימת ציבור עליך.** (סוטה מ)

20 **אשרי הדור שהגדולים נשמעים לקטנים.** (ראש השנה כה)

21 **אשרי הדור שהנשיא שלו מביא קרבן על שגגתו.** (הוריות י)

22 **נשיא שמחל על כבודו, כבודו מחול.** (כתובות יז)

23 **כד רגז רעיא על ענא, עבד לנגידא סמיתא** (בבא קמא נב)
(כשהרועה רוגז על הצאן עושה למשכוכית [לתיש ההולך בראש העדר] עיורון)

24 **חשיך פתיח דבעי לסומא.** (שוחר טוב כב)
(אוי לפקח שהסומא מנהיגו)

25 **אם בארזים נפלה שלהבת — מה יעשו אזובי קיר?** (מועד קטן כה)

26 **לויתן בחכה הועלה — מה יעשו דגי רקק.** (מועד קטן כה)

27 **אם בלחים נפלה שלהבת — מה יעשו יבשים?** (ילקוט שמעוני עו)

28 **בזמן שהרועה תועה, הצאן תועין אחריו.** (פרקי דרבי אליעזר מב)

29 **אם אין כרם אין סיג, אם אין צאן אין רועה.** (מכילתא, כא)

30 **קול המון כקול שדי.** (פתגם עממי)

31 **תעלא בעדניה — סגיד ליה.** (מגילה טז)
(השועל בזמנו — השתחוה לו)

32 **אין מעמידין פרנס על הציבור אלא אם־כן נמלכים בציבור.** (ברכות נה)

19 די מורא פאַרן קהל זאָל תמיד דיך באַגלייטן.

20 גליקלעך איז דער דור, וואָס זיינע גרויסע לייט הערן זיך צו צום קול פון די פשוטע מענטשן.

21 וויל איז דעם דור, וואָס זיין נשיא ברענגט אַ קרבן פאַר זיין באַגאַנגענעם טעות. געמיינט: וואָס דער נשיא איז מודה דעם טעות וואָס ער האָט געמאַכט.

22 אַ נשיא מעג מוחל זיין (מוותר זיין) אויפן כבוד.

23 אַז דער פאַסטוך ווערט אין כעס אויף די שאָף, מאַכט ער בלינד דעם צאַפּ וואָס גייט פאָרויס. געמיינט: אַז גאָט שטראָפט אַ פאָלק, גיט ער אים בלינדע (שלעכטע) מנהיגים.

24 ווי איז צום זעענדיקן, אַז דער בלינדער איז זיין פירער.

25 אויב די צעדער־ביימער ברענען, וואָס זאָל טון דער וואַנט־מאָך?

26 אַז דער לויתן איז געכאַפּט געוואָרן אויף דער ווענדקע, וואָס קאָנען טון די קלייניקע באַסיין־פישלעך (אויב די צרה איז דערגאַנגען צו די גרויסע און שטאַרקע, וואָס זאָלן טון די קליינע און שוואַכע מענטשן?).

27 אויב די פייכטע ביימער ברענען, וואָס זאָלן טון די טרוקענע, געמיינט: אויב די גרויסע און שטאַרקע קומען אום, ווי אַזוי קאָנען זיך רעטן די קליינע און שוואַכע מענטשן?

28 אויב דער פאַסטעך איז אַראָפּ פון ריכטיקן וועג, בלאָנקען נאָך אים אויך די שאָף.

29 אַז עס איז נישטאָ קיין וויינגאָרטן — דאַרף מען נישט קיין צוים, אַז עס איז נישטאָ קיין שאָף — דאַרף מען נישט קיין פאַסטעך. געמיינט: אַז עס איז נישט פאַראַן קיין קהל, איז איבעריק דער פרנס.

30 דאָס קול פון פאָלק איז ווי די שטים פון גאָט.

31 אַז דער פוקס ווערט דערהויבן — בוק זיך צו אים. געמיינט: אַז מען קומט אָן צו אַ קליינעם מענטש דאַרף מען אים אויך אָפּגעבן כבוד.

32 מען באַשטימט נישט קיין פרנס איידער מען באַראַט זיך מיט קהל.

33 **אלמלא מוראה של מלכות כל הגדול מחברו בולע את חברו.** (עבודה זרה ד)

34 **אין מעמידין פרנס על הציבור אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו.** (יומא כב)

35 **כל העוסקים עם הציבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים.** (אבות ב)

36 **אין עושין שררות על הציבור פחות משנים.** (בבא בתרא ח)

37 **אין מעמידים שוטרים אלא מישראל.** (יבמות פו)

38 **אם ראית דור שצרות רבות באות עליו, צא ובדוק בדייני ישראל.** (שבת קלט)

39 **אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו.** (ברכות ג)

40 **אחרי רבים להטות.** (לפי שמות כג, 2)

41 **המצער עצמו עם הציבור זוכה ורואה בנחמת ציבור.** (תענית יא)

42 **הוו זהירין ברשות, שאין מקרבין לו לאדם אלא לצורך עצמן.** (אבות ב, ג)

43 **העוסק בצרכי ציבור כעוסק בתורה.** (ירושלמי ברכות ה)

44 **כל העמלים עם הציבור, יהיו עמלים לשם שמים.** (אבות ב)

45 **כל פרנס המטיל אימה יתירה על הציבור שלא לשם שמים, אינו רואה בן תלמיד חכם.** (ראש השנה יז)

46 **כל פרנס שמנהיג את הציבור בנחת, זוכה ומנהיגם לעתיד לבוא.** (סנהדרין צב)

47 **מה שהגדולים עושים, הדור עושה.** (דברים רבה ב)

48 **אפילו קל שבקלים ונתמנה פרנס על הציבור הרי הוא כאביר שבאבירים.** (ראש השנה כה)

33 ווען נישט די מורא פאַר דער מאַכט וואָלט דער שטאַרקער איינגע־שלונגען דעם שוואַכן.

34 מען באַשטימט נישט קיין פרנס איבער קהל, סיידן אין זיין משפחה איז פאַראַן אַ פסול (כדי ער זאָל זיך נישט איבערנעמען).

35 דער געזעלשאַפטלעכער עסקן דאַרף זיין אַרבעט טון לשם שמים (לטובת דער געזעלשאַפט און נישט פאַר זיין אייגענעם נוצן).

36 מען שטעלט נישט וויניקער ווי צוויי הערשער בראש פון ציבור.

37 שוטרים נעמט מען נאָר פון יידן.

38 אויב דער דור האָט אויסצושטיין אַ סך צרות, דאַרף מען זען, ווי אַזוי עס פירן זיך אויף די דיינים.

39 ווייל איז דעם מלך וואָס מען לויבט אים אין זיין אייגן הויז (אין זיין מדינה).

40 נאָך דער מערהייט גייט מען נאָך.

41 ווער עס מיטבאַטייליקט זיך אין צער פון ציבור, דער וועט זוכה זיין זיך צו פרייען מיט קהל אין זיין נחמה.

42 זייט פאָרזיכטיק אין באַציונג מיט (פרעמדע) מאַכטהאָבער, זיי זענען מקרב אַ מענטש — נאָר צוליב זייער אייגענעם אינטערעס.

43 ווער עס פאַרנעמט זיך מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, איז ווי ער וואָלט עוסק געווען אין תורה־לערנען.

44 עסקנים דאַרפן זייער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט טון לשם שמים.

45 אַ פרנס וואָס וואַרפט אָן אַ שטאַרקע מורא אויפן ציבור, וועט נישט זוכה זיין צו האָבן אַ זון אַ תלמיד חכם.

46 אַ פרנס וואָס פירט דעם ציבור מיט געלאַסנקייט און רויקייט, וועט זוכה זיין צו זיין זייער מנהיג אויך לעתיד לבוא (אין דער צוקונפט, **אין משיחס צייטן**).

47 דער דור דערציט זיך אויף די מעשים פון זיינע גדולים.

48 ווען אפילו אַ גאָר נידעריקער מענטש ווערט אויפגענומען פאַר אַ פרנס איבער קהל, זאָל ער אין דיינע אויגן זיין חשוב און גרויס.

קנאה

1 **הקנאה, התאוה והכבוד מוציאים את האדם מן העולם.** (אבות ד)

2 **כל מי שיש לו קנאה בלבו עצמותיו מרקיבים.** (שבת קנב)

3 **כל שאין לו קנאה בלבו אין עצמותיו מרקיבים.** (שבת קנב)

4 **קנאת סופרים תרבה חכמה.** (בבא בתרא כא)

5 **אלמלא קנאה אין העולם עומד.** (מדרש תהלים)

6 **טוב כי יקנאו בך מאשר יגודו לך.** (משלי יששכר)

7 **קנאה ואף יקצרו ימים.** (בן־סירא)

8 **מאה מיתות ולא קנאה אחת.** (דברים רבה, ט)

9 **בכול אדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו.** (סנהדרין קה)

10 **קשה כשאול קנאה.** (שיר השירים ח, 6)

11 **רקב עצמות קנאה.** (משלי יד, 30)

12 **אל תקנא באיש חמס.** (משלי ג, 31)

קנאה

1 קנאה, תאווה און כבוד ברענגען אום דעם מענטשן פון דער וועלט.

2 ווער עס טראָגט קנאה אין האַרצן, ביי דעם פוילן די ביינער.

3 ווער עס טראָגט נישט קיין קנאה אין האַרצן, ביי דעם פוילן נישט די ביינער.

4 קנאה פון געלערנטע פאַרגרעסערט די חכמה.

5 ווען נישט קנאה, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט.

6 בעסער מען זאָל דיך מקנא זיין, איידער מען זאָל דיך באַוויינען.

7 קנאה און כעס פאַרקירצן די יאָרן.

8 הונדערט מיתות (יסורים), נאָר נישט קיין איין קנאה.

9 אַ מענטש איז זיך מתקנא אין אַלעמען, נאָר נישט אין זיין זון און נישט אין זיין תלמיד.

10 שווער ווי דער קבר איז די קנאה.

11 אַ פוילונג אין די ביינער איז קנאה.

12 זאָלסט נישט מקנא זיין די עשירות פון רשע.

רצון

1 **אין לך דבר העומד בפני הרצון.** (פתגם סופרים)

2 **הרצון סיבת כל דבר, והוא נסתר ונעלם.** (האמונה והבטחון)

3 **הוי עז כנמר וקל כנשר.. לעשות רצון אביך שבשמים.** (אבות ה)

4 **אין חיים בלי רצון, בלי שאיפה.** (מ. י. בן גריון)

5 **הרגש והשכל מתנגשים תמיד, הרצון שולט על שניהם.** (מ. אוסישקין)

6 **הרצון הוא הכוח האלוהי, הממציא את הכול והמניע את הכול.** (מקור חיים)

7 **הרצון החפשי הוא עצמותו של האדם, והשכל והמחשבה הם כלי תשמישו.** (פתגמים של חכמים)

8 **רצון ושכל דבר אחד הוא.** (תורת המידות)

9 **אם לא יהא מה שתרצה, רצה מה שיהיה.** (צרי היגון)

10 **הרצון הוא התגלות אורה פנימית.** (א. י. הכהן קוק)

11 **הרצון הוא שורש כל ההשתלטות מגדול ועד קטן, אין זולתו.** (של"ה)

12 **הרצון, שהוא כוח הבורא, מתפשט בכול וחודר בכול, ואין כלום מבלעדיו, כי ממנו מציאות כל הדברים וקיומם.** (ש. בן־גבירול)

13 **כל הנמצאים כלולים ברצון ותלויים בו.** (ש. בן־גבירול)

14 **רצונו של אדם הוא כבודו.** (לפי ירושלמי פאה א, ג)

15 **אם תרצו אין זו אגדה.** (הרצל)

ווילן

1 נישטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל שטיין קעגן ווילן (מיט אַ שטאַרקן ווילן קאָן מען אַלץ דערגרייכן).

2 דער ווילן איז די סיבה פון יעדער זאַך, און ער אַליין איז פאַרבאָרגן.

3 זיי שטאַרק ווי אַ לעמפּערט און פלינק ווי אַן אָדלער... צו טון דעם ווילן פון דיין פאָטער אין הימל.

4 נישטאָ קיין לעבן אָן ווילן און שטרעבונג.

5 געפיל און שכל זענען תמיד קעגנעריש, אָבער דער ווילן געוועלטיקט איבער זיי ביידע.

6 דער ווילן איז אַ געטלעכער כוח, וואָס דערפינדט אַלץ און באַוועגט אַלץ.

7 דער פרייער ווילן — דאָס איז דער מענטש אַליין, שכל און מחשבה זענען זיינע אינסטרומענטן.

8 ווילן און שכל זענען איין זאַך.

9 אויב עס איז נישטאָ דאָס, וואָס דו ווילסט, וויל דאָס, וואָס עס איז דאָ.

10 דער ווילן איז די אַנטפּלעקונג פון דער אינערלעכער ליכטיקייט.

11 דער ווילן איז דער שורש פון יעטוועדער באַהערשונג, פון גרויס ביז קליין.

12 דער ווילן, וואָס איז דער כוח פון בורא, צעשפּרייט זיך און דרינגט אין אַלץ אַריין. נישט פאַראַן גאָרנישט אָן אים, ווייל פון אים שטאַמען אַלע זאַכן און זייער קיום.

13 אַלץ וואָס איז דאָ אין דערווירקלעכקייט איז פאַראַן אין ווילן און איז פון אים אָפּהענגיק.

14 דער ווילן פון אַ מענטשן איז זיין כבוד (מען דאַרף שאַנעווען דעם רצון פון מענטשן).

15 אויב איר וועט נאָר וועלן, איז עס נישט קיין לעגענדע.

ש ב ת

1 **אין אבילות בשבת.** (מועד קטן כד)

2 **אין ישראל נגאלים אלא בזכות שבת.** (קוהלת רבה ד)

3 **באה שבת — באה מנוחה.** (סנהדרין לח)

4 **כל המשמר שבת כאילו קיים כל התורה כולה.** (פסיקתא רבתי)

5 **לא ניתנה שבת אלא לתענוג.** (פסיקתא רבתי)

6 **נשמה יתירה נותן הקב"ה באדם ערב שבת.** (ביצה טז)

7 **„שבת" — שינה בשבת תענוג.** (ילקוט שמעוני, ואתחנן)

8 **שבת מוספת קדושה על ישראל.** (מכילתא, תשא)

9 **בשבת ניתנה תורה לישראל.** (שבת פו)

10 **שקולה שבת כנגד כל המצוות.** (ירושלמי ברכות פ"א)

11 **פיקוח נפש דוחה שבת.** (יומא פה)

12 **„שחורה אני ונאוה" — שחורה אני כל ימות השבוע ונאוה בשבת.** (שיר השירים רבה א)

13 **כל המענג את השבת נותנים לו משאלות לבו.** (שבת קיח)

14 **עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות.** (שבת קיח)

15 **לא יהא הלוכך של שבת כהלוכך של חול.** (שבת קיג)

16 **לא יהא מלבושך של שבת כמלבושך של חול.** (שבת קיג)

17 **מי שטרח בערב שבת, יאכל בשבת.** (עבודה זרה ג)

18 **נהר סמבטיון מושך אבנים כל ימות השבוע ובשבת הוא נח.** (לפי בראשית רבה יא)

שבת

1 שבת טרויערט מען נישט.

2 אין זכות פון אָפּהיטן שבת וועלן יידן אויסגעלייזט ווערן.

3 מיטן שבת קומט די רו.

4 ווער עס היט אָפּ שבת, איז גלייך ווי ער וואָלט מקיים געווען די גאַנצע תורה.

5 דער שבת איז געגעבן געוואָרן יידן נאָר פון פאַרגעניגן וועגן.

6 אַ דערהויבענע נשמה גיט גאָט אַריין דעם מענטשן ערב שבת.

7 שלאָפן שבת איז אַ פאַרגעניגן. די אותיות פון וואָרט ש—ב—ת מאַכן: שינה בשבת תענוג.

8 שבת גיט צו הייליקייט די יידן.

9 שבת האָבן יידן באַקומען די תורה.

10 שבת באַשטייט קעגן אַלע מצוות.

11 כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ מענטשן פאַרשוועכט מען דעם שבת.

12 „שוואַרץ בין איך, דאָך שיין" — שוואַרץ בין איך אַ גאַנצע וואָך, אָבער שיין בין איך שבת.

13 ווער עס פייערט שבת מיט פרייד, דעם גיט מען אַלע זיינע פאַרלאַנגען.

14 מאַך דיין שבת וואָכעדיק. אַבי נישט אָנצוקומען צו קיין מענטשן.

15 זאָל דיין גאַנג נישט זיין אום שבת, ווי אינדערוואָכן.

16 זאָל דיין אָנטועכץ נישט זיין שבת, ווי אינדערוואָכן.

17 ווער עס גרייט אָן פרייטיק, דער עסט שבת.

18 דער טייך סמבטיון שלעפט שטיינער אַ גאַנצע וואָך און שבת רוט ער.

19 תבשיל של שבת ריחו נודף. (שבת קיט)

20 יותר משמשרו בני ישראל את השבת, שמרה השבת על בני ישראל. (אחד העם)

21 אפילו תינוק בן יומו חי מחללין עליו את השבת. (שבת קיא)

22 „ושמרתם את השבת כי קודש היא לכם" — היא מסורה בידכם ולא אתם מסורים בידה. (יומא פה)

23 מחמין חמים לחולה בשבת בין להשקותו בין להברותו. (תוספתא דשבת טז)

24 אין עושים דברים הללו (עבודות בשבת למען החולה) לא על־ידי נכרים ולא על־ידי קטנים, אלא על־ידי גדולי ישראל. (תוספתא דשבת טז)

25 מכבין ומפסיקין בפני הדליקה בשבת, והזריז הרי זה משובח. (יומא פד)

26 נר קרויה נר ונשמתו של אדם קרויה נר, מוטב תכבה (בשבת) נרו של בשר ודם מפני נרו של הקב"ה. (שבת ל)

27 זכור את יום השבת לקדשו. (שמות כ, 8)

19 אַ שבתדיק געקעכטס שמעקט גוט.

20 מער ווי יידן האָבן אָפּגעהיט שבת, האָט שבת אָפּגעהיט די יידן (פון אַסימילאַציע).

21 אויב אַ קינד, אַפילו אין עלטער פון איין טאָג, איז אין סכנה, פאַרשוועכט מען דעם שבת, כדי עס צו ראַטעווען.

22 „היט אָפּ דעם שבת, ווייל ער איז הייליק פאַר אייך" — שבת איז פאַר מענטשן, און נישט מענטשן זענען פאַר שבת.

23 מען וואַרעמט אָן וואַסער אום שבת פאַר אַ קראַנקן, כדי אים צו געבן צו טרינקען אָדער אַרומצוואַשן אים.

24 דער טיפּול פאַר אַ קראַנקן אום שבת ווערט נישט געמאַכט דורך נישט־יידן אָדער קליינע קינדער, נאָר דורך דערוואַקסענע יידן.

25 מען לעשט און מען שטעלט אָפּ דאָס פייער ביי אַ שריפה אום שבת. ווער עס פּלייסט זיך אין דער אַרבעט, איז געלויבט.

26 אַ געוויינלעכע זאַך, וואָס ברענט און לייכט, הייסט ליכט, און אויך די נשמה פון אַ מענטשן רופט מען ליכט. גלייכער צו פאַרלעשן שבת אַ געוויינלעך ליכט, וואָס עס האָט געמאַכט און אָנגעצונדן אַ בשר־ודם, אַבי עס זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן דאָס ליכט (נשמה) וואָס שטאַמט פון גאָט.

27 געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק.

שיחה ושתיקה

1 נוצר פיו — שומר נפשו. (משלי יג, 3)

2 מות וחיים ביד לשון. (משלי יח, 21)

3 שומר פיו ולשונו — שומר מצרות נפשו. (משלי כא, 23)

4 גם אויל מחריש, חכם יחשב. (משלי יז, 28)

5 עץ נטוע בפריו יודע, ולב גבר — במוצא שפתיו. (בן־סירא)

6 עת לחשות ועת לדבר. (קוהלת ג, 7)

7 מרבה דברים, מרבה שטות. (מאמר מרדכי)

8 שמע הרבה ודבר מעט. (פתגם עממי)

9 מהלומה עוברת, מלה נשארת. (פתגם עממי)

10 דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב. (פתגם עממי)

11 שתיקה נאה קשה מאמירה נאה. (פתגם עממי)

12 הגרוע בבני אדם הוא מי שכוח לשונו עולה על כוח שכלו.
(ר׳ משה אבן עזרא)

13 דברים שאינם יוצאים מן הלב, לא יעברו דרך האוזן.
(ר׳ משה אבן עזרא)

14 אריכות היא לשון הכסילות. (ר׳ משה אבן עזרא)

15 דע מה שתשיב לאפיקורס. (אבות ב, יט)

16 סיג לחכמה שתיקה. (אבות ג, יג)

17 מלה בסלע, משתוקא בתרין. (מגילה יח)
(מלה בסלע ושתיקה בשניים)

18 כל המרבה דברים מביא חטא. (אבות א, יז)

רעדן און שווייגן

1 ווער עס היט אָפּ זיין מויל, דער היט אויס זיין נפש.

2 טויט און לעבן הענגען אָפּ פון דער צונג.

3 ווער עס היט אָפּ זיין מויל און צונג, דער היט זיך אויס פון צרות.

4 אויב אַ נאַר שווייגט, גייט ער אויך אָן פאַר אַ חכם.

5 אַ געפלאַנצטן בוים דערקענט מען לויט זיינע פירות, און אַ האַרץ פון אַ מענטשן — לויט זיין רעדן.

6 פאַראַן אַ צייט צו שווייגן און אַ צייט צו רעדן.

7 ווער עס רעדט אַ סך, דער רעדט אַ סך נאַרישקייטן.

8 הער אַ סך און רעד ווייניק.

9 אַ קלאַפּ פאַרגייט, אַ וואָרט באַשטייט.

10 רייד וואָס גייען אַרויס פון האַרצן, דרינגען אַריין אין האַרצן.

11 שיין שווייגן איז שווערער פון שיין רעדן.

12 דער ערגסטער צווישן מענטשן איז דער, וואָס זיין צונג איז שאַרפער פון זיין שכל.

13 רייד וואָס גייען נישט אַרויס פון האַרצן, דרינגען נישט אַריין אין אויער.

14 רעדן באריכות איז דאָס לשון פון נאַראָנים.

15 ווייס, וואָס צו ענטפערן אַן אַפיקורס.

16 דאָס שווייגן איז אַ צוים פאַר חכמה.

17 אַ וואָרט איז אַ טאָלער און שווייגן איז צוויי.

18 אַ סך רייד פירן צו זינד.

19 **חכמים, הזהרו בדבריכם.** (אבות א, יא)

20 **אמור מעט ועשה הרבה.** (אבות א, טו)

21 **אם ברור לך הדבר כבוקר — אמרהו, ואם לאו — אל תאמרהו.** (סנהדרין ז)

22 **מי שלבו צר — לשונו רחב.** (מבחר הפנינים)

23 **תחילת החכמה שתיקה.** (מבחר הפנינים)

24 **הוה דן דבריך עד שלא תוציא מפיך.** (דרך־ארץ זוטא ג)

25 **חכם אינו נכנס לתוך דברי חברו, ואינו נבהל להשיב, שואל כענין ומשיב כהלכה.** (אבות ה, ז)

26 **אדברה וירוח לי.** (איוב לב, 20)

27 **שיחה בלא עתה כשיר על לב אבל.** (בן־סירא)

28 **יפה שתיקה לחכמים, קל וחמר לטפשים.** (פסחים צט)

29 **אם ישמע אדם דבר שאינו הגון יניח אצבעותיו באזניו.** (כתובות ה)

30 **לעולם אל יוציא אדם דבר מגונה מפיו.** (פסחים ג)

31 **כל המנבל את פיו מעמיקין לו גיהנום.** (שבת לג)

32 **לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן.** (ברכות ס)

33 שלש שינין הן: **ש**ור, **ש**מע ו**ש**תוק. (פתגם עממי)

34 **לא מצאתי לגוף טוב משתיקה.** (אבות א)

35 **לעולם יהיו דבריו של אדם מועטין.** (ברכות סא)

36 **לעולם יהא אדם זהיר בתשובותיו.** (מגילה כה)

37 **חשוק שפתותיך זו בזו ואל תבהל להשיב.** (עבודה זרה לה)

19 חכמים, זייט פֿאָרזיכטיק מיט אייערע רייד.

20 רעד ווייניק און טו אַ סך.

21 אויב די זאַך איז דיר קלאָר ווי דער פרימאָרגן — זאָג אַרויס, און אויב נישט — זאָלסטו שווייגן.

22 ווער עס האָט אַ קליין האַרץ, דער פֿאַרמאָגט אַ לאַנגע צונג.

23 שווייגן איז דער אָנהייב פֿון חכמה.

24 באַטראַכט גוט דיינע רייד, איידער דו ברענגסט זיי אַרויס פֿאַרן מויל.

25 אַ חכם רייסט זיך נישט אַריין אין מיטן יענעמס רייד, איילט זיך נישט צו ענטפֿערן, פֿרעגט צום ענין און ענטפֿערט צו דער זאַך.

26 לאָמיך מיר אַראָפּרעדן פֿון האַרצן, וועט מיר לייכטער ווערן.

27 דאָס ריידן נישט אין דער פּאַסיקער צייט, איז ווי אַ פֿריילעך ליד פֿאַרן אָבל.

28 שווייגן איז שיין פֿאַר חכמים און אוודאי פֿאַר נאַראָנים.

29 אויב אַ מענטש הערט גראָבע רייד, זאָל ער פֿאַרשטאָפּן מיט די פֿינגער זיינע אויערן.

30 אַ מענטש זאָל קיינמאָל נישט אַרויסברענגען פֿאַרן מויל מיאוסע רייד.

31 ווער עס רעדט גראָבע רייד, דער זינקט אַלץ טיפֿער אין גהינום.

32 אַ מענטש זאָל קיינמאָל נישט פֿאַרויסזאָגן קיין שלעכטס.

33 דריי ווערטער הויבן זיך אָן מיטן אות „ש״: **ש**ור (קוק), **ש**מע (הער) ו**ש**תוק (און שוייג).

34 איך האָב נישט געפֿונען קיין געזונטערע זאַך פֿאַרן גוף, ווי שווייגן.

35 שטענדיק זאָל אַ מענטש רעדן וואָס ווייניקער.

36 שטענדיק זאָל אַ מענטש זיין פֿאָרזיכטיק מיט זיין ענטפֿער.

37 פֿאַרקלעם דיינע ליפּן און אייל דיך נישט צו ענטפֿערן.

38 **אל ישמיע אדם לאזניו דברים בטלים.** (כתובות ה)

39 **אין יתרון לבעל הלשון.** (קוהלת י, 11)

40 **דבר שפתים אך למחסור.** (משלי יד, 23)

41 **חושך אמריו יודע דעת.** (משלי יז, 27)

42 **חושך שפתיו משכיל.** (משלי י, 19)

43 **אויל שפתים ילבט.** (משלי י, 10)

44 **אגרא דבי הילולי — מלי.** (ברכות ו)
(**שכר בית המשתה — שיחת דברים**)

45 **אגרא דבי טמיא — שתיקותא.** (ברכות ו)
(**שכר בית האבל — השתיקה**)

46 מפני מה אוזן כולה קשה והאליה רכה? **שאם ישמע אדם דבר שאינו הגון, יכוף אליה לתוכה.** (כתובות ה)

47 **פעמים** שאדם שותק ומקבל שכר על שתיקתו ופעמים שאדם מדבר ומקבל שכר על דבורו. (זבחים קטו)

48 **לעולם יספר אדם בלשון נקיה.** (פסחים ג)

38 אַ מענטש זאָל נישט אַרויסברענגען פֿאַרן מויל קיין פּוסטע רייד.

39 דער מאַן מיט דער צונג איז נישט מער ווערט פֿון אַן אַנדערן.

40 אַ סך רייד זענען נאָר צום שאָדן.

41 אַ מענטש פֿון וויסן איז שפּאָרעוודיק אין זיינע ווערטער.

42 דער וואָס קאַרגט מיט זיינע ווערטער, איז אַ קלוגער.

43 אַ נאַר אַ פּלאַפּלער ווערט געשטרויכלט.

44 נאָר אויף אַ שמחה (ביי אַ סעודה) באַקומט מען שכר פֿאַרן רעדן.

45 אין שטוב פֿון אַן אָבל ווערט מען באַלוינט פֿאַרן שווייגן.

46 פֿאַרוואָס איז דאָס גאַנצע אויער האַרט און דאָס אויערלעפּל ווייך ? —
אויב אַ מענטש הערט מיאוסע רייד, זאָל ער אַריינבויגן דאָס אויער־
לעפּל אינעווייניק.

47 אַמאָל באַקומט מען שכר פֿאַרן שווייגן און אַמאָל פֿאַרן רעדן.

48 תמיד זאָל אַ מענטש באַנוצן אין שמועס אַ ריינעם לשון.

שכל

1 **השכל אור באדם.** (מ. קורדובירו)

2 **בשכל יש כול, ובלתו יהי שממון.** (שמואל הנגיד)

3 **השכל הוא בן־חורין.** (מדרשי התורה)

4 **השכל מתן, וההשכלה קנין.** (ש. בן־גבירול)

5 **השכל — שליח ה׳.** (א. אבן־עזרא)

6 **מקור חיים שכל בעליו.** (משלי טז, 22)

7 **כשאתה מוצא שכלך פגום, השחיזהו על־ידי חכם.** (מ. אבן־עזרא)

8 **המתנה היותר טובה שיש לאדם הוא השכל.** (מ. אבן־עזרא)

9 **השכל ניצל מכל פגע.** (לפי חובות הלבבות)

10 **הויכוח בדבר שאין השכל יכול לתפוס אותו הוא חטא.** (מ. אבן־עזרא)

11 **אבדת השכל אינה נמצאת.** (מבחר הפנינים)

12 **אין לך דבר שמחדד השכל כמוסר וחכמה.** (מבחר הפנינים)

13 **השכל לכל חכמה כשורש.** (שמואל הנגיד)

14 **האזנים הן שערי השכל.** (מ. אבן־עזרא)

15 **משל בלי שכל כגוף בלי רגל.** (א. אבן־עזרא)

16 **לפי שמלתו יקדמו איש בבואו, ולפי שכלו — בצאתו.** (משלי יהושע)

17 **אין שום דבר בשכל, שלא יהיה תחילה בחוש.** (י. אברבנאל)

שכל

1 שכל איז ליכט אינעם מענטש.

2 אין שכל איז דאָ אַלץ, און אָן אים איז אַ וויסטקייט.

3 דער שכל איז פריי.

4 שכל איז אַ געשאַנק, און בילדונג דעראָבערט מען.

5 דער שכל איז גאָטס שליח.

6 שכל איז אַ לעבנס־קוואַל פאַר דעם מענטש, וואָס פאַרמאָגט אים.

7 זעסטו, אַז דיין שכל איז אָפּגעטעמפּט, שאַרף אים אויס ביי אַ חכם.

8 שכל איז די בעסטע מתנה, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט.

9 דער שכל איז פריי פון יעדער פּלאָג.

10 דער וויכוח איבער אַ זאַך, וואָס דער שכל באַגרייפט נישט, איז אַ חטא.

11 פאַרלוירענעם שכל קאָן מען נישט צוריקגעפינען.

12 נישטאָ נאָך אַ זאַך, וואָס שאַרפט דעם שכל ווי מוסר און חכמה.

13 דער שכל איז אַ שורש פאַר יעדער חכמה.

14 די אויערן זענען טויערן פאַרן שכל.

15 אַ משל אָן שכל איז ווי אַ גוף אָן פיס.

16 לויט דעם בגד נעמט מען אויף דעם מענטשן ביי זיין קומען, און לויט זיין שכל שעצט מען אים ביים אַוועקגיין.

17 נישטאָ קיין שום זאַך אין שכל, וואָס זאָל פריער נישט זיין אין איינעם פון די חושים.

שיכרות

1 **אין לך דבר שמביא יללה על האדם אלא היין.** (ברכות מ)

2 **אל תשבור גופך להשתכר מיין, פן תהיה מגונה ותנבל את פיך ותתחרט.** (ר' אשר)

3 **היין נקרא חֶמֶר, כי על־ידו נעשה האדם כחמור אין הבין.** (כלי יקר)

4 **היין גורם ארבעה דברים: עבודה זרה וגילוי עריות ושפיכת דמים ולשון־הרע.** (תנחומא, שמיני)

5 **היין גורם מצה ומריבה ומדנים.** (י. אבן־נחמיאש)

6 **יין אחריתו דם.** (סנהדרין ע)

7 **כל מקום שאתה מוצא יין, אתה מוצא כשלון.** (תנחומא נח)

8 **יין מאדים פניהם של הרשעים בעולם הזה ומלבין פניהם לעולם הבא.** (סנהדרין ע)

9 **כל המשתכר הרי זה חוטא ומגונה ומפסיד חכמתו.** (רמבם)

10 **שכור שמתפלל כאלו עובד עבודה זרה.** (ברכות לא)

11 **כל מקום שיש יין, אין דעת.** (במדבר רבה י)

12 **על היין אל תתגבר, כי רבים הכשיל תירוש.** (בן־סירא)

13 **השכרות היא בגדר איבוד לדעת זמני.** (פתגם סופרים)

14 **בככוס טיבע יותר אנשים מאשר נפטון.** (פתגם רומי)

15 **השכור נותן עינו בכוס והחנווני בכיס.** (תנחומא, שמיני)

16 **השכור ניכר בחטמו.** (פתגם עממי)

שיכרות

1 נישטאָ נאָך אַ זאַך, וואָס זאָל ברענגען יאָמער אויפן מענטש, ווי דער ווײַן (שיכרות).

2 זאָלסט נישט צעברעכן דײַן גוף דורך אָנשיכורן זיך מיט ווײַן, טאָמער וועסטו זײַן צו שאַנד, וועסט רעדן ניבול־פּה און שפּעטער חרטה האָבן.

3 ווײַן הייסט חמר, ווײַל דורך אים ווערט דער מענטש ווי אַ המור (אַן אייזל) אַן פֿאַרשטאַנד (וואָרטשפּיל: חמר—חמור).

4 ווײַן (שיכרות) איז גורם צו פֿיר (שלעכטע) זאַכן: צו עבודה־זרה, צו געשלעכטלעכער אויסגעלאַסנקייט, צו בלוט־פֿאַרגיסונג און צו לשון־הרע.

5 ווײַן (שיכרות) ברענגט צו געראַנגל, קריג און געשלעג.

6 דער סוף פֿון ווײַן (שיכרות) איז בלוט.

7 אין יעדן אָרט וווּ דו טרעפֿסט ווײַן (שיכרות), טרעפֿסטו שטרויכלונג.

8 ווײַן (שיכרות) מאַכט רויט די פּנימער פֿון די רשעים אויף דער וועלט און מאַכט זיי בלאַס (פֿאַרשעמט זיי) אויף יענער וועלט.

9 ווער עס שיכורט, דער זינדיקט, איז מיאוס און פֿאַרלירט זײַן חכמה.

10 אַ שיכור וואָס דאַוונט, איז ווי ער וואָלט געדינט עבודה־זרה.

11 דאָרט וווּ עס איז פֿאַראַן ווײַן (שיכרות), איז נישטאָ קיין וויסן.

12 זאָלסט זיך נישט פֿאַרמעסטן מיטן ווײַן (שיכרות), ווײַל ער האָט שוין געשטרויכלט אַ סך מענטשן.

13 שיכרות איז ווי אַ צײַטווײַליקער זעלבסטמאָרד.

14 דער (מיטאָלאָגישער) שיכרות־גאָט באַקכוס האָט מער מענטשן דער־טרונקען (אין גלעזל) ווי דער (מיטאָלאָגישער) ים־גאָט נעפּטאָן.

15 דער שיכור האַלט אין איין קוקן אין גלעזל און דער קרעמער — אין טאַש.

16 דעם שיכור דערקענט מען לויט זײַן נאָז.

שלום

1 **וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות.** (ישעיה ב, 4)

2 **לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה.** (ישעיה ב׳ 4)

3 **שלום, שלום לרחוק ולקרוב.** (ישעיה נז, 19)

4 **אין לך כלי מחזיק ברכה יותר מן השלום.** (ירושלמי, ברכות פ״ב)

5 **לא מצא הקב״ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום** (סוף עוקצין)

6 **הווה מתלמידיו של אהרן: אוהב שלום ורודף שלום.** אבות פ״א מ״יב)

7 **תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם.** (ברכות סד)

8 **אלמלא שנתן הקב״ה שלום בארץ, היתה החרב והחיה משכלת את הארץ.** (ברייתא דפרק השלום)

9 **על שלשה דברים העולם עומד: על הדין ועל האמת ועל השלום.** (אבות א׳, יח)

10 **אין הברכות מועילות כלום, אלא אם כן שלום עמהם.** (במדבר רבה יא)

11 **אין הקב״ה מנחם את ירושלים אלא בשלום.** (דברים רבה ה)

12 **אין הקב״ה מבשר את ישראל שיהיו נגאלים אלא בשלום.** (דברים רבה ה)

13 **גדול השלום ושנואה המחלוקת.** (ספרי, נשא מב)

14 **גדול השלום שאפילו עובדי ע״ז ושלום ביניהם אין השטן נוגע בהם.** ספרי, נשא מב)

15 **לא הקפידה התורה לרדוף אחר המצוות... אבל אחר השלום: „בקש** שלום ורדפהו״. (במדבר רבה יט)

שלום

1 זיי (פעלקער) וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן — אויף צווייג־מעסערס.

2 אַ פּאָלק קעגן אַ פּאָלק וועט נישט מער אויפהויבן קיין שווערד און מען וועט נישט לערנען מלחמה.

3 שלום פאַרן ווייטן און פאַרן נאָענטן.

4 נישטאָ נאָך אַזאַ אינסטרומענט, וואָס ברענגט גליק (דער מענטשהייט), ווי דער שלום.

5 גאָט האָט נישט געפונען קיין זאַך, וואָס זאָל ברענגען גליק די יידן, ווי דער שלום.

6 זיי פון אהרנס תלמידים, האָב ליב דעם שלום און יאָג זיך נאָך אים.

7 תלמידי חכמים מערן (שטאַרקן) דעם שלום אויף דער וועלט.

8 ווען גאָט וואָלט נישט געגעבן דעם שלום, וואָלטן די שווערד און חיות פאַרטיליקט אַלצדינג אויף דער ערד.

9 אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף געזעץ, אויף אמת און אויף שלום.

10 קיין שום ברכות ברענגען נישט קיין גליק אויף דער וועלט, אויב עס הערשט נישט קיין שלום.

11 מיט קיין אַנדערער זאַך האָט גאָט נישט געטרייסט ירושלים, נאָר מיט שלום.

12 גאָט זאָגט אָן יידן, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן נאָר דורך שלום.

13 גרויס איז דער שלום און פאַרהאַסט איז די מחלוקת.

14 גרויס איז דער שלום. אויב געצנדינער לעבן בשלום קאָן זיי דער שטן קיין שלעכטס נישט טון.

15 נאָך קיין שום מצוות פאַרלאַנגט נישט די תורה, מען זאָל זיך נאָך זיי יאָגן, נאָר נאָך שלום: „זוך דעם שלום און יאָג זיך נאָך אים״.

16 **וגר זאב עם כבש, ונמר עם גדי ירבץ, ועגל וכפיר ומריא יחדיו, ונער קטן נוהג בם.** (ישעיה יא, 6)

17 **ופרה ודוב תרעינה, יחדיו ירבצו ילדיהן, ואריה כבקר יאכל תבן.** (ישעיה יא, 7)

18 **ושעשע יונק על חור פתן.** (ישעיהו יא, 8)

19 **צדק ושלום נשקו.** (תהלים פה, 11)

20 **כל נתיבותיה שלום.** (משלי ג׳, 17)

21 **בקש שלום ורדפהו.** (תהלים לד, 15)

22 **אין שלום, אמר ה׳, לרשעים.** (ישעיה מח, 22)

23 **מותר לו לאדם לשנות בדבר השלום.** (יבמות סה)

24 **גדול השלום שכל הברכות כלולות בו.** (ויקרא רבה ט)

25 **גדול השלום שכל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם.** (רמבם)

26 **השלום שקול כנגד הכול.** (ספרא, מחקותי)

27 **מותר לשקר בשביל להטיל שלום בין אדם לחברו.** (בריתא, שלום)

16 אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס, אַ לעמפּערט מיט אַ ציגעלע וועט הויערן (ליגן), אַ קאַלב, אַ יונגלייב און אַ פעטע רינד באַנאַנד, און אַ קליין יינגל וועט זיי פירן.

17 אַ קו מיט אַ בער וועלן זיך (צוזאַמען) פיטערן, באַנאַנד וועלן הויערן (ליגן) זייערע יונגע; און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי.

18 אַ זויגעדיק קינד וועט זיך שפּילן ביים לאָך פון אַ שלאַנג.

19 צדק מיט שלום צעקושן זיך (גייען האַנט ביי האַנט).

20 אַלע וועגן פון דער תורה פירן צו שלום.

21 זוך שלום און יאָג זיך נאָך אים.

22 נישטאָ קיין שלום, זאָגט גאָט, פאַר די רשעים.

23 צוליב שלום-טעמים מעג אַ מענטש ענדערן זיינע ווערטער.

24 גרויס איז שלום, ווייל ער אַנטהאַלט אַלע ברכות.

25 שלום איז אַ גרויסע זאַך. די גאַנצע תורה איז געגעבן געוואָרן, כדי איינצושטעלן שלום אויף דער וועלט.

26 שלום באַשטייט קעגן אַלץ.

27 מען מעג זאָגן אַ ליגן, כדי איינצושטעלן שלום צווישן מענטשן.

שמחה

1 משנכנס אדר מרבים בשמחה. (תענית כט)

2 שמחה מביאה לידי יראת שמים. (בעש"ט)

3 חייב אדם לעבוד את ה' מתוך שמחה. (בעש"ט)

4 אין מערבין שמחה בשמחה. (מועד קטן ח)

5 אין שמחה אלא ביין. (פסחים קט)

6 אין שמחה אלא בבשר. (פסחים קט)

7 אין שמחה בלא אכילה ושתיה. (מועד קטן ט)

8 חייב אדם לשמח בניו ובני ביתו ברגל. (פסחים קט)

9 עשו מועדיכם בשמחה. (תענית יא)

10 לב שמח ייטיב גהה. (משלי יז, 22)

11 ושמחת בחגך. (דברים טז, 14)

12 לב שמח ייטיב פנים ובעצבת לב רוח נכאה. (משלי טו, 13)

13 והיית אך שמח. (דברים טז, 14)

14 על־ידי השמחה בא שלום לעולם. (ר' נחמן מברסלב)

15 הוי מקבל את כל האדם בשמחה. (אבות ג)

16 המצער עצמו מכל דבר נקרא חוטא. (נזיר יט)

17 כשישראל אוכלים ושותים מתחילים בדברי תורה. (מגילה יב)

18 מי שלא ראה שמחת בית השואבה, לא ראה שמחה מימיו. (סוכה נא)

שמחה

1 ווען עס קומט אָן דער חודש אָדר פאַרמערט מען די שמחה.

2 שמחה פירט צו גאָטספאָרכטיקייט.

3 אַ מענטש דאַרף דינען גאָט מיט שמחה.

4 מען מישט נישט איין שמחה מיט דער אַנדערער.

5 נישטאָ קיין שמחה אָן ווייַן.

6 נישטאָ קיין שמחה אָן פלייש.

7 נישט פאַראַן קיין שמחה אָן עסן און אָן טרינקען.

8 אַ מענטש דאַרף יום־טוב פריילעך מאַכן זיין משפחה.

9 פייערט די יום־טובים מיט שמחה.

10 אַ פריילעך האַרץ איז אַ גוטע רפואה.

11 זאָלסט זיך פרייען אין דיין יום־טוב.

12 אַ פריילעך האַרץ מונטערט אויף דעם פנים, און פון האַרצקלעמעניש ווערט דאָס געמיט דערשלאָגן.

13 זאָלסט זיין לויטער פריילעך.

14 שמחה ברענגט שלום אויף דער וועלט.

15 נעם אויף יעטוועדן מענטש מיט שמחה.

16 ווער עס איז זיך מצער פון אַלץ, איז אַ זינדיקער.

17 ווען יידן עסן און טרינקען הייבן זיי אָן די מסיבה מיט דברי תורה.

18 עס האָט נאָך קיינער אין זיין לעבן נישט געזען קיין שענערע שמחה, ווי די פייערונג פון וואַסער־גיסן (אַמאָל ביי יידן אין דער צווייטער נאַכט סוכות).

19 **מיחייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי.** (מגילה ז)

(חייב אדם להשתכר בפורים עד שלא ידע להבדיל בין „ארור המן" ל„ברוך מרדכי")

20 **גדולה לגימה שמקרבת את הרחוקים.** (סנהדרין קג)

19 פורים דאַרף מען זיך אָנשיכורן, אַז מען זאָל נישט וויסן אונטערצו־
שיידן צווישן די ווערטער: „פאַרשאָלטן זאָל זיין המן" און „געבענטשט
זאָל זיין מרדכי".

20 אַ סעודה (דאָס טרינקען „לחיים") דערנענטערט מענטשן איינע צו די
אַנדערע.

תורה וחכמה

1 **אורה זו תורה.** (מגילה טז)

2 **אותיות מחכימות.** (יוסף לקח)

3 **אין ברית אלא תורה.** (ברכות ה)

4 **אין טוב אלא תורה.** (ברכות ה)

5 **אין כבוד אלא תורה.** (אבות פו)

6 **אין מוקדם ומאוחר בתורה.** (פסחים ו)

7 **תורה מגילה מגילה נתנה.** (גיטין ס)

8 **הדר תורה חכמה.** (ויקרא רבה טז)

9 **הדר בני אדם תורה.** (תנחומא, בראשית)

10 **העולם עומד על התורה.** (לפי תנחומא, בראשית)

11 **יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך.** (קוהלת ב, 13)

12 **לפי שכלו יהולל איש.** (משלי יב, 8)

13 **עץ חיים היא למחזיקים בה.** (משלי ג, 18)

14 **יקרה היא מפנינים.** (משלי ג, 15)

15 **טובה תורה מכל סחורה.** (פתגם עממי)

16 **דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום.** (משלי ג, 17)

17 **אין עני אלא בדעה.** (נדרים מא)

18 **הפוך בה והפוך בה דכולה בה.** (אבות ה)

19 **אין מקרא יוצא מידי פשוטו.** (שבת סג)

תורה און חכמה

1 ליכט — איז תורה.

2 אותיות מאַכן קלוג דעם מענטשן.

3 נישט פאַראַן קיין בעסערער פריינטשאַפטס־בונט ווי די תורה.

4 נישטאָ קיין אַנדער גוטס, נאָר די תורה.

5 נישט פאַראַן קיין אַנדער כבוד, נאָר די תורה.

6 נישטאָ קיין „פריער" און קיין „שפּעטער" אין דער תורה. געמיינט: די תורה איז נישט געשריבן לויט אַ כראָנאָלאָגישן סדר פון געשעענישן.

7 די תורה איז געשריבן געוואָרן מגילותווייז.

8 חכמה איז די פּראַכט פון דער תורה.

9 תורה איז די פּראַכט פון דער מענטשהייט.

10 די וועלט שטייט אויף תורה.

11 די מעלה פון חכמה איבער נאַרישקייט איז אַזוי ווי די מעלה פון ליכטיקייט איבער פינצטערניש.

12 וועדליק זיין שכל ווערט אַ מענטש געלויבט.

13 חכמה איז אַ לעבנסבוים פאַר די, וואָס האַלטן זי פעסט.

14 חכמה איז טייערער פון פּערל.

15 תורה איז די בעסטע סחורה.

16 די וועגן פון חכמה פירן צו צופרידנקייט און אירע שטעגן — צו שלום.

17 דער אמתער אָרעמאַן איז דער, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין וויסן.

18 זוך און זוך אין דער תורה, ווייל אין איר איז אַלץ פאַראַן.

19 יעדער פּסוק אין דער תורה האָט זיין פּשוטן טייטש.

20 **אלמלא בינה אין העולם מתקיים.** (אותיות דרבי עקיבא)

21 **אם אין תורה אין דרך־ארץ, אם אין דרך־ארץ אין תורה.** (אבות ה)

22 **אם אין קמח אין תורה, אם אין תורה אין קמח.** (אבות ג)

23 **תורה לשמה זו היא תורה של חסד.** (סוכה מט)

24 **תורה מחזרת על אכסניה שלה.** (בבא מציעא פה)

25 **תורה מונחת בקרן זוית.** (לפי קידושין סו)

26 **זכה — נעשית לו סם־חיים.** (יומא עב)

27 **אפילו דברי תורה שנתנו מלמעלה לא נתנו אלא במידה.** (ויקרא רבה טו)

28 **העולם ומלואו לא נברא אלא בזכות התורה.** (פסחים נד)

29 **תורה מתשת כוחו של אדם** (לפי סנהדרין כו)

30 **האזנים הן שערי השכל.** (ר׳ משה בן עזרא)

31 **קנה הכמה במקצת הונך, ואם לא תוכל לקנותה, תן כל הונך.**
(ר׳ אברהם בן עזרא)

32 **אוהב מוסר אוהב דעת.** (משלי יב, 1)

33 **דעת לנפשך ינעם.** (משלי ב׳, 17)

34 **החכמה תחיה בעליה.** (קוהלת ז, 12)

35 **החכמה תעוז להכם מעשרה שליטים.** (קוהלת ז, 19)

36 **התורה ניתנה חינם לכל באי העולם.** (מכילתא, יתרו)

20 אָן פאַרשטאַנד (וויסן) קאָן די וועלט קיין קיום נישט האָבן.

21 אָן תורה איז נישטאָ קיין דרך־ארץ און אָן דרך־ארץ איז נישט פאַראַן קיין תורה.

22 אָן עסן איז נישט מעגלעך קיין תורה־לערנען און אָן תורה איז נישט פאַראַן קיין עסן. געמיינט: קולטור און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג הענגען אָפּ איינע פון דער אַנדערער.

23 די תורה פון גענאָד איז די, וואָס מען לערנט זי לשמה.

24 תורה זוכט אויף איר שטענדיקע אכסניה. געמיינט: ביי געוויסע משפחות ווערט דאָס לערנען תורה אַ טראַדיציע.

25 די תורה ליגט אין אַ ווינקל. געמיינט: זי איז צוטריטלעך פאַר אַלע.

26 אַז אַ מענטש איז זוכה, ווערט די תורה פאַר אים אַ סם־חיים (לעבנס־עלעקסיר).

27 אויך די תורה איז געגעבן געוואָרן (פון הימל) מיט אַ מאָס.

28 די וועלט און אַלץ וואָס איז אין איר זענען באַשאַפן געוואָרן נאָר אין זכות פון דער תורה.

29 תורה־לערנען שוואַכט אָפּ די כוחות פונעם מענטש.

30 אויערן זענען טויערן פון שכל.

31 גיב אויס אַ טייל פון דיין געלט כדי צו דערווערבן חכמה, אויב עס איז נישט גענוג, גיב אוועק דיין גאַנץ פאַרמעגן.

32 ווער עס האָט ליב וויסן, האָט ליב מוסר.

33 וויסן וועט זיין זיס פאַר דיין נשמה.

34 די חכמה האַלט אויף דאָס לעבן פון דעם וואָס האָט זי.

35 די חכמה באַשיצט דעם חכם מער פון צען הערשער.

36 די תורה איז געגעבן געוואָרן אומזיסט פאַר אַלע מענטשן אין גאָר דער וועלט.

37 **אלו ניתנה תורה בארץ ישראל היו אומרים אומות העולם אין להם חלק בה, לפיכך ניתנה תורה במדבר דימוס, במקום הפקר, וכל הרוצה לקבל יבוא ויקבל.** (מכילתא, יתרו)

38 **אל תעשה עטרה להתגדל בה ולא קרדום לחפור בה.** (אבות ד, ה)

39 **לא ניתנה תורה למלאכי השרת.** (יומא ל)

40 **הלכה צריכה צלילות הדעת כיום שרוח צפונית מנשבת בו.** (לפי עירובין סח)

41 **לא כל המרבה בסחורה מחכים.** (אבות ב, ה)

37 ווען די תורה וואָלט געגעבן געוואָרן אין ארץ־ישראל, וואָלטן די פעל־
קער פון דער וועלט געקאָנט טענהן, אַז זיי האָבן נישט קיין חלק אין
איר, דעריבער איז זי געגעבן געוואָרן אין אַ פרייען מדבר, אין אַ
הפקר־אָרט, און ווער עס וויל נאָר קאָן זי נעמען.

38 מאַך נישט פון דער תורה קיין קרוין (זי זאָל דיר פאַרשאַפן כבוד)
און נישט קיין גראָבאייזן (אַז דו זאָלסט פון איר ציען פרנסה).

39 די תורה איז נישט געגעבן געוואָרן פאַר מלאכים.

40 צו לערנען הלכה פאָדערט זיך, אַז דער געדאַנק זאָל זיין אַזוי קלאָר,
ווי אַ זוניקער טאָג בעת עס בלאָזט אַ צפון־ווינט.

41 נישט פון אַ סך האַנדלען ווערט מען קלוג.

תלמוד תורה

1 **והגית בו יומם ולילה.** (יהושע א, 8)

2 **בני, תורתי אל תשכח.** (משלי ג, 1)

3 **הפוך בה והפוך בה דכולא בה.** (אבות ה, כב)
(הגה והגה בתורה, כי הכול כלול בה)

4 **עשה תורתך קבע.** (אבות א, טו)

5 **תלמוד תורה כנגד כולם.** (פאה פ"א)

6 **מרבה תורה — מרבה חיים.** (אבות ב, ז)

7 **קנאת סופרים תרבה חכמה.** (בבא בתרא כא)

8 **תלמוד מביא לידי מעשה.** (לפי קידושין מ)

9 **אין התורה נקנית אלא בחבורה.** (ברכות סג)

10 **אין מדרש בלא חידוש.** (לפי חגיגה ג)

11 **אשרי אדם מצא חכמה.** (מיכה ג, 13)

12 **אשרי מי שגדל בתורה ועמלו בתורה.** (ברכות יז)

13 **גדול תלמוד תורה יותר מבנין בית המקדש.** (מגילה טו)

14 **דעה קנית, מה חסרת? דעה חסרת, מה קנית?** (ויקרא רבה א)

15 **קנה־חכמה מה־טוב מחרוץ, וקנות בינה נבחר מכסף.** (משלי טז, 16)

16 **התקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך.** (אבות ב, יז)

17 **אם חכמת — חכמת לך.** (משלי ט, 12)

18 **אם למדת תורה הרבה, אל תחזק טובה לעצמך.** (אבות ב, ח)

דאָס לערנען תורה

1 זאָלסט לערנען תורה טאָג און נאַכט.

2 זון מיינער, פאַרגעס נישט די תורה.

3 זוך און גריבל זיך אַ סך אין דער תורה, ווייל אַלץ איז אין איר פאַראַן.

4 באַשטים אַ שטענדיקע צייט צום לערנען.

5 לערנען תורה איז וויכטיקער פון אַלץ.

6 מער תורה, מער לעבן.

7 קנאה פון געלערנטע מערט (פאַרגרעסערט) די חכמה.

8 דאָס לערנען ברענגט צו מעשים.

9 די תורה ווערט דערוואָרבן נאָר ווען מען לערנט צוזאַמען אין גרופּן.

10 נישטאָ קיין לערנען, אויב מען איז גאָרנישט מחדש.

11 וווּיל איז דעם מענטש, וואָס האָט דערוואָרבן חכמה.

12 וווּיל איז דעם, וואָס דערציט זיך אויף תורה און באַשעפטיקט זיך מיט איר.

13 לערנען תורה איז וויכטיקער פון בויען דעם בית המקדש.

14 האָסטו וויסן דערוואָרבן, וואָס פעלט דיר נאָך? פעלט דיר אָבער וויסן, וואָס פאַרמאָגסטו דען?

15 גלייכער צו דערווערבן חכמה, איידער גאָלד, בעסער איינצושאַפן שכל, איידער זילבער.

16 באַמי זיך צו לערנען תורה, ווייל זי גייט נישט איבער צו דיר בירושה.

17 אויב דו האָסט געלערנט, האָסטו דערוואָרבן חכמה פון דיין טובה וועגן.

18 האָסטו געלערנט אַ סך תורה, נעם זיך דערמיט נישט איבער.

19 התורה — היום לומד מעט ולמחר הרבה, לפי שאינה מתלמדת לא בשנה ולא בשנתיים. (במדבר רבה יב)

20 אוי להם לבריות שלא למדו תורה. (יומא פו)

21 אם בנערותך לא חפצתם איך תשיגם בזקנותך. (אבות דרבי נתן כד)

22 אל תאמר: לכשאפנה אשנה, שמא לא תפנה. (אבות ב, ד)

23 הלומד תורה ומשכחה דומה לאשה שיולדת וקוברת. (סנהדרין צט)

24 היגע בתלמודו בצנעה לא במהרה הוא שוכח. (ירושלמי, ברכות פ"ט)

25 אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה ואחת. (חגיגה ט)

26 אם יום תעזבנה — יומיים תעזבך. (לפי ירושלמי, ברכות פ"ט)

27 כל הלומד תורה ואינו חוזר עליה דומה לאדם שזורע ואינו קוצר. (סנהדרין צט)

28 אין דברי תורה מתקיימים אלא במי שממית עצמו עליה. (ברכות סג)

29 חביבה תורה על לומדיה בכל יום ויום כיום שניתנה מהר סיני. (ברכות סג)

30 שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה, הרי זה מושב לצים. (אבות ג)

31 שנים שיושבים ויש ביניהם דברי תורה, שכינה שרויה ביניהם. (אבות ג)

32 אין אדם עומד על דברי תורה אלא אם־כן נכשל בהם. (גיטין מג)

33 אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שמשים עצמו כמי שאינו. (סוטה כא)

34 אין לך בן חורין, אלא מי שעוסק בתלמוד תורה (אבות ו)

19 די תורה ווערט געלערנט היינט וויניק און מאָרגן מער, מען קאָן זי נישט אויסלערנען אין איין יאָר און נישט אין צוויי.

20 ווי די מענטשן, וואָס האָבן נישט געלערנט קיין תורה.

21 אויב דו האָסט נישט געוואָלט לערנען אין דיינע יונגע יאָרן, ווי אַזוי וועסטו דערגרייכן חכמה אויף דער עלטער?

22 זאָג נישט קיינמאָל: „איך וועל לערנען ווען איך וועל האָבן צייט״, ווייל טאָמער וועסטו נישט געפינען קיין פרייע צייט.

23 ווער עס לערנט תורה און פאַרגעסט זי באַלד, איז געגליכן צו אַ פרוי וואָס געווינט קינדער און באַגראָבט זיי.

24 ווער עס באַמיט זיך צו לערנען שטילערהייט, דער וועט זיינע לימודים נישט געשווינד פאַרגעסן.

25 עס קאָן זיך נישט פאַרגלייכן דער וואָס לערנט זיין פרק הונדערט מאָל, מיט דעם, וואָס חזרט איבער הונדערט און איין מאָל.

26 אויב דו לאָזט אָפּ די תורה אויף איין טאָג, פאַרלאָזט זי דיך אויף גאַנצע צוויי טעג.

27 ווער עס לערנט תורה און חזרט זי נישט איין, איז גלייך ווי איינער וואָס פאַרזייט תבואה און שניידט זי נישט.

28 תורה האַלט זיך נאָר ביי יענעם, וואָס קוועלט זיך איבער איר (וואָס איז גרייט צו ליידן איבער איר).

29 די תורה איז באַליבט ביי אירע לערנער תמיד, אַזוי ווי אין ערשטן טאָג, אין וועלכן זי איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני.

30 אַז צוויי מענטשן זיצן צוזאַמען און שמועסן נישט קיין דברי תורה, הייסט עס אַ מושב־לצים (אַן אָפּשפעטער־געזעלשאַפט).

31 אַז צוויי מענטשן זיצן צוזאַמען און זענען עוסק אין תורה, רוט צווישן זיי די שכינה.

32 פון טעותן לערנט מען זיך.

33 תורה האַלט זיך נאָר ביי יענעם, וואָס איז ביי זיך נידעריק.

34 נישטאָ קיין אמת־פרייער מענטש, נאָר דער, וואָס לערנט תורה.

35 אם אין אדם הולך אחרי דברי תורה, הם אין באים אחריו.
(מדרש משלי ב)

36 הווה גולה למקום תורה ואל תאמר שהיא תבוא אחריך. (אבות ד)

37 אפילו נכרי ועוסק בתורה הרי הוא ככהן גדול. (בבא קמא לח)

38 טוב יום אחד שאתה עוסק בתורה יותר מאלף עולות. (לפי שבת ל)

39 דברי תורה כל זמן שאדם הוגה בהם מוצא בהם טעם. (עירובין נד)

40 דברי תורה קשין לקנותן ככלי זהב ונוחין לאבדן ככלי זכוכית.
(חגיגה טו)

41 הלומד בילדותו, דברי תורה נבלעין בדמיו ויוצאין מפיו מפורשין, והלומד בזקנתו אין דברי תורה נבלעין בדמיו ואין יוצאין מפיו מפורשין.
(אבות דרבי נתן כד)

42 הלומד ילד למה הוא דומה? לדיו כתובה על נייר חדש, והלומד זקן למה הוא דומה? לדיו כתובה על נייר מחוק. (אבות ד׳ כה)

43 הלומד מן הקטנים למה הוא דומה? לאוכל ענבים קהות ושותה יין מגתו, והלומד מן הזקנים למה הוא דומה? לאוכל ענבים בשולות ושותה יין ישן. (אבות ד, כו)

44 הלומד על מנת ללמד, מספיקין בידו ללמוד וללמד. (אבות ד, ה)

45 הלומד תורה ומלמדה במקום שאין תלמיד חכם, דומה להדס במדבר, דחביב. (ראש השנה כג)

46 המבטל את התורה מעושר, סופו לבטלה מעוני. (אבות ד, ט)

47 המתרגם פסוק כצורתו, הרי זה בדאי. (קידושין מט)

35 אויב אַ מענטש זוכט נישט די תורה, וועט זי צו אים נישט קומען אַליין.

36 וואַנדער אַרויס אין אָרט, ווו מען לערנט תורה און זאָג נישט, אַז זי וועט שוין אַליין קומען צו דיר.

37 אויב אַ נישט־ייד איז עוסק אין דער תורה איז ער חשוב ווי אַ כהן גדול.

38 איין טאָג לערנען תורה איז בעסער פון טויזנט קרבנות.

39 אַז מען לערנט תורה, געפינט מען אין איר יעדעס מאָל אַ טעם.

40 תורה איז שווער צו דערווערבן, ווי גילדענע כלים און לייכט צו פאַרלירן, ווי גלעזערנע כלים.

41 ווער עס לערנט אין דער יוגנט, דרינגט אַריין די תורה אין זיין גאַנץ וועזן און קומט אַרויס פון זיין מויל קלאָר און פאַרשטענדלעך. ווער עס לערנט אויף דער עלטער, דער פאַרנעמט נישט די תורה מיט זיין גאַנץ וועזן און זי קומט אַרויס פון זיין מויל אומקלאָר און אומפאַר־שטענדלעך.

42 ווער עס לערנט קינדווייז, איז גלייך ווי מען שרייבט אויף נייעם, ריינעם פּאַפּיר. ווער עס לערנט אויף דער עלטער, איז גלייך ווי מען שרייבט אויף אַלטן, אָפּגעמעקטן פּאַפּיר.

43 ווער עס לערנט זיך ביי יונגע, איז גלייך צו איינעם, וואָס עסט נישט־צייטיקע ווינטרויבן און טרינקט וויין פון ווייַנגרוב. ווער עס לערנט זיך ביי אַלטע לערער, איז גלייך צו איינעם, וואָס עסט צייטיקע וויינ־טרויבן און טרינקט אַלטן וויין.

44 ווער עס לערנט זיך, כדי צו לערנען אַנדערע, דעם געלינגט עס.

45 ווער עס לערנט אַליין תורה און לערנט אַנדערע אין אַן אָרט ווו עס איז נישטאָ קיין אַנדערער תלמיד־חכם, איז גלייך צו אַ מירטנבוים אין דעם מדבר, וועלכער איז באַליבט ביי אַלעמען.

46 ווער עס פאַרלאָזט דאָס לערנען צוליב רייכקייט, וועט צום סוף אָפּשטעלן דאָס לערנען צוליב אָרעמקייט.

47 ווער עס זעצט איבער אַ פּסוק ווערטערלעך, דער איז אַ ליגנער (ווייל אַ ווערטערלעכע איבערזעצונג גיט נישט איבער דעם אמתן מיין).

48 **למד מאהבה וסוף הכבוד לבוא.** (נדרים סב)

49 **כשהתינוק מתחיל לדבר, אביו מדבר עמו לשון הקודש ומלמדו תורה.** (ספרי, עקב)

50 **„מחורף עצל לא יחרוש ושאל בקציר ואין" — זה שלא למד תורה בנערותו ומבקש ללמוד בזקנותו ואינו יכול.** (דברים רבה פרשה ח)

51 **יעסוק אדם בתורה ובמצוות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה.** (פסחים נ)

52 **כל עיר שאין בה תינוקות של בית רבן, מחריבין אותה.** (שבת קיט)

53 **לא בשמים היא.** (דברים ל, 12)

54 **לא מעבר לים היא.** (דברים ל, 13)

55 **עשה דברי תורה עיקר ואל תעשם טפלה.** (ספרי, ואתחנן)

48 לערן פון ליבשאַפט וועגן, און דערנאָך וועט אויך כבוד קומען.

49 ווען דאָס קינד הויבט אָן צו רעדן, רעדט מיט אים דער פאָטער לשון קודש און הייבט אָן ביסלעכווייז צו לערנען מיט אים לייכטע פסוקים פון דער תורה.

50 „צוליב קעלט אַקערט נישט דער פוילער ווינטער דאָס פעלד און שניט־צייט האָט ער נישט קיין תבואה" — אַזוי איז דער מענטש, וואָס האָט נישט געלערנט אין די יונגע יאָרן און וויל לערנען אויף דער עלטער און קאָן נישט.

51 עס מאַכט נישט אויס, אויב אַ מענטש איז עוסק אין תורה און אין מצוות שלא לשמה (מיט אַ תכלית), ווייל ער וועט דערנאָך עוסק זיין לשמה.

52 אַ שטאָט, אין וועלכער קינדער לערנען זיך נישט אין שול, וועט צום סוף חרוב ווערן.

53 די תורה איז נישט אויפן הימל.

54 די תורה איז נישט אויף יענער זייט ים.

55 מאַך דאָס לערנען תורה פאַר אַן עיקר און נישט פאַר אַ בייזאַך.

תלמידי חכמים

1 איזהו חכם? — הלומד מכל אדם. (אבות ד)

2 איזהו חכם? — הרואה את הנולד. (תמיד לב)

3 איזהו חכם? — המקיים תלמודו. (ספרי, דברים)

4 אין חכם כבעל נסיון. (מלי דאבות)

5 אין חכם בלי ספרים. (גבול בנימין)

6 חכם בלי ספרים כאומן בלא כלים. (פתגם עממי)

7 חכם קודם למלך. (הוריות יג)

8 בן חכם ישמח אב ובן כסיל תוגת אמו. (משלי י, 1)

9 הולך את חכמים יחכם. (משלי יג, 20)

10 החכם עיניו בראשו. (קוהלת ב, 14)

11 חכם עדיף מנביא. (בבא בתרא יב)

12 המשכילים יזהירו כזוהר הרקיע. (דניאל יב, 3)

13 הווה מתחמם כנגד אורם של חכמים. (אבות ב, טו)

14 מצווה לשמוע דברי חכמים. (יבמות כ)

15 תלמידי חכמים נמשלו לאגוז. (חגיגה טו)

16 תלמיד חכם שאינו קשה כברזל אינו תלמיד חכם. (תענית ד)

17 תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם. (ברכות סד)

18 תלמיד חכם שסרח אין מבזין אותו בפרהסיה. (מנחות צט)

19 כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אינו תלמיד חכם. (יומא עב)

געלערנטע

1 ווער איז אַ חכם? — דער וואָס לערנט פון יעטוועדן מענטש.

2 ווער איז אַ חכם? — דער וואָס זעט פאָר די צוקונפט (דעם רעזולטאַט).

3 ווער איז אַ חכם? — דער וואָס איז מקיים וואָס ער לערנט.

4 נישטאָ אַזאַ חכם ווי דער, וואָס האָט דערפאַרונג.

5 נישטאָ קיין חכם אָן ביכער.

6 אַ חכם אָן ביכער איז ווי אַ בעל־מלאכה אָן אינסטרומענטן.

7 אַ חכם איז חשובער פון אַ מלך.

8 אַ זון אַ חכם דערפרייט דעם פאָטערס האַרץ און אַ זון אַ נאַר פאַרשאַפט זאָרג זיין מוטער.

9 דער וואָס גייט אום מיט קלוגע, ווערט קלוג ווערן.

10 אַ חכם האָט זיינע אויגן אין קאָפּ (ער זעט אַלץ קלאָר).

11 אַ חכם איז מערער פון אַ נביא.

12 געבילדעטע מענטשן וועלן שיינען ווי די שיין פון הימל.

13 דו זאָלסט זיך וואַרעמען ביי דעם ליכט (ביים פייער) פון די חכמים.

14 עס איז אַ מצווה צו פאַרנעמען די רייד פון חכמים.

15 תלמידי חכמים זענען געגליכן צו ניס.

16 אַ געלערנטער, וואָס איז נישט האַרט ווי אייזן (וואָס האָט נישט קיין פעסטן כאַראַקטער), איז נישט קיין אמתער תלמיד חכם.

17 תלמידי חכמים מערן (שטאַרקן) דעם שלום אויף דער וועלט.

18 אַ תלמיד־חכם וואָס האָט איין מאָל געזינדיקט, טאָר מען אים נישט עפנטלעך מבזה זיין.

19 אַ געלערנטער, וועלכער איז נישט אַזוי ריין אינערלעך ווי אויסער־לעך, איז נישט קיין אמתער תלמיד חכם.

20 **חזקה על חבר שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן.** (עירובין לב)

21 **קנאת סופרים תרבה חכמה.** (בבא בתרא כא)

22 **תלמיד חכם צריך שלא יהיה בו דבר של דופי.** (שיר השירים רבה ד)

23 **תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים, חכמה נתוספת בהם.** (שבת קנב)

24 **זקני תלמידי חכמים כל זמן שמזקינים, דעתם מתישבת עליהם.** (קנים ג)

25 **דור דור ודורשיו, דור דור וחכמיו.** (סנהדרין לח)

26 **אפילו שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה תלמוד.** (עבודה זרה יט)

27 **דברו חכמים בלשון נקיה.** (סנהדרין סח)

28 **דברי חכמים בנחת נשמעים.** (קוהלת ט, 17)

29 **מרבה ישיבה, מרבה חכמה.** (אבות ב, ז)

30 **עד שהחכם בראשו של ענין הוא יודע מה בסופו.** (ירושלמי, סוטה)

31 **החכם אינו אומר את אשר עושה, ואיננו עושה את אשר לא יוכל לומר.** (ספר המידות)

32 **מים עמוקים דברי פי איש, נחל נובע מקור חכמה.** (משלי יח, 4)

33 **בשפתי נבון תמצא חכמה.** (משלי י, 13)

34 **לב נבון יבקש דעת.** (משלי טו, 14)

35 **לשון חכמים מרפא.** (משלי יב, 18)

36 **תן לחכם ויחכם עוד.** (משלי ט, 9)

37 **איש בער לא ידע.** (תהלים צב, 7)

38 **האומר דברי חכמה אפילו מהעובדי אלילים נקרא חכם.** (לפי מגילה טז)

20 אַ געלערנטער וועט נישט ארויסלאָזן פון דער האַנט אַ שאַפונג, וועלכע איז נישט פולקאָם.

21 אַ דאַנק דער קנאה פון געלערנטע פאַרמערט זיך די חכמה.

22 אַ תלמיד חכם דאַרף זיין ריין פון פעלערן.

23 תלמידי חכמים, וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ מער חכמה באַזיצן זיי.

24 תלמידי חכמים, וואָס עלטער זיי זענען, אַלץ מיושבדיקער ווערן זיי.

25 יעדער דור און זיינע פאָרשער, יעדער דור און זיינע חכמים.

26 אויך אַ געוויינלעכן שמועס פון תלמידי חכמים דאַרף מען לערנען (און פאָרשטיין).

27 חכמים רעדן מיט אַ ציכטיק לשון.

28 געלאַסענע רייד פון חכמים ווערן גערן געהערט.

29 ווער עס זיצט אַ סך און לערנט, דער מערט חכמה.

30 שוין ביים אָנהויב פון ענין ווייס דער חכם גלייך, ווי אַזוי עס וועט זיך די זאַך ענדיקן.

31 אַ חכם רעדט נישט וועגן דעם וואָס ער טוט, ער טוט אָבער נישט קיין זאַך, אויב ער זאָל נישט קענען וועגן דעם רעדן.

32 טיפע וואַסערן זענען די ווערטער פון אַ מענטשס מויל, אַ קוועליקער טייך איז דער ברונעם פון חכמה.

33 אין די רייד פון דעם פאַרשטענדיקן איז פאַראַן חכמה.

34 אַ פאַרשטענדיקער מענטש זוכט וויסן.

35 דאָס לשון פון די חכמים איז אַ היילונג.

36 דערמעגלעך דעם חכם, אַז ער זאָל נאָך מער קלוג ווערן.

37 דער פאַרגרעבטער מענטש ווייס גאָרנישט.

38 אויב אַ געצנדינער זאָגט דברי־חכמה, הייסט ער אויך אַ חכם.

39 **האומר דבר בשם אומרו, מביא גאולה לעולם.** (אבות ו)

40 **כל שחכמתו מרובה ממעשיו למה הוא דומה? לאילן שענפיו מרובים ושרשיו מועטים והרוח באה ועוקרתו והופכתו על פניו.** (אבות ג׳ כב)

41 **כל שמעשיו מרובים מחכמתו, חכמתו מתקיימת.** (אבות ג, יב)

42 **כל שמעשיו מרובים מחכמתו, חכמתו למה הוא דומה? לאילן שענפיו מועטים ושרשיו מרובים, שאפילו כל הרוחות שבעולם באות ונושבות בו אין מזיזין אותו ממקומו.** (אבות ג, כב)

43 **כל תלמיד חכם שאין בו דעה, נבלה טובה ממנו.** (ויקרא רבה א)

44 **כמה גדולים דברי חכמים!** (שבת יב)

45 **כמה טפשאי שאר אינשי, דקיימי מקמי ספר תורה ולא קיימי מקמי גברא רבא!** (מכות כב)
(כמה טפשים האנשים שקמים מפני ספר תורה ולא קמים מפני איש גדול [בתורה]!)

46 **לחכימא — ברמיזא, לשטיא — בכורמיזא.** (מדרש משלי כב)
(לחכם [די] ברמז, לשוטה — באגרוף)

47 **מברכותיו של אדם ניכר, אם תלמיד חכם הוא.** (ברכות נ)

48 **מה ברזל אחד מחדד את חברו, אף שני תלמידי חכמים מחדדים זה את זה בהלכה.** (תענית ז)

49 **מה עץ קטן מדליק את הגדול, אף תלמידי חכמים קטנים מחדדים את הגדולים.** (תענית ז)

50 **צריך תלמיד חכם להיות ערב לכל אדם, ולא יהא כקדירה שאין בה מלח.** (כלה רבתי פ״ג)

51 **תלמיד חכם צריך להיות בקי בכ״ד ספרים.** (ילקוט שיר השירים)

39 ווער עס זאָגט אַ דבר־תורה און רופט אָן דערבײַ דעם נאָמען פון וועמען ער האָט זי געהערט, ברענגט ער די גאולה אויף דער וועלט.

40 אַ תלמיד חכם, וואָס זיין חכמה איז מער פון זיינע גוטע מעשים, איז געגליכן צו אַ בוים, וואָס פאַרמאָגט אַ סך צווייגן און ווייניק וואָרצלען. דער קלענסטער שטורמווינט רייסט אים אַרויס און וואַרפט אים אום.

41 ביי אַ תלמיד חכם, וואָס זיינע גוטע מעשים זענען מער פון זיין חכמה, האַלט אָן די חכמה.

42 אַ תלמיד חכם, וואָס זיינע גוטע מעשים זענען מער פון זיין חכמה, איז גליך צו אַ בוים וואָס פאַרמאָגט ווייניק צווייגן און אַ סך וואָרצלען. מעגן בלאָזן אַלע שטורמווינטן פון דער וועלט, וועלן זיי אים נישט רירן פון אָרט.

43 אַ תלמיד חכם וואָס פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע מיינונג (און שטעלונג) איז ערגער פון אַ נבילה.

44 ווי וויכטיק זענען די רייד פון חכמים.

45 ווי נאַריש זענען די מענטשן וואָס שטעלן זיך אויף פאַר אַ ספר תורה אָבער נישט פאַר אַ גרויסן תלמיד חכם.

46 פאַר אַ קלוגן איז גענוג אַ ווונק און אַ שוטה דאַרף אַ פויסט.

47 אַ תלמיד חכם דערקענט מען לויט זיינע ברכות.

48 ווי איין אייזן שאַרפט און שלייפט דאָס אַנדערע, אַזוי אויך ווערט געשליפן און אויפגעקלערט די הלכה, ווען צוויי תלמידי חכמים לערנען צוזאַמען.

49 ווי אַ קליין שטיקל האָלץ צינדט אָן אַ גרויסן, אַזוי אויך לערנען זיך גרויסע תלמידי חכמים פון קליינע.

50 אַ תלמיד חכם דאַרף זיין אָנגענעם פאַר יעדן מענטשן און נישט זיין ווי אַ געקעכטס אָן זאַלץ.

51 אַ תלמיד חכם דאַרף זיין בקי אין פיר און צוואַנציק ספרים (פון תורה, נביאים און כתובים).

52 **אלמלא עליא לא מתקיימין אתכליא.** (חולין צב)
(אלמלא העלים שבגפן לא התקיימו האשכולות)

53 **גברא רבא אמר מילתא לא תחייכו עלה.** (ברכות יט)
(אדם גדול אמר דבר, אל תצחקו עליו)

54 מי שיש בו דעת — הכול בו, מי שאין בו דעת — מה יש בו?
(לפי נדרים מא)

55 **אי סיפא — לא ספרא, אי ספרא — לא סיפא.** (עבודה זרה י)
(אם איש חרב הוא — לא סופר, אם סופר הוא — לא איש חרב)

56 **אין נכנסין בכלי־זין לבית המדרש.** (סנהדרין פב)

52 אַן די בלעטער האַלטן נישט אַן אויף די טרויבן. געמיינט: ווען נישט די פּשוטע בעלי מלאכות און אַרבעטער האָבן די תלמידי חכמים נישט קיין קיום.

53 האָט אַ גרויסער מענטש געזאָגט עפּעס, לאַכט נישט פון דעם.

54 ווער עס פאַרמאָגט וויסן, האָט אַלץ; ווער עס האָט נישט קיין וויסן, וואָס פאַרמאָגט ער?

55 איז ער אַ פעכטער מיט אַ שווערד, איז ער נישט קיין שרייבער (געלערנטער); איז ער אַ שרייבער (געלערנטער), איז ער נישט קיין פעכטער.

56 מיט כלי־זיין טאָר מען נישט אַריינגיין אין בית־מדרש.

בהוצאה ע״ש י. ל. פרץ הופיעו עד עתה הספרים האלו:

בעברית:

יוסף רוזן	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. ברלנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית־המועצות
ג. חנין	ברלה
י. זרבבל	עלי חיים
אפרים אויערבאך	קרית לבנה—ווייסע שטאָט (עברית, יידיש)
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קביאטקובסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
נחמיה לוינסקי	בצל הגזעים
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (עברית, יידיש)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור

ביידיש:

י. זרבבל	כלעטער פון אַ לעבן (2 כרכים)
מנדל מן	נאַכט איבער גלושינא
אברהם סוצקבר	אין מדבר סיני
ישראל טבקמן	מיינע איבערלעבונגען
ש. ברלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פפירניקוב	היימישע און נאָענטע
מנדל מן	ביי דער ווייסל
ק. צטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאדט)	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
מטס דייטש	צום נאָענסטן שטערן — יידיש

יצחק לב	אין גוראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה	צען ישׂראל־דיכטער
יצחק פנר	שלום אַש אין זײַן לעצטער היים
פרץ גרנטשטין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל הופר	אַ הויף אויף פּאַקאַרנע (2 כרכים)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קורמן	צייכנס און צירופים
רבקה בסמן	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שרגל	פון ווײ און גלויבן
דוד זקליק	גוראַנגל
א. קרפינוביץ׳	דער וועג קיין סדום
א. ריבס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (2 כרכים)
הרש מנדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
יחיאל הופר	ר׳ זלמן
נ. ניר־רפלקס	ערשטע יאָרן
י. זינגר	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלקסר	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
א. שטינברג	משלים
ש. ורזגר	ברויט (רומן)
ב. וינשטין	אין דוד המלכס גיטער (פּואמה)
לוי פפירניקוב	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שושקס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
פ. ברמן	אָפענע פענצטער
מ. ויסמן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גורליק	פון די מלינער וועלטן
י. ברונשטין	אינאיינעם און באַזונדער
א. וולף יסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
א. שמרי	די פונקען פון תיקון
א. סוצקעווער	אָאַזיס

אירגון יוצאי בורשצ׳יב	ספר באָרשטשיוו
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לב	ביימער אין ווינט
אפרים אוירבך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש) —
ל. אוליצקי	מיין האַרץ־רייזע
מלכה לי	אין ליכט פון דורות
ספר זרבבל	צו זיין 75־טן געבוירנטאָג
מ. יפה	פת ומלח
י. גאַר	ווידערקלאַנגען
מ. בורשטין	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
נ. דרוזדוב	יידן אין מיטלאַלטערלעכן איטאַליע
י. זרבבל	צו זיין 75־טן געבוירנטאָג
י. פפירניקוב	די זון הינטער מיר (לידער)
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 כרכים)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
ד״ר מ. דבורזשצקי	אייראָפּע און קינדער
ק. צטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
יוסף רוטנברג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)
ש. פולקביץ	אין אַ פרעמדער הויט
ב. אפשטין	זאַנגען אויפן ווינט
מרים ריינס־מלצר	צום קוואַל
יעקב כהן	אונטער סאָוועטישע הימלען
ד״ר חיים שושקס	פון מאָסקווע ביז עבר הירדן
ב. שלוין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
ע. פרשלייסר	געקליבענע דערציילונגען
ה. אקרמן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
י. הופר	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (2 כרכים)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט — אַלבאָם
רחל פישמן	די זון איבער אַלץ
נוסיא־איניא פישמן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר...״
אירגון נכי המלחמה בנאצי	אַנטקעגן דעם נאַצישן שונא
ש. זרומב	אויסדערוויילטע שריפטן
ז. מ. טקטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
רחל קורן	פון יענער זייט ליד
איציק מנגר	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־עברית)
ל. חיין	גאַנג
ק׳ מולודובסקי	לידער פון חורבן
נוסיא־איניא שיפמן	אין יאָרן אַרום